STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09829

DER VEG KEYN SDOM

Abraham Karpinowitz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. קאַרפּינאָוויטש / דער וועג קיין סדום

א. קאַרפּינאָוויטש

דער וועג קיין סדום



פארלאג
י.ל. פרץ
ביבליאטעק
תל־אביב. ישראל

1959

A. KARPINOVITSH
DER VEG KEIN SDOM

Publishing I. L. Pertz Library
31 Allenby str., Tel-Aviv, Israel

א. קאַרפּינאָוויטש / דער וועג קיין סדום

אַרויסגעבער: פאַרלאַג י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק

תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

צייכנונגען: א. באָגען

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1959

דפוס „מגן״, רח׳ בני־ברק 20 תל־אביב

סעריע „יונג־ישראל" 5

א. קאַרפּינאָוויטש / דער וועג קיין סדום

פאַר ריווען.

אינהאלט

זייט

פאַרגעס נישט	11
דער טויט פון אַ קינסטלערין	23
גנבים	35
די מאַמע וועט נאָך ספּאַנדזשע מאַכן	51
דער וועג קיין סדום	63
דער נייער אַקאָרדיאָן	105
פאַרשפּעטיקטע בלומען	121
ווייסע הייזער	131
אַ שפּעטער פרילינג	161

פארגעס נישט

פ א ר ג ע ם   נ י ש ט

אין אַ שלאַכט פאַר אַ שטיקל פעלדז צווישן תנכישע בערג האָט אַ ייִדישער זעלנער געפאַנגען צווישן די שטיינער אַ פיינדלעכן סאָלדאַט. ווי אַ יאַשטשער האָט זיך דער געפאַנגענער אַזוי לאַנג געדרייט איבער די צעקרימטע דורכגענג און געזוכט ערגעץ אַ שפּאַלט אַנטרונען צו ווערן, ביז זיין באַכיאַגער האָט אים געצוווּנגען מיט דעם שפּיץ באַגנעט, צוגעשטעלט צו זיין רוקן, אויפצוהייבן די הענט אין דער הויך.

ביידע, דער זיגער און באַזיגטער, האָבן שווער געאָטעמט איינער קעגן אַנדערן און נישט געקאָנט זיך טרעפן מיט זייערע צעצונדענע בליקן צוליבן שטויביקן שווייס, וואָס איז אין געדיכטע טראָפנס גערונגען איבער זייערע אויגן. דער באַוואָפנטער איז נישט געווען ווייניקער אויפגערעגט און דערשראָקן ווי דער געכאַפּטער, וואָס האָט בעתן אַנטלויפן אַוועקגעוואָרפן דעם אויטאָמאַט מיט דיליידיקע מאַגאַזינען. ס'איז געווען דעם זעלנערס ערשטע שלאַכט, און ער האָט אפילו נישט געוווּסט גענוי ווו ער געפינט זיך. ערשט מיט אַ וואָך צוריק איז ער נאָך געווען פאַרנומען ביים דורכגראָבן דעם לעצטן מעטער ערד פונעם טונעל אונטער די שטעכלדראָט־פאַרצוימונגען אויף ציפּערן. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט ער זיך מיט אַ שיפל צוגעשלאָגן צום ימיקן ברעג פונעם לאַנד, פאַר וועלכן ער האָט איצט געקעמפט. כל־זמן ער האָט געהערט דאָס האַרטע, זיכערע קול פון זיין מפקד, וועלכער האָט געקענט יעדעס שטעגל אין דער דאָזיקער געגנט, האָט אים, חוץ דאָס רוקן זיך אויפן באַפעל פאָרויס, קיין זאַך נישט אויסגעזען שרעקלעך. דאָס איבערגעבן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם אייגענעם לעבן אין די הענט פון אָט דעם באַוואָנצטן הויכן בחור, האָט באַרויִקט זיין צעשרויפטע געמיט, זיינע ספקותדיקע, שטעכיקע געדאַנקען, אַז ער קאָן

דאָ בלייבן ליגן אַ דורכגעשאָסענער פון אַ צופעליקער פּחדנותדיקער קויל. איצט, אָבער, ווען אין ברען פון דער שלאַכט איז ער אַוועק גאָר ווייט פון זיין אָפּטיילונג, כדי צו ברענגען אַ לעבעדיקן געפאַנגענעם און באַווייזן דערמיט אַז ניי אָנגעקומענע זעלנער, נישט קיין היי־געבוירענע, קאָנען אויך עפּעס אויפטאָן, — איצט איז ער געבליבן שטיין גאָר אָפּהענטיק. ער האָט זיך פּלוצים דערזען אין אַן אומבאַקאַנטער וועלט פון שטיקער אומגעוואָרפענע ברילעס, וואָס האָבן זיך געצויגן צום האָריזאָנט אין שאַרפצייענדיקע, שטייניקע בערג. האָרבע און שאַרפע שטריכן אין דעם גאַנצן אַרום האָבן נאָך מער פאַרגרעסערט זיין אומרו. זיין אויג איז געווען צוגעוווינט צו זען אין דער פריי ווייכע, גרינע איבערגענג, געלע קאָרנפעלדער, אַ צעטריקנטע סטעזשקע, עטלעכע באָרוועסע פויערטעס מיט מילכקריגן אין די הענט. נישט געקוקט אויף יאָרן וואַגלענישן איבער פאַרשידענע לענדער האָט ער זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַפרייען פונעם באַגער צו וועלן זען אומעטום זיין היימשטאָט־פּאַנאָראַמע, כאָטש דאָס איז תמיד געווען פאַרבונדן מיט פיינלעכע זכרונות פון אַ חרוב־געוואָרענער היים. דאָ אָבער, איז אַלץ פאַר אים געווען ניי און אויסטערליש — פון דעם קיבוצישן הויף, ווו זיין אָפּטיילונג האָט אינדערפרי אָפּגעגעסן פאַרן אַרויסמאַרש צו די בערג, ביז די שטעכיקע, שלענגלדיקע דערנער ביי זיינע פיס.

דער געפאַנגענער איז נאָך אַלץ געשטאַנען צוגעשפּאַרט מיטן פּנים צו אַ סקאַלע, די הענט אויסגעצויגן אין דער הויך, און זיך נישט דערוועגט אַ ריר צו טאָן. ענדלעך האָט דער יידישער זעלנער זיך גענומען צו באַטאַפּן דעם סאָלדאַט און דערביי צוגעדריקט נאָך שטאַרקער דעם שפּיץ באַגנעט צו זיין רוקן. דער געפאַנגענער האָט פאַרהאַלטן אויף אַ ווייל דעם אָטעם. קיין געווער האָט ער ביי אים נישט געפונען, אָבער ער האָט נאָך אַלץ אים געלאָזט שטיין אין דער דאָזיקער פּאָזע. וואָס טוט מען ווייטער? ער האָט נאָך אַ מאָל שאַרף זיך איינגעקוקט אין דעם אַרום. די שטילקייט נאָך דער שלאַכט האָט זיך געדיכט איינגעלייגט אין דער פריי־האַרבסטיקער לופט; יעדער קריץ

פון די באַנעגלטע שיך אויפן שטייניקן זאַמד האָט געצווונגען אומצור־דרייען דעם קאָפּ אויף הינטן און זוכן דאָס נישט־זעעוודיקע, וואָס לויערט פון יעדן שפּאַלט צווישן די פעלדזן. ער האָט געפּרוווט נאָך אַ מאָל איינגראָבן זיין בליק צופוסנס פון די בערג, אפשר ליגט דאָרט די הילף אין דער משונהדיקער לאַגע. נאָר אַזוי ווי פריער איז די גאַנצע געגנט געלעגן אָן סימנים פון לעבן.

— זיי האָבן געמוזט אַראָפּגיין צוריק צום קיבוץ, אָדער זיי האָבן פאַרנומען ערגעץ ווו אַ פּאָזיציע און ווילן איר נישט אויסגעבן דורך באַוועגן זיך — איז אים איינגעפאַלן. אָבער פון דער השערה איז אים נישט לייכטער געוואָרן, פאַרקערט, ס'איז אים נאָך מער באַפאַלן אַ פאַרדרוס אויף זיך און אויף דעם וואָס איז געשען.

— נישט געדאַרפט זיך אַוועקלאָזן אַזוי ווייט, אַז מען קען נישט די געגנט. געדאַרפט נאָכשיסן; וואָלט איך געטראָפן — איז גוט, און ווען נישט — איז אויך פאַרפאַלן. און אַזוי ווי ער איז געשטאַנען אַ פאַרלאָשענער אין זיין לעצטער האָפענונג אויפצוכאַפּן כאָטש דעם מינדסטן צייכן פון מענטשלעכן זיין דאָ, האָט ער פּלוצים דערזען אין דער ווייט אַ שוואַרץ־גרוילעך זיילכל רויך אויפגיין פון צווישן די שטיינער, וואָס צופוסנס דער באַרגקייט. ער האָט זיך נאָך שטאַר־קער איינגעקוקט אין דעם דאָזיקן פונקט, און אַ שמייכל פון דער־לייכטערונג האָט זיך צעלייגט אַרום זיינע פאַרטריקנטע ליפּן. ערשט איצט האָט ער דערזען ווו ער איז און זיך געוווּנדערט ווי אַזוי ער האָט פריער נישט דערקענט דאָס אָרט, פון וואַנען זיין אָפּטיילונג האָט אָנגעהויבן אַרויפשטייגן אויפן באַרג. דער שפּיציקער קאָנוס־פעלדז און די צוויי אַנדערע מאַסיוון, האָבן זיך גענומען אויסשיילן פאַר אים אין זייער גאַנצער דערפרייענדיקער קענטלעכקייט.

— אויב זיי האָבן פונאַנדערגעלייגט אַ פייער, איז אַ סימן, אַז די אַראַבער זענען פאַרטריבן געוואָרן ביז הינטער די בערג.

ער האָט זיך געפּרוווט אַליין באַרויקן, אָבער דאָך מורא געהאַט צו לאָזן זיך אין וועג צו זייניקע, טאָמער לויערט פאַרט ערגעץ ווו דער שונא פון הינטער אַ שטיין. דאָ, אינעם ברייטן באַרגשפּאַלט, אַ פאַר־

שטעלטער דורך אַ הויכער שטייניקער וואַנט, איז ער געווען אויסער יעדער סכנה. איין טראָט ווייטער איז ער שוין געווען אויסגעשטעלט אויף אַלע סיורפּריזן פון אַ סנייפּערשער קויל. נאָכן איבערוואַרפן אין קאָפּ פאַרשידענע פּלענער, האָט ער באַשלאָסן אָפּצוואַרטן ביז עס וועט טונקל ווערן, כדי מיט דעם געפאַנגענעם, געטריבן פאָרויס, דורכצושלייכן זיך דאָס שטיקל וועג. מיט דער זייט פון באַגנעט האָט ער דעם געפאַנגענעם אויסגעדרייט מיטן פּנים צו זיך, געגעבן אים אַ צייכן אַוועקצוזעצן זיך אויף אַ דערבייאיקן שטיין און אַליין זיך אויך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין קעגנאיבער, מיט דער אָנגעשטעלטער ביקס אין האַנט.

II

ביידע זענען געזעסן פאַרטיפט אין זייערע געדאַנקען און פּלע־נער ווי אַזוי צוריק צו געווינען דאָס שטיקל וועלטל פון וואַנען יעדע־רער פון זיי איז געוואָרן צופעליק אַרויסגעשטויסן. דער געפאַנגענער האָט צונויפגעדריקט ביידע הענט צווישן די קני, איינגעגראָבן טיף די אויגן און כלומרשט הכנעהדיק געוואַרט אויף זיין גורל; אָבער דאָס פאַרשטויבטע עלהויטיקע פּנים זיינס מיט די צוקנדיקע באַקנ־ביינער און דעם וואָלפישן בליק, וואָס ער פלעגט יעדע ווײַלע אַ וואָרף טאָן אַרום זיך האָבן געמסרט, אַז זיין מוח אַרבעט און פאַר־טראַכט עפּעס. זיין אומרויִק דרייען זיך אויפן שטיין האָט נישט געשטימט מיט דעם געוויינטלעכן אַראַבישן פאַטאַליזם, וואָס פּענ־טעט יעטוועדע איבעריקע באַוועגונג. ער האָט נישט געזיפצט, נישט געזונגען דעם מאָנאָטאָנעם, צעצויגענעם ניגון פון חניפה און תחנו־נים, נישט געבעטן זיך און נישט געשוווירן כלערליי שבועות, אַז ער איז נישט שולדיק — „מען האָט מיך געשיקט, בין איך געגאַנגען”. דער געפאַנגענער האָט פאַרביסן געשוויגן און געקלאַמערט איין האַנט אין דער אַנדערער.

אויך אין זיין קליידונג האָט זיך נישט געמערקט די ספּעציפיש־

אָריענטאַלישע אָפּגעלאָזנקייט. די הויזן זענען געווען ריין פון פעטע איילבירט־פלעקן. די ענגלישע בלוזע איז געווען פאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּ און פיין געלעגן אויף זיינע קנאָכישע אַקסלען. זיינע גוט צוגעפּאַסטע שיך, נישט געקוקט אויפן שווערן געלאָף צווישן שטיין און זאַמד, האָבן נאָך אַלץ נישט פאַרלוירן זייער גלאַנציקע שטייפקייט.

— מן־הסתם אַ קצין. ס׳וואָלט געווען אַ שיינע זאַך...

דער זעלנער האָט שוין געפילט דעם טעם פון טריומף ביים באַגעגענען זיך מיט זייניקע. אַ באַרויקטער איז ער געזעסן אויפן שטיין און מער געהיט דאָס זייזלכל רויִד, וואָס האָט זיך געצויגן, אַלץ דינער און דינער, ווי דעם געפּאַנגענעם. דאָס גאַנצע בילד פון זיין באַגעגעניש מיט די חברים און מיט דעם מפקד האָט געררייצט זיין דמיון. דער מפקד וועט צוערשט זיך באַמיִען זיין אָפיציעל, דערנאָך וועט ער זיך פאַרגעסן, אַ קלאַפּ טאָן אים איבערן אַקסל און אויסשרייען מיט יינגלישער פאַרוווּנדערונג: ביסט דאָך אַן אמתער פלמחניק! — און ביים שיסל קאָכיקן זופּ זיך הייסן דערציילן אַלץ פון אָנהויב. אַלע וועלן שטיין אַרום מיט אָפענע מיילער, און אַלע ווילע איבעררייסן זיין דערציילונג מיט אויסגעשרייען פון אָנערקענונג און התפעלות; און די טעלעגראַפיסטקע, די סאַברע, וועט שוין אויף אים נישט קוקן, ווי ער וואָלט געווען אַ דורכזעעוודיקער... זאָל זי נישט מיינען, אַז נאָר זי... יאָ, און דאָס וויכטיקסטע, ער וועט זיך אָפּבעטן אויף אַ טאָג קיין תל־אביב, כאָטש זען די שטאָט. מען זאָגט, דאָרט איז אַזוי שיין. שוין באַלד צוויי יאָר אין אַ קינאָ נישט געווען, אויף קיין גאָס נישט געטראָטן. די גאַנצע צייט — בלויז שטעכלדראָט און וואַכטורעמס; און אפשר וועט ער גאָר אַריינגיין צו חנהן, זי האָט דאָך אים געלאָזן איר אַדרעס פאַרן אָפּפאָר — רחוב בן־יהודה...

שאַרף און בולט צייכנט אים זיין פאַנטאַזיע דעם מאָרגנדיקן טאָג; און אַלץ באַגעטער און פריידיקער ווערט אים יעדע זאַך, וואָס איז פאַרבונדן דערמיט — די גאַס, וואָס ער קען נאָר איר נאָמען, די עברית־רעדנדיקע, זיכערע בחורים און מיידלעך, די אַלץ־וויסנדיקע, באַברילטע קיבוצניקעס, וועלכע קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף פרעמדע,

אַזוי ווי היינט, למשל, אין עס־צימער, — און, אפילו, די דראָענדיקע, אומעטיקע בערג.

— זאָל זיך נאָר ענדיקן דער קריג, כ׳וועל אַוועקגיין אַרבעטן. כ׳וועל מיך איינאָרדנען; און אפשר גאָר אין אַ קיבוץ — פאַרוואָס נישט?

די האַרבסטיקע זון איז אַלע ווילע געוואָרן פאַרשטעלט דורך צעריסענע שטיקער וואָלקנס. זיי האָבן זיך פּאַמעלעך געטראָגן איבערן הימל, ווי ריזיקע, אויפגעבלאָזענע זעק, וואָס אָט פּלאַצן זיי און צעפליען זיך. די טינט־בלויע בערג האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דעם פאַרטונקלטן האָריזאָנט און פאַרווישט אין גאַנצן די גרענעץ צווישן הימל און ערד. נייע וואָלקנס זענען אָנגעשוואומען און באַהערשט דעם גאַנצן הימל. די לופט האָט זיך אָנגעשפּאַנט. דאָס האָט קירצער געמאַכט דעם אָטעם און איינגעהילט דעם גאַנצן קערפּער אין אַ פייכטן דאַמף, ווי אין הייסע, נאַסע שמאַטעס.

— ס׳פאַרנעמט זיך אויף אַ רעגן...

דער יידישער זעלנער האָט אויף אַ סעקונדע פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל. אין דער רגע האָט דער געפאַנגענער מיט קעצישער געשיקטקייט אַ כאַפּ געטאָן אַ שטיין, און איידער דער היטער זיינער האָט נאָך באַוויזן אַראָפּצולאָזן צוריק דעם בליק אויף אים איז שוין זיין האַנט געווען אין שווונג. דער זעלנער, פאַרטיפט אין זיינע מחשבות, האָט נישט באַוויזן אָנצוקוועטשן דאָס צינגל, און די ביקס איז געבליבן ליגן ביי אים אין די הענט ווי אַן אומנוציק שטיק אייזן. דאָס האָט אָבער ביי אים נישט געדויערט לענגער, ווי דער פּרוווּ פונעם געפאַנגענעם זיך אויפצוהייבן פון שטיין און אָנצוגעבן דעם וואָרף אַ געהעריקע קראַפט. דער זעלנער איז געבליבן הענגען איבער אים מיט דער אויפגעהויבענער ביקס אין די הענט. דאָס בלאַסע פּנים ביים געפאַנגענעם, צעקרימט פון חיהשער רציחה, האָט זיך מאָמענטאַל פאַרצויגן אין טויטלעכן פּחד. ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם שטיין פון האַנט און האָבנדיק נאָך אַלץ פאַר זיינע ברייט אויפגעריסענע אויגן דעם זעלנער, גרייט אַריינצושטעכן אין אים דאָס גלאַנציקע

מעסער, האָט ער זיך אַ רוק געגעבן הינטערווייַלעכץ, אויסגעשטרעקט בײדע הענט און מיט אַ הייזעריקער, פאַרסאָפּעטער שטימע אַרויס־געכריפּעט: זי האָבן קיין רעכט, איך בין קריגסגעפאַ...

בײדע זענען געבליבן פאַרשטיינערט אין דער דאָזיקער פּאָזע, איינער אין דערוואַרטונג אויפן טויטקלאַפּ, דער צווייטער — אין גרויליקער איבערראַשונג. אַ פייערדיקע, פּורפּור־רויטע לאַווינע האָט אַ פלייץ געטאָן איבער דעם מוח פון יידישן זעלנער און אים שיער נישט אומגעוואָרפן פון די פיס. דעם געפּאַנגענעמס הייזעריק גע־שטאַמל האָט אים ווידער אַרייַנגעטריבן אינעם ערדישן וואַלדשטיבל, אין וועלכן ער און די מאַמע האָבן זיך אויפגעהאַלטן נאָכן אַנטלויפן פון געטאָ. — פאַרגעס נישט, מיין קינד, קדיש זאָלסטו זאָגן נאָכן טאַטן. טאָמער חלילה בלייבסטו אַליין, זאָלסטו עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן... און דערנאָך, בעת דער אַבלאַווע, ווען אָט דער, האָט אונ־טער ווילדע אויסרופן פון די איבעריקע, זי געשלאָגן מיטן רעוואָלווער איבערן קאָפּ, ביז פון אירע געדיכטע האָר איז געוואָרן איין בלוטיקע נעץ, האָט נאָך איר לעצטער אויסגעשריי צעשפּאָלטן די ליימיקע ווענט פונעם ערדשטיבל און זיך דורכגעריסן דורכן באַשנייטן וואַלד צו דער גאַרער וועלט — נ י ש ט פ אַ ר ג ע ס ן...

און ווען זיי, אַנגעפּרעסענע און שיכורע, האָבן אים אַרויסגעיאָגט אַ האַלב־נאַקעטן פונעם ערדשטיבל אויפן פראָסט, האָט ער, לויפנדיק, נאָך אַלץ געהאַט אין זיינע אויערן דער מאַמעס געשריי.

דאָס איז נישט געווען קיין בקשה. דאָס איז געווען אַ פאָדע־רונג. זי האָט זיכער נישט געמיינט אין יענעם מאָמענט דאָס קדיש זאָגן. זי האָט געפאָדערט נישט צו פאַרגעסן דעם אָ, וואָס האט געוויזן בריהשאַפט פאַר זיינע צעהירזשעטע קאַמעראַדן זי צו טרעפן מיטן הענטל פון רעוואָלווער אַזוי, אַז די געהירן זאָלן זיך צעשפּריצן אין אַלע זייטן, ווי דער זאַפט פון אַ געפּלאַצטער פּרוכט.

— דאָס איז ער... דאָס אַ בלאַסע, מלאך־המוותדיקע פּנים. דער זעלביקער קאַלטער, מערדערישער בליק, דאָרט אין וואַלד, און איצט ביים פאַרמעסטן זיך מיט דעם שטיין. די זעלביקע לאַנג־פינגערדיקע,

רוצחישע הענט, וואָס האָבן אַזוי גיריק פאַרקוועטשט דער מאַמעס האַלדז בעת איר אויסגעשריי... און אפשר איז עס פאַרט נישט ער?... נאָר אַלץ איינס — אַ דייטש...

דער באַגנעט האָט זיך אַריינגעהאַקט אין געפאַנגענעמס בויך מיט אַזאַ קראַפט — אַז ס׳האָט אים אַזש אונטערגעטראָגן אין דער לופטן. דער געשטאָכענער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַר דער לופע, מאַכנדיק פאַרצווייפלטע פרווון אַרויסצוציען דאָס מעסער פונעם לעבעדיקן פלייש. דאָס האָט נאָך מער צערייצט דעם אָנגרייפער. ער האָט אַ ריס געטאָן צו זיך די ביקס און נאָך אַ מאָל זי פאַרוקט אונטער דער ברוסט פון דעם אַנידערגעפאַלענעם; און וואָס מער יענער האָט זיך, ווי אַ צעשניטענער וואָרעם, געדרייט ביי די פיס, אַלץ העפטיקער און פאַרביסענער האָבן זיך געשאָטן אויף אים די קלעפּ. דער זעלנער האָט געוואָלט זיין נקמה לעשן מיט דעם פאַר־האַסטן בלוט, וואָס האָט געריזלט צווישן די שטיינער. אין יעדן שטויס, אין יעדן אַרויסגעצויגענעם אָדער, אין יעדן שטיקל צעשניטענעם פלייש, האָט ער געוואָלט געפינען אַ פאַרגיטיקונג. די דאָזיקע פאַר־גיטיקונג איז נישט געקומען. וואָס מער ער האָט געשניטן און גע־פערטלט, וואָס מער ער האָט געזוכט מיט דעם שפּיץ באַגנעט אינעם האַרץ פון געפאַנגענעם דעם מקור פון דער רשעות, וואָס איז געלעגן דאָרט אין משך פון זיין מנוולדיק לעבן, אַלץ מער האָט דאָס געפיל פון עקל אים באַהערשט. דער צעריסענער גוף מיט די אַרויסגעפאַלענע געדערעם האָט, ווי אַן אָפענע מיסטגרוב, פאַרעיפּושט די לופט. ער האָט געמוזט אָפּקערן דעם קאָפּ.

— שוין געדאַרפט בעסער דערשיסן...

ער איז אָפּגעגאַנגען אַן אַ זייט און אַ מידער און צעבראָכענער זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ שטיין. דאָס האַרץ אין אים האָט געגאָגט פון נישט־געזעטיקטער נקמה. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם הייסן קאָפּ אין די דלאָניעס.

און אָט איז אויפגעשווומען פאַר אים דער מאַמעס פרישע, פריי־טיק־צונאַכטיקע געשטאַלט. קיינמאָל וועט זי זיך נישט אומקערן צו

אים, אפילו דורך טויזנט טויטן פון אַט דעם הרוג. אַ באַגער זיך צו־צוטוליען צו עפּעס נאָענטס, אייגנס, האָט זיך פונאַנדערגעיאָמערט אין אים, צו קאָנען פאַר עמעצן אויסגיסן די גאַנצע עוולה פון זיין פאַר־יתומט לעבן, צו פילן נעבן זיך אַ גלעטנדיקע, מילדע האַנט. אַ קינ־דערש געוויין האָט דריבנע צעטרייסלט זיינע ברייטע אַקסלען — מאַמע... מאַמע... ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַנגעשפּאַרט זיך אָן דער סקאַלע און פריי געלאָזט פליסן די טרערן.

אַ בליץ האָט צעשפּאַלטן דעם טונקעלן הימל, און גלייך נאָך דעם האָט אַ דונער זיך צעקייקלט איבער דער גאַנצער לענג פון דער באַרגקייט. דער רעגן האָט אַ שפּאַר געטאָן פון די געדיכטע וואָלקנס, ווי פון איבער אַ צעבראָכענער דאַמבע, און זיך אַ גאָס געטאָן אויף דער ערד אין געדיכטע שפּרייען. ער איז געזעסן אומבאַוועגלעך אויפן שטיין און אונטערגעשטעלט זיין פּנים אונטער די גרויסע וואַסער־טראָפּנס, וואָס האָבן ווי אויסגעקושט זיינע טרערן, אויפלייזנדיק אין זיך די זאַלציקייט פון זיין געוויין. דאָס וואַסער האָט ווי אַ צערטלעכע האַנט, געגלעט זיין קאָפּ, געשטילט דאָס האַמערדיקע קלאַפּן פונעם צערודערטן בלוט אין די שלייפן. ווי אַ זאַלב האָט זיך דער רעגן אַריינגעגאָסן אין זיין נשמה און געלינדערט דאָרט זיין אויפגערידטן וויי.

אַזוי גיך ווי דער רעגן איז געקומען, אַזוי גיך האָט ער אויפ־געהערט. אַ פרישע, לינד ווינטל האָט צעשטרייט די וואָלקנס, געלאָזן דער זון זיך געזעגענען מיט דעם טאָג איידער זי צעשמעלצט זיך אין אַ קופּערנער רויטקייט הינטער די בערג. בין־השמשות האָט זיך צעלייגט צווישן די סקאַלעס. די וואַסערשטראָמען האָבן אָפּגעשווענקט די שטיינער פון פאַרגליווערטן בלוט. בראשיתדיק ניי האָט אויפגע־טויכט פאַר דעם זעלנער דער גאַנצער אַרום. די אויסגעצוואָגענע פעלדזן, וואָס האָבן פריער אַזוי אומצוטרוילעך געשאַרפט אויף אים זייערע אַראָפּהענגענדיקע ברעגן, האָבן איצט אויסגעזען היימיש און נאָענט, ווי שטובּיקע חיות. די צעקרימטע, אויסגעוואָשענע שטעג־לעך צווישן די שטיינער האָבן אים שוין מער נישט געשראָקן. דער פאַרטונקלטער הימל האָט אים וואַרעם אַרומגענומען, ווי אַ מאַמעשער

קאָפּטוך. ער האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן. די פעלדזן האָבן אים פריינדלעך צוגעניגט מיט זייערע אויסגעבויגענע, צערונצלטע ווענט.

געטרייסט און געמונטערט פון יעדן שטיין אויף דער היימ־לענדישער ערד, איז ער מיט זיכערע טריט אַראָפּגעשטיגן פון באַרג.

דער טויט פון אַ קינסטלערין

דער טויט פון א קינסטלערין

— ווי איז געווען דער פאַרפאַרקויף?

— שוואַך.

דער אימפּרעסאַריאָ האָט פון פאַרויס געוווּסט דעם קאַסירס ענטפער. ער האָט אים בלויז געפרעגט, כדי צו צעשטרייען דעם לאַנג־ווייל, וואָס האָט זיך צעשפּרייט אינעם ענגן קאַסע־קעמערל אונטער די מאַרמאָרנע טרעפּ פון טעאַטער.

— איינלאַדונגען האָט מען צעטיילט?

— נישט קיין סך. אפילו די בודניקעס פון די רעדאַקציעס זענען נישט געקומען אָפּנעמען די בילעטן זייערע...

די ווייזערס אויפן עלעקטרישן זייגער האָבן זיך גלייכגילטיק גערוקט פאָרויס צו דער אָנאָנסירטער שעה פון קאָנצערט־אָנהויב. דער קאַסיר האָט מיט אַ פאַרשוילדיקטער מינע געמישט די דיקע בילעטן־טיכלעך, ווי ער וואָלט זיך נישט געגלויבט, אַז אַזוי פיל איז נאָך איבערגעבליבן. ווען נישט ווען האָט זיך אַ יונגער קאָפּ אַריינגערוקט אין קאַסע־פענצטערל און אַ פרעג געטאָן צי מען שפּילט היינט דעם פילם מיט דעני קעי. נאָכן אויסהערן דעם קאַסירס ענטפער, אַז היינט איז נישטאָ קיין קינאָ נאָר אַ געזאַנג־קאָנצערט, האָט דער קאָפּ זיך גלייך צוריקגעצויגן.

שיטערע גרופּקעס מענטשן האָבן זיך געזאַמלט אויף די טרעפּ פאַרן אַריינגאַנג. עלטערע דאַמען און הערן, אין אַלטמאָדישער אָוונט־קליידונג, זענען געשטאַנען פאַר דער הויפּט־טיר. אין די פאַלדן פון זייערע מלבושים איז נאָך געלעגן די יום־טובדיקייט פון געוועזענע פּעטערבורגער אָדער מאָסקווער קאָנצערט־באַזוכן. זיי האָבן זיך נישט אַנטשלאָסן אַריינצוגיין די ערשטע אינעם האַלב־ליידיקן, העל באַלויכ־

טענעם פּאַיע. אַ שאַרפער קלונג האָט זיי אָפּגעריסן פון זייערע דיס־קרעטע שמועסן און אָפּטרעטנדיק איינער דעם אַנדערן דעם וועג פּאַרויס, זענען זיי אַוועק צום אַריינגאַנג.

דער אימפּרעסאַריאָ איז נאָך אַלץ געזעסן אין דער קאַסע און געריבן דעם שטערן. פּלוצים האָט ער זיך אָפּגערופן צום קאַסיר:

— גיט אַ צייכן אָנצוהייבן, נישטאָ וואָס צו וואַרטן.

— ווי איר ווילט, נאָר איך וואָלט נאָך געפּרוווט האַלטן אָפן די קאַסע.

— ס׳האָט נישט קיין זין. איר זעט דאָך אַליין, אַז די יוגנט קומט נישט; און אָן זיי פאַלט אַדורך יעדע אימפּרעזע.

דער אימפּרעסאַריאָ איז אַ רעזיגנירטער אַרויס פון דער קאַסע. דער קאַסיר האָט פאַרמאַכט דאָס פענצטערל, אָנגעקוועטשט דעם סיג־נאַל־גלאָק צו דער בינע, און זיך גענומען ציילן די איבערגעבליבענע בילעטן.

דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן. די זינגערין און איר אַקאָמ־פּאַניאַטאָר זענען מיט גיכע, ענערגישע טריט אַרויף אויף דער בינע. זי איז געבליבן שטיין אָנגעשפּאַרט אויף דער פּיאַנאָ און מיט אַ פייער־לעכער מינע פון צענדליקער יאָרן בינע־רוטין, האָט זי איבערגעוואָרט דאָס שיטערע בראַוואָ־קלאַפּעריי. אַ קעלט האָט אויף איר אַ ווייע געטאָן פון דעם האַלב־ליידיקן זאַל, פון די דאַמען מיט זייערע אַלטמאָ־דישע היט, וואָס האָבן פאַרנומען די ערשטע רייען, כדי צו קאָנען בעסער זען אַ שטיק פון זייער פאַרגאַנגענער יוגנט. שוין דער נאָמען אַליין פון דער קינסטלערין האָט זיי דערמאָנט אין אַמאָליקע ראָמאַנסן, נאַכטיקע שליטן־שפּאַצירן, הילכיק געלעכטער און גלעקל־קלאַנג, פינקל־דיקן שניי און הייסע בליקן. זייערע פּנימער האָט באַשלאָגן אַן אויפ־רעגנדיקע ראָזקייט. די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָבן זיך אויף אַ ווײַלע אויפגעריסן אין פריידיקער דערוואַרטונג. זי האָט דאָך זייער גאַנצן דור באַגלייט מיט אירע געזאַנגען, און אַט ביי די איינצלנע עדות פון יענער פאַרשווונדענער צייט, איז איטלעך ליד אירס געווען אַ שטיק אָפּגעבליט לעבן.

דער וועג קיין סדום

ווען די זינגערין האָט אָפּגעזונגען איר ערשטן „נומער", אַן אַלט באַקאַנט ליד וועגן עפּעס אַן אומגליקלעכן מאַרקיז, האָבן די ווינציקע צוהערער אײַנגעטאַנצן זיך אַריבערגעטראָגן אין אַן אַנדער וועלט, וואָס איז שוין לאַנג פֿאַרשווּנדן צוגלײַך מיט דעם פֿרישן, יונגן פּנים פֿון דער זינגערין.

אַ שאַרפֿער אומעט איז באַפֿאַלן די קינסטלערין נאָכן אָפּזינגען עטלעכע געזאַנגען. אַן אומעט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין איין באַגער: דער קאָנצערט זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן. שוין גלײַך ביים ערשטן צוטריט צו דער אַוואַנסצענע האָט זי אײַנגאַנצן פֿאַרלוירן דעם מוט. נישט אַזוי צוליב דעם פּוסטן זאַל מיט זײַנע ליידיקע שטולן, ווי צוליב די פּנימער. אָפּגעלעבטע פּנימער פֿון מענטשן, וואָס געדענקען נאָך זיכער איר ערשטן גלאַנץ, איר אַמאָליקן רום. זיי האָט געבראַכט אַהער איר נאָמען, נישט איר געזאַנג. קיינער פֿון זיי וועט נישט מיטנעמען פֿון דאַנעט קיין איין סטראָפֿע פֿון אירס אַ ליד. זיי וועלן נאָכן קאָנצערט נישט דיסקוטירן, צי האָט זי הײַנט געזונגען גוט אָדער שלעכט. זיי וועלן רעדן בלויז וועגן באַקאַנטע, וואָס זענען שוין לאַנג אויף דער וועלט נישטאָ, און מיט דעם וועלן זיי זיך צעגיין יעדער אין זײַן ווינקל. זי זעט נישט צווישן זיי די אייביקע אָפּוואַרטער ביי דער הינטערטיר פֿון טעאַטער, די ברוויזיקע גאַלעריע־אויס־רופֿער. זי זעט נישט די יוגנט; אפֿילו די וואַרעמע אָוואַציעס נאָך איטלעכן אָפּגעזונגענעם ליד האָבן נישט געקאָנט הייבן איר שטימונג. זי איז אײַנגאַנצן אַרײַן אין איר ווייטיקדיקן פֿאַרדראָס, ווי אַ שנעק אין זײַן מושל, און ביים זינגען דאָס ליד די **ייִדישע מאַמע** — האָט אויך זי אַליין געשטיקט אין זיך אַ טרער. עטלעכע פֿרויען אין זאַל האָבן אַראָפּגעבויגן די גרויע קעפּ און געזוכט מיט ציטערדיקע פֿינגער אין זייערע גרויסע האַנט־טאַשן. די זינגערין האָט אַליין נישט געוווּסט ווי ענלעך זי איז איצט צו אַן אויסגעהאָרעוועטער ייִדישער מאַמע מיט אירע אָנגעצויגענע אָדערן אויף די אַנטבלויזטע הענט און די קנייטשן אַרום די אויגן. ווען זי האָט אָפּגעזונגען דאָס לעצטע ליד פֿון איר פּראָגראַם, איז זי געווען אַזוי מיד און צעבראָכן, אַז זי האָט

פּשוט געדאַנקט שטילערהייט דעם בינע־אַרבעטער פאַר דעם, וואָס ער האָט נישט געעפנט אַן איבעריק מאָל דעם פאָרהאַנג און איר פאַר־שפּאָרט נאָכאַמאָל צו פאַרנייגן זיך פאַר דעם שוין אַרויסגייענדיקן עולם.

— איר פאַרשטייט דאָך, אַז דעם יונגן ארץ־ישׂראלדיקן עולם זייט איר ווינציק באַקאַנט, — האָט דער אימפּרעסאַריאָ, שטייענדיק פאַר איר אין דער גאַרדעראָב, געפּרוווט פאַרווישן דעם שלעכטן איינ־דרוק פונעם היינטיקן אויפטריט.

— אָבער איך האָב דאָך שוין געהאַט צוויי קאָנצערטן אין תל־אביב...

— ס'איז אפשר בכלל געווען אַ פעלער, איינצוואָרדענען דעם טורנע זומערצייט. נישט אין סעזאָן.

די קינסטלערין האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט דאָס איז די סיבה, זי האָט אָבער נישט געהאַט קיין חשק און קיין שטימונג זיך אַריינצו־לאָזן אין אַ וויכוח. זי האָט בלויז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטע פאַרן געעפנטן גרימקאַסטן מיט דעם איבערגעבליבענעם שטיקל יונגרויט־שמינקע...

— אויב איר ווילט בלייבן דאָ נעכטיקן און באַזוכן מאָרגן עטלעכע היסטאָרישע פּלעצער — האָט ווידער דער אימפּרעסאַריאָ זי געוואָלט צעשטרייען — וועל איך עס מיט פאַרגעניגן איינאָרדענען פאַר אייך.

— ניין, אַ גרויסן דאַנק. איך פיל זיך אַ ביסל מיד; אפשר ביי אַן אנדער געלעגנהייט. איך וועל בעסער פאָרן צוריק קיין תל־אביב, צו זיך אין האָטעל.

געוויינטלעך פלעגט דער אימפּרעסאַריאָ זי אָפּפירן נאָכן קאָנ־צערט מיט זיין טאַקסי ביז צו איר האָטעל אויפן ברעג ים. היינט וואָלט זי גערן געפאָרן אַליין. אין איר איצטיקער געדריקטער שטימונג האָט זי געוואָלט בלייבן בלויז מיט זיך.

— צי וואָלט איר נישט געקאָנט באַשטעלן אַ טאַקסי פאַר מיר. איר מוזט מיר מוחל זיין, איך בין נישט פעיק היינט צו זיין אין געזעלשאַפט, אפילו אין דער געזעלשאַפט פון מיין מאַן, ווען ער וואָלט

דער וועג קיין סדום

היינט געקומען צו פליען פון ניו־יאָרק — האָט די זינגערין פאַר־שלייערט איר ווונטש אין אַ שמייכל. דער געניטער אימפרעסאַריאָ, צוגעוווינט צו כלערליי קאַפּריזן פון קינסטלער, האָט פאַרשטאַנען איר מיין.

—אָבער זייער גערן, אייגנטלעך מוז איך דאָ נאָך בלייבן ביז מאָרגן צו דערליידיקן מיינע ענינים. איך האָב פשוט נישט געוואָלט איר זאָלט פאָרן אַליין...

זי האָט זיך פאַרשטופּט אין אַ ווינקל פון דער ברייטער טאַקסי. זכרונות פון איר אַוועקגעגאַנגענעם לעבן האָבן פאַרכאַפּט איר געדאַנק. אין קאַליידאָסקאָפּ פון צענדליקער טעאַטערס, גאַרדעראָבן, האָטעלן און טויזנטער צוקוקער האָט זיך די קינסטלערין געזען תמיד אַ צע־שמייכלטע, אַ צעשטראַלטע אין איר לאַנגן אָוונטקלייד. די קליידער האָבן זיך געביטן. דער שמייכל איז אָבער געבליבן דער זעלביקער. דער צעשטראַלטער בליק האָט אויך אָנגעהאַלטן. מען האָט אים בלויז אין גאַנג פון יאָרן געמוזט אָנצינדן מיט אַ פּאָר טראָפּן פּיטראָפּין. אויך די לידער זענען געבליבן. צניעותדיקע חתן־כלה־קופּלעטן און שפּאַנישע, הייס־בלוטיקע סערענאַדעס; לידער פון ליבע און טרערן, פון מאַמישע הערצער און קינדערשע וויגן, פון שטעטלשע נאַיווע מיידלעך און פאַריזער פאַרפירערינס, שניידערשע מאָטיוון און גמרא־ניגונים. אַ רעגן־בויגן פון געזאַנגען האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט דעם נאָמען פון דער זינגערין, מיט איר איך. יעדער באַזוכער פון אירע קאָנצערטן אין מאָסקווע, וואַרשע, לאָנדאָן צי ניו־יאָרק, האָט שוין געוווּסט וואָס פאַראַ נאָמען פון אירס אַ ליד אויסצורופן, זי זאָל עס ביסירן. ווען דער אימפּרעסאַריאָ, בעת זיין באַזוך אין ניו־יאָרק, האָט זי פאַרבעטן צו קומען אַהער אויף קאָנצערטן, האָט זי נישט אַריינ־געקוקט אפילו אין די פונקטן פון קאָנטראַקט. ס'האָט איר נישט אינטערעסירט דאָס געלט אין דעם טורנע. זי האָט בלויז געוואָלט ציען דעם פאָדעם פון איר ליד ווייטער און ווייטער; אַריינשמידן אַ רינג אין דער קייט פון אירע צוהערער, וואָס ווערן ווינציקער פון יאָר צו יאָר; אויפגענומען ווערן מיט אָוואַציעס דאָ אין דעם לאַנד, וואָס

ווערט באַוווּנדערט פון דער גאַנצער וועלט; אָבער ווען נאָכן ערשטן קאָנצערט זענען הינטער די קוליסן אַריין עטלעכע מענטשן, כדי איר צו דאַנקען פאַר דעם געזאַנג, וואָס דערמאָנט זיי זייערע גליקלעכע יאָרן אין אָדעס, האָט זיך אַ טרויער, ווי אַ נאַכטיקער נעפּל, צעלייגט אויף איר האַרץ. נישט צו וואַרעמען זכרונות איז זי אַהער געקומען, נאָר צו שענקען איר ליד די, וועלכע האָבן זי נאָך קיינמאָל נישט געהערט. זיי אָבער, האָט זי נישט געזען אויף אירע קאָנצערטן. ערשט דערנאָך האָט זי פאַרשטאַנען, אַז די הי־געבוירענע זענען אַנדערע מענטשן מיט אַנדערע לידער. מיט אַ וואָך צוריק האָט זי אויפן בית־עולם אין נחלת יצחק אַוועקגעלייגט בלומען אויפן קבר פון אַן אַקטיאָר, וואָס זי האָט אים געקענט נאָך פון דער היים. דעם זעלביקן טאָג האָט מען אויף דעם בית־עולם מקבר געווען די אויפגעזאַמלטע זעלנער, געפאַלענע אין דער לעצטער מלחמה. אַ פרוי איז געשטאַנען ביים ראַנד פון גרוב און האָט ביטער געוויינט. איז צוגעגאַנגען צו איר אַ צווייטע פרוי, און אין אַ זאַפטיקן יידיש, אַלע זאָלן הערן, האָט זי צו איר אַ זאָג געטאָן: — וואָס וויינט איר, נאַרישע מאַמע? וואָס איז דער געווין?... פאַרקעמט אייך די האָר, ווישט אויס די טרערן. איך וויין אויך נישט. איך אַליין האָב אים אָנגעטאָן דעם רוקזאַק און געזאָגט — גיי, מיין קינד... — און אירע אויגן האָבן דערביי געברענט ווי ביי אַ פאַרוווּנדיקטער חיה.

...און דאָס האָט געזאָגט אַ יידישע מאַמע: עפּעס גאָר אַן אַנדער מאַמע. נישט די מאַמע פון איר ליד. אַ ביטערער שמייכל, ווי אַן ענטפער אויף אירע געדאַנקען, האָט זיך צעלייגט אין אירע מויל־ווינקלען. ווען זי קאָן דעם מאַרקיז פון איר ליד אויסטאָן זיינע קנאַפלדיקע טופליעס, אַריינזעצן אים אין האַנט אַ לאָפּעטע און אַוועק־שטעלן אים אין נגב... אָדער דאָס מיידל, וואָס פאַרזיכערט דעם חתן, אַז די מאַמע וועט פאַרקויפן די שטוב — אַוועקשיקן ערגעץ אין אַ קיבוץ; צי גאָר נעמען די עלעגאַנטע האַרצברעכערין, הייסן איר פאַר־קאַטשען די אַרבעל און יעטן דעם גאָרטן ביים שיכון. אָט די אַלע נייע מענטשן אינעם אויפגעלעבטן לאַנד מוז מען דאָך באַזינגען; אפשר

געפעלן זיי יאָ אירע לידער, אָבער הערן ווילן זיי עפּעס אַנדערש; און אין אירע יאָרן זיך פֿאַרמעסטן אויף עפּעס נייעס איז נישט אַזוי לייכט.

זי האָט אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פֿון פֿענצטער. די אַרייַנגעהאַק־טע מעטאַלענע צייכנס אויפֿן שאָסיי פֿאַר דער ירקון־בריק האָבן געגלאַנצט קעגן די אויטאָ־פֿאָנאַרן ווי צעוואָרפֿענער זילבערמינץ. די זינגערין האָט זיך דערמאָנט, אַז אין אַ צען מינוט אַרום וועט זי זיין צוריק אין האָטעל. זי האָט געוווסט, אַז פֿון ירקון איז שוין נישט ווייט צו דער שטאָט. אַ ווונטש נישט אָפּצושטייגן אין האָטעל האָט ווי אַ געפֿאַנגענער פֿיש זיך צעצאַפּלט אין איר געשפּאַנטער נערוון־נעץ.

דאָס אומקערן זיך צוריק צום אַלטן, צום געוויינטלעכן, האָט איר אויסגעזען אַזוי אומזיניק, אַזוי אוממעגלעך. נאָכן דורכפֿאַל דאָ אין לאַנד האָט זי דערפֿילט אין זיך אַזאַ ליידיקייט, אַזאַ פּוסטקייט. זי האָט אַזוי פֿיל האָפֿענונג געלייגט אויף דעם דאָזיקן באַזוך, אַזוי פֿיל גלויבן געהאַט אין אירע לידער, וואָס האָבן געזאָלט אויפֿגענומען ווערן דאָ מיט נייעם ענטוזיאַזם; און איצט, וואָס בלייבט איר איבער? נאָך אַ קאָנצערט אין אַ גרויסן האַלב־ליידיקן זאַל. נאָך אַן אויפֿטריט פֿאַר אַן עולם, וואָס לעבט שוין בלויז מיט זכרונות. צי איז שוין טאַקע געקומען אויך איר צייט צו פֿאַרענדיקן און זיך נעמען בלע־טערן די בילדער־אַלבאָמען אָדער די אויפֿגעזאַמלטע רעצענזיעס?

די פֿאַרוווּנדיקטע אַמביציע פֿון פֿרוי און קינסטלערין האָט צע־רייצט איר שטאָלץ.

— ניין. די צייט וועט זי נישט גובר זיין... זי וועט גיכער...

אין שרעק פֿאַר דעם דאָזיקן געדאַנק האָט זי זיך באַמיט אים איבערצושניידן נאָך איידער ער פֿאַרקריכט אין איר צעגליטן מוח. אַ פֿאַרמאַטערטע איז זי אַוועקגעפֿאַלן אויף די לעדערנע קישנס. זי האָט מער נישט געהאַט קיין כוח זיך צו ראַנגלען מיט אירע פֿינצטערע מחשבות. דער אויטאָ איז פּאַוואָליע אַריבערגעפֿאָרן די בריק. זי האָט אַרומגענומען מיט איר בליק די טונקלקייט, ווי זי וואָלט זיך געהאַט אויפֿגעכאַפּט פֿון אַ טיפֿן שלאָף. דערנאָך האָט זי זיך ווי דערמאָנט

אַן עפּעס און אַ דעצידירטע געבעטן דעם שאָפער צו פאַרהאַלטן אויף אַ ווײַלע די מאַשין. מיט דעם גרימקאַסטן אין דער האַנט איז זי אַרויס פונעם אויטאָ און זיך געלאָזט גיין צוריק צום ירקון. זי איז אַרויף אויף דער בריק, צוגעגאַנגען צום באַריער, און האָט אַרײַנגעקוקט אינעם פעך־שוואַרצן שטראָם. די נאַכט האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דעם טײַך. אַ מילד ווינטל האָט זיך געסודעט מיט ביימער אויפן ברעג, פונאַנדערגעוויגט דאָס אָנגעבונדענע שיפל און צעשויבערט איר די האָר. זי איז געשטאַנען אויפן בריק און צוגעבויגט איר אויער צו די שטילסטע וויבראַציעס פון דעם אַרום. אַ נאַכטפויגל האָט אַ פלאַטער געטאָן איבער איר קאָפּ. די זינגערין האָט אויפגעציטערט פון איר פאַרטראַכטקייט. זי האָט געפּרוווט צום לעצטן מאָל, מיט דער פאַר־ביסנקייט פון יאָרן טעאַטער־לעבן, צו דערשטיקן איר אייגענעם ווייטיק, דערשטיקן אים מיט אַרגומענטן, אין וועלכע זי אַליין האָט נישט גע־גלויבט. אפשר איז דעם היגן עולם פרעמד איר קולטור, איר זשאַנער. זיי זענען אפשר נישט צוגעוווינט צו אַזאַ אינטערפּרעטאַציע... זי האָט זיך געטרייסט, אַז זי וועט אַרײַננעמען אין איר פּראָגראַם לײַכטערע כאַראַקטער־לידער. זי וועט פאָדערן ביים אימפּרעסאַריאָ צו פאַר־שטאַרקן די רעקלאַמע, געבן גרעסערע אַנאָנסן, בולטערע אַפישן. אָבער גלייכצייטיק האָט זי געפילט, אַז זי נאַרט זיך אַליין, אַז זי וויל איינ־שלעפערן איר פאַרדראָס, ווי מען פאַרשלעפערט אַ קינד. דער קאַל־טער שכל האָט ווי אַ קלין זיך אַרײַנגעהאַקט אין איר צעשפּאָלטענער נשמה. ניין, דאָס אַלץ וועט נישט העלפן — נישט קיין פאַרבײַקער אַפיש, נישט קיין שרײַענדיקע רעקלאַמע. די לעצטע אָקטאַווע פון איטלעכן כאַראַקטער־ליד וועט מאַכן נאָך מער ציטערן איר אונטער־קין. די שטים איז שוין אויך נישט אַזוי לויטער...

דער טײַך האָט טרויעריק געזשורטשעט אונטער אירע פיס און זײַן אײַנטאָניק פליסן האָט פאַרלאָשן אין איר מוח דעם לעצטן פונק — אפשר פּרוּוון נאָך אַ מאָל...

אַ טעמפּער וואַסערפליעסק האָט איבערגעריסן די שטילקייט. עטלעכע פייגל האָבן זיך אויפגעהויבן פון די קוסטעס. זשאַבעס האָבן

זיך צעקוואַקעט. דאָס שיפל האָט זיך שטאַרקער צעהוידעט אויף די אָנגעלאָפענע כוואַליעס — און ווידער איז שטיל געוואָרן.

דער אַריינגעוואָרפענער גרימקאַסטן האָט צוריק אויפגעטויכט פונעם וואַסער. זיין ניקלנע שמידונג האָט אַ שימער געטאָן אין דעם חושך ווי אַ וווּנדער־בליק פון אַ בעל־חי, ווען ס'טרעפט עפּעס שלעכטס פון אַ צוגעוווּינטער האַנט. דאָס קעסטל האָט זיך צעהוידעט אויפן אויבערפלאַך, געקעמפט מיט דעם אַריינדרינגענדיקן וואַסער. עטלעכע מאָל האָט עס זיך אונטערגעטוקט און ווידער אַרויפגעשווומען צוריק אין דער הויך. די זינגערין האָט געגעבן אַ שטרעק אויס די הענט איבערן באַריער. איר גאַנץ לעבן האָט זיך געטרונקען אינעם זינקענדיקן גרימקאַסטן. דאָס שטענדיקע האַרצקלאַפּן פאַר יעדן אויפטריט; דער פאַרשיכורנדיקער רויש פון אָוואַציעס; די זיסקייט פון טריומף און די ביטערניש פון אַ שלעכטער קריטיק; די אייפערזוכט אויף יענעמס דערפאָלג און די גלייכגילטיקייט צו אַ צווייטנס דורכפאַל. דער פאַרביקער אינהאַלט פון אַ הינטער־קוליסן לעבן איז געלעגן צעשאָטן אינעווייניק צווישן די פאַרשידענע גרים־בלייערס.

אַ פאַרשטיינערטע איז זי געשטאַנען ביים באַריער, ביז דאָס וואַסער האָט פאַרשלונגען דעם גרימקאַסטן. זי וועט שוין אַלץ איינס אים מער נישט דאַרפן... אַ פאַרשטומטע איז זי צוריק אַראָפּ פון בריק און זיך געלאָזט גיין צום אויטאָ. אין אַ ווײַלע אַרום איז די טאַקסי פאַרשוווּנדן מיט איר אין דער נאַכטיקער פינצטערניש.

גנבים

גנבים

אַלע אינדערפרי, איידער חיים האָט באַקומען פון דעם ווייבס האַנט דאָס פעקעלע עסן, האָט ער פריער געמוזט אויסהערן איר שטענ־דיקן פאַרוואורף — פאַרוואָס האָבן זיי זיך אריינגעקליבן אין אַט דער חורבה, און נישט געוואָרט אויף אַ שיכון ווי אַלע אין בית־עולים; אמת, זי אַליין האָט אים צוגערעדט צו דעם. זי האָט נישט געקאָנט צוזען ווי ער ליידט פון אַרומגיין אָן אַרבעט. פון דעסטוועגן האָט ער זיך געפילט שולדיק קעגן איר, וואָס ער האָט נישט געקאָנט שאַפן קיין בעסערע וווינונג.

אינעם צעשטערטן תל־אביבער שטאָט־טייל חסן בעק האָבן זיך צווישן גרודעס צעשאָטענעם ציגל און קאַלך אויפגעהיט האַלב איינ־געלייגטע הייזער — איבערגעבליבענע פון לעצטן מלחמה־געוויטער. ביי־אַנגעקומענע האָבן פון די אַרומיקע חורבות אויפגעקליבן ווו אַ טיר, ווו אַ פענצטער, איינגעמויערט זיי אין די גאַנץ געבליבענע ווענט און זיך דאָרט פונאַנדערגעלייגט מיט זייער ביסל אָרעמקייט. אַזוי איז דער צעהאַקטער אַראַבישער קוואַרטאַל ווידער באלעבט גע־וואָרן דורך קינדערשע געשרייען, פאַריקמאַכער־שילדן, גרינס־וועגעלעך און אויסגעהענגטע וועש. די פאַרוויסטונג אָבער איז געווען שווער צו פאַרטרייבן. זי האָט דאָ איבערגעלאָזט אַזעלכע טיפע שפורן, אַז אפילו די בלומען, וואָס די נייע איינוווינער האָבן פאַרפלאַנצט אונטער איטלעכן פענצטער, האָבן אויך נישט געקאָנט אַריינברענגען כאָטש אַ ביסל הייטערקייט אין דעם דאָזיקן אומגליקלעכן פלאַץ. משונהדיק צעבויגענע שטאַבעס אייזן האָבן געקלעטערט איינע איבער דער אנ־דערער, ווי זיי וואָלטן אין דער לעצטער מינוט געזוכט זיך צו ראַטעווען פון די אויפרייסן. צעריסענע, געוועלבטע ווענט מיט אַראַבישע אויפ־

שריפטן, וואָס האָבן דערציילט פון אַמאָליקן פרידלעכן מסחר מיט געטריקנטע פּרות אָדער מיט ים־פיש, האָבן געסטאַרטשעט צום הימל און עדות געזאָגט וועגן דורכגעשוועבטן שטורעם. די זון האָט דאָ אויך געלויכטן אומעטיקער. אירע שטראַלן האָבן זיך קוים געבראָכן דורך דעם קאַלך־שטויב אויף די נידעריקע, טונקעלע פענצטער.

— חנה, גיב מיר שוין דאָס עסן, כ׳וועל דאָך פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט...

דאָס האָט געקאָנט זיין דער איינציקער מיטל, אַז דאָס ווייב זאָל נישט ווייטער אָנגיין מיט אירע פאָרווורפן, נאָר גיך אַריינלייגן דאָס פּעקעלע עסן אין זיין פּראָוויאַנט־זעקל. חיים האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דעם שלאָפנדיקן טעכטערל, געזאָגט אַ גוטן טאָג חנהן — און זיך אַוועקגעלאָזט צו דער אויטאָבוסן־סטאַציע.

דער פרימאָרגן האָט זיך געשטעלט אַ גרויער. אַ בייז ווינטל האָט געיאָגט פון ים. דער שווערער הימל איז נידעריק געלעגן אויף דער גאַנצער געגנט, וואָס האָט איצט, אין דעם בלייאיק־מאַטן ליכט, אויסגעזען נאָך מער נעבעכדיק און פאַרלאָזן. חיים האָט געהיפּערט איבער די אָנגעוואָרפענע שטיקער ציגל אויפן שמאָלן שטעגל ביז צו דער הויפּטגאַס, און כעסדיק אַוועקגעשטויסן מיטן שפּיץ שוך עטלעכע קלענערע ברוכשטיקלעך. ס׳האָט אים פאַרדראָסן אויף חנהן, וואָס זי מאַכט אים פאָרווורפן — זי ווייסט דען נישט, אַז זיי זענען געקומען צופאָרן אָהער אָן געלט... אַ דירה אין שטאָט קאָסט טויזנטער... אמת, מ׳האָט זיי צוגעזאָגט אַ שיכון. ער האָט געבראַכט אַ בריוו, אַז ער אַרבעט אין פאָרט, האָט מען אים פאַרשריבן פון די ערשטע. דאָס מוז אָבער געדויערן, דערווייל רינט אַריין דער רעגן דורך די שלעכט צוגעפּאַסטע פענצטער און אַלע קליידער שמעקן מיט שימל. חנה זאָגט, אַז ס׳איז נאָך ערגער ווי אין וואַלד... זי איז זייער פאַרביטערט... און אפשר איז זי פאַרביטערט נישט נאָר צוליב דער דירה... דער דאָזיקער געדאַנק סמט זיין געמיט. — צו אַל די שוואַרץ יאָר, אייביק מורא האָבן, אַז ס׳זאָל איר אַמאָל נישט באַנג טאָן אויף זייער צוזאַמענלעבן. אָבער אין דער לעצטער נאַכט, אין וואַלד, זענען דאָך אירע שמאָלע

פינגער געלעגן אַזוי רויק אין זיין ברייטער דלאָניע... זי האָט אים אַליין געזאָגט: איך וויל נישט וויסן ווער דו ביסט געווען, ס׳הענגט נאָר אָפּ פון דיר, מיר זאָלן זיך נישט צעשיידן. האָט ער איר דען נישט פאַרשאַפט די ערשטע פּאָר וואַליקעס אין וואַלד, ווען ער האָט זי געפונען אַ פאַרלאָזטע פון אַלעמען, אַן איינגעדרייטע פון קעלט, אַ פאַרקרעציקטע? און דאָס באַנקעלע שוועבל־זאַלב? ער האָט דאָך ריזיקירט צו גיין צום אַפּטייקער, ממש צו די דייטשן אין די לאַפּעס אַריין. ווער וואָלט מער געטאָן פאַר איר... האָט ער זי געצוואונגען חתונה צו האָבן מיט אים? זי אַליין האָט דאָך אים געזאָגט: איך האָב קיינעם נישט, און דו אויך נישט. מיר זענען אַרויס פון וואַלד ביי־גע־בוירענע. ער האָט איצט געקאָנט האָבן געלט אַזוי ווי אַלע. איצקע דער געלער האָט אים נישט איין מאָל, נאָך אין דייטשלאַנד זייענדיק, געוואָלט נעמען פאַר אַ שותף צום שמוגל... אָדער וועלוועלע... ער האָט נישט געוואָלט הערן פון דעם. ער איז אַוועק אַרבעטן.

חיים שטעלט זיך אָפּ אויף אַ רגע. די אויפרעגונג שלאָגט אים דאָס בלוט צום קאָפּ. אים דוכט זיך אין דעם מאָמענט, אַז די גאַנצע וועלט איז קעגן אים, אויך זיין ווייב; זאָל אפילו זיין, אַז זי איז חנה די לערערין, און ער איז בלויז חיים דער הויכער. איז ער אָפּגעשטאַנען פון אַנדערע פאַרטיזאַנער אין וואַלד? אָדער אַרבעט ער ערגער פון די איבעריקע פועלים אין פאַרט?...

אַ להכעיסדיקייט באַפאַלט אים. אַ פאַרצווייפלטער גלוסט זיך אים אומצוקערן איצט אַהיים און וואַרפן דעם ווייב אין פנים אַריין: יאָ, כ׳בין געווען אַ גנב! דאַרפסט נישט זיין מיט מיר נאָר דערפאַר וואָס איך האָב דיך געראַטעוועט; אפשר וועט אַן אַנדערער דיר געבן אַ בעסערע מערכה.

— חיים, וואָס שטייט איר און חלומט? ס׳איז דאָך שוין אַזוי שפּעט. איר גייט דען נישט היינט צו דער אַרבעט? — די שכנטע, וואָס איז אָנגעקומען מיט אַ קריגל מילך אין דער האַנט, האָט אים צעפלאָשעט. ער האָט זיך פאַרלוירן, פונקט ווי יענע וואָלט געטראָפן וואָס ער טראַכט.

— ס'האָט זיך מיר אָפּגעבונדן דער שוך, איך אייל מיך טאַקע. אַ גוטן טאָג...

אויפן וועג צום אויטאָ האָט זיך חיים אַ ביסל אויפגעמונטערט. ער האָט זיך דערמאָנט אַז קינד, אַז חנהס מילדן פּנים ביי דער שיין פון לאָמפּ, ווען זי זיצט אין אָוונט איבער אַ בוך אָדער ביים פאַריכטן די וועש. ער האָט אין זיך דערשפּירט נייעם מוט און אָנגעהויבן שטעלן גיכע טריט. די אַרבעט האָט אים אַ צי געטאָן. ער האָט שוין געוואָלט זיין וואָס גיכער צווישן די טרעגער, אַריינוואַרפן זיך אין דעם פּאָרט־געטומל.

.2

זיי זענען געזעסן אין דער בולגאַרישער קנייפּע, וואָס אויפן גרויסן פּלאַץ אין יפו. חיימען איז געווען זייער שווער די דאָזיקע באַגעגעניש. ער האָט געוווּסט, אַז ס'זענען אָנגעקומען אין לאַנד אַלטע באַקאַנטע און ער האָט אויסגעמיטן אויף אַלע אופנים זיך צו טרעפן מיט זיי. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אשר די וועווערקע פּונקט דעמאָלט, ווען ער איז אַרויס נאָך דער אַרבעט פון פּאָרט־טויער. חיים האָט אַ טראַכט געטאָן: איידער איך זאָל אים דאַרפן פירן צו זיך אַהיים, איז בעסער זיך טרעפן מיט אים ערגעץ אַנדערשוואו.

אין דער קנייפּע איז געווען הייס און רויִק. אַ צעשפּאָלטענע גראַמאָפאָן־פּלאַטע האָט פּאַוואָליע אַרויסגעדרייט פון זיך אַן אייננטאָ־ניקן צעצויגענעם ניגון. אין אַ ווינקל, ביי אַ פּאַרגאָסענעם טישל, האָט מען זיך געאַמפּערט מיט גאַרגלדיקע קולות איבערן דאָמינע־שפּיל. אַן אויסגעדאַרטער אַראַבער איז געזעסן מיט פאַרגלייזטע אויגן צום פאַרנאַכטיקן דרויסן און איבערגעוואָרפן אַן אויפהער אַ קרעגצל געלע פּאַטשערקעס צווישן די פינגער. אַלע ווילע איז עמעץ אַריין אין שענק, זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן און גלייך אַרויס צוריק. פון נאָענטן מעטשעט האָט זיך געהערט דאָס לאַנגווייליקע ציקלען פון דעם מוללאַ. הינטער דער אָפענער טיר איז פינצטער געלעגן די גאַס. בלויז אַקעגן

איבער, ביי דער יפֿוער תּפֿיסה, האָט ווי אַ שטרענג וואָרנענדיק אויג, געלויכטן דער לאַמטערן.

— נו, חיים. מ׳זאָל זיין געזונט, צי אַריין דאָס גלעזל.

— מ׳זאָל זיין געזונט... חיים האָט זיך פֿאַרקרעקט פֿון דעם שאַרפֿן געטראַנק.

— אָפּגעוווינט זיך, האַ? אַמאָל איז עס ביי דיר בעסער געגאַנגען?

— שוין אַ צייט נישט געטרונקען...

דער אַראַק האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אַן איבלדיקן ריח פֿון נישט־דערווייִרענעם בראַנפֿן. אַ נישט־גוטקייט האָט אים געשפּאַרט אונטערן האַרצן. דער שענק, די געסט, דעם קעלנערס שמוציקער פֿאַרטעך — אַלץ איז אים געווען דערווידער. ער האָט צעשטרייט געשטאָכן מיט אַ צעשטשערבעטן גאָפּל אין אַ פֿאַרברויינטן, האַרטן קאַרטאָפֿל. אשר האָט אים מיט אַ פֿאַרשנדיקן בליק נאָכגעשפּירט.

— חיים, מיר רעדן אָפֿן. איך זע, אַז עס הייבט דיך פֿון שטול. די גאַנצע באַגעגעניש שמעקט דיר, ווי מיר טורמע... נאָר מיין נישט, אַז גוטע פֿריינד פֿאַרגעסן אַזוי גיך. ס׳טרעפֿט אַ פּרייטיק צונאַכט, מען קומט זיך צונויף ביי איצקע דעם געלן — ער וווינט טאַקע דאָ נישט ווייט אין דער צוועלפֿטער גאַס — רעדן מיר שעהן וועגן דיר. חוהקע זעליקס און דוד דער טאַמבאַק האָבן געוואָלט אפֿילו צוגיין צו דיר אַהיים, נאָר איך האָב זיי נישט געלאָזט. קוים ביסטו אַרויס פֿון דעם ברויט, איז בעסער זאָלסט זיך נישט טרעפֿן מיט אונדז. מיר ווייסן אַלץ — האָסט אַ ווייב אַ וויטישע, אַ קינד אַ פֿאַרשווין; נאָר דו האָרעווען ווי אַ פֿאַראַבעק.

חיים האָט געשוויגן, ווי ער וואָלט זיך געפֿילט שולדיק, וואָס ער האָט אַן אָרנטלעך ווייב, אַ שיין קינד און אַרבעט שווער אין פֿאַרט. — הקיצור, וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן — זאָל דיר זיין גוט מיט זיי; נישט צוליב דעם האָב איך געוואַרט אויף דיר אַ האַלבן טאָג פֿאַרן טויער. יאָ, יאָ, כ׳האָב געוואַרט, מיין נישט, אַז מיר האָבן זיך צופֿעליק געטראָפֿן... אשר האָט זיך געגעבן אַ רוק צו מיט זיין שטול נאָענטער צו חיימען.

— ס'איז דאָ אַ שטיקל אַרבעט... זיץ, רייס זיך נישט, הער אויס ביזן סוף. ס'איז דאָ ווינציק צו טאָן דערביי. מ'קאָן עס אָפּטרן אין איין שעה. אַ מעשה אויף טויזנטער... איך, דוד דער טאַמבאַק און דו. מ'דאַרף האָבן אַ ייִנגל, וואָס קאָן אונטערשטעלן אַ פּלייצע. מיר האָבן געקאָנט נעמען אַ היגן, אַ סאַברע, נאָר אַ מכה — פאַרדין דו בעסער...

חיים האָט זיך געגעבן אַ ריס אויף פון בענקל. — אויב דו האָסט מיך געוואָלט זען צוליב דעם, איז אַ שאָד די צייט, מיך פון די גע־שעפטן לאָז אַרויס. איך האָב דערמיט פאַרענדיקט, פאַרשטייסט, צי נישט?

אשר האָט זיך אַ ביסל פאַרלאָרן. נישט אויפהויבנדיק די אויגן צו חיימען, האָט ער גערעדט, ווי צו זיך אַליין, — און מיר האָבן געמיינט... די חורבה דײַנע ביים ים... אַזאַ ווייבל, אַז זי איז אַוועק מיט דיר לעבן, דאַרפסטו דאָך באַזאָרגן זי מיט עפּעס בעסערס...

אשר האָט, ווי אַ שלעכטער שיסער, צופעליק געטראָפן אין ציל. חיים האָט זיך אַראָפּגעזעצט צוריק אויפן בענקל. אַ פאַרביטערטער האָט ער אַרויסגעזייט דורך די ציין:

— דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז ווען נישט דאָס ווייב, וואָלט איך געהאַט געלט ווי יעדער איינער...

— אָבער, חיים, וואָס דאַרף מען דערמאָנען אַמאָליקע זאַכן? לאָמיר בעסער זען וואָס איז איצט...

חיים האָט זיך פאַרטראַכט. מאָרגן וועט חנה זיך ווידער באַקלאָגן אויף דער דירה. די לעצטע צייט גייט זי אַרום אַזאַ פאַרשלאָסענע אין זיך; פאַריקן שבת זענען זיי נישט געגאַנגען, ווי אַלע מאָל, מיט קינד שפּאַצירן צום תל־אביבער ים־ברעג. זי האָט נישט געהאַט קיין חשק. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי כמעט נישט גערעדט צווישן זיך. אין וואַלד זענען זיי געווען נאָענטער מיט אַנאַנדער ווי דאָ, אויף דער פרײַ. עפּעס לאַדעט זיך נישט צווישן זיי. אפשר איז עס טאַקע צוליב דער חורבה? זי האָט ליב אַ סערוועטל, אויסגעניייטע קישעלעך. ער געדענקט נאָך ווי זי פּלעגט פּוצן זייער קעמערל אין יענעם באַוואָרישן שטעטל, ווי זיי האָבן געוווינט פאַרן קומען אַהער; און דאָ רינט פון די ווענט,

דער טינק שיילט זיך. וואָס איז דאָ אייגנטלעך ?... האָט ער חנהן אַמאָל ליב געהאַט מער ווי איצט ? ער האָט דאָך ריזיקירט פאַר איר מיטן קאָפּ צוליב אַ באַנקעלע שוועבל־זאַלב. מען מוז פּרוּוון נאָך אַ מאָל. זיי וועלן דינגען אַ דירה אין שטאָט, נייע מעבל קויפן ; און טאָמער פאַלט מען דורך ?... אָבער אשר מיט דודן זענען דאָך נישט קיין קינדער, אַלטע פאַכלייט...

— חיים, טראַכט נישט אַזוי פיל. גלויב מיר, מען האָט שוין אַלץ דורכגעטראַכט פריער. ס׳וועט קלאַפּן ווי אַ זייגער... אשר האָט ממזריש פאַרקוועטשט מיט אַן אויג. — פיק איז קאָזער און גאָט וועט העלפן...

— וואָס זאָגט דוד ?

— ס׳וועט זיין אין אָרדענונג. ווייסט דאָך, אַז ער האַלט נישט פון סתם כוח־לייגעריי... ביי אים איז יעדע זאַך מיט אַ פּלאַן, אויסגע־רעכנט קאָרט צו קאָרט... לאָמיר צוגיין צו אים. מ׳וועט איבעררעדן אַלץ אויפסניי.

אין דער צייט ווען אשר האָט זיך פונאַנדערגעזאָלט מיט דעם קעלנער, זענען חיימען פאַרשידענע געדאַנקען פאַרלאָפן דעם וועג. אויפן שפּיץ צונג איז אים געלעגן דער ניי ן. ער האָט זיך אָבער ווידער דערמאָנט חנהס רייד, איר מרה־שחורה, און אַן אומאָפּרופלעכער באַשלוס, ווי אַמאָל פאַרן עפענען די וואַגאָנטיר פון לויפנדיקן צוג, כדי ארויסצושפּרינגען מיט אַ פרעמדער וואַליזע, האָט אַלץ דערשטיקט אין אים.

אשר איז צוריקגעקומען צו זייער טישל.

— נו, וואָס וועט זיין ?

— לאָמיר גיין...

— געלויבט צו גאָט, אַבי דו האָסט זיך באַטראַכט. קום...

.3

דער אויטאָ האָט זיך ווייך ווי אַ קאַץ געטראָגן איבער די טונקעלע גאַסן צום עק שטאָט. איינציקע נעאָן־רעקלאַמעס האָבן געוואָרפן שטי־

קער רויטע שיין אויפן אַספאַלט, געריסן דעם נאַכטיקן שלייער פון דער שטאָט. לעבן דער פאַרלאָשענער קינאָ־וויטרינע אויפן ראָג גאַס האָבן יונגע שטימען זיך איבערגעשריגן. מ׳האָט הילכיק געלאַכט. עטלעכע מענטשן זענען געשטאַנען ביי דער אויטאָבוסן־סטאַציע. וואָס ווייטער צום עק שטאָט האָבן זיך די גאַסן געשפרייט שטיל און פאַרלאָזן. דער אויטאָ האָט זיך אַריינגעדרייט צווישן נאָך מאַשינעס, וואָס זענען אַרויסגעפאָרן פון דער שטאָט דורכן הויפּט־שאָסיי.

— וויפל איז דער זייגער?

— האַלב צוועלף.

— שפּעט אַרויסגעפאָרן.

— פאַרוואָס שפּעט? אַלץ איינס קאָן מען נישט אָנהויבן פאַר צוועלף... מיר זענען דאָך שוין באַלד דאָרט — האָט אשר די ווערטער באַרויקט דודן, וואָס איז געזעסן ביים רודער. חיים האָט זיך גלייכגיל־טיק צוגעהערט צו זייער שמועס. די אויפרעגונג, וואָס פלעגט אים געוויינטלעך באַגלייטן אין אַזעלכע פאַלן, האָט היינט נישט געהאָט אויף אים קיין שום שליטה. דאָסמאָל האָט ער אַזוי פיל איינגעשטעלט, אַז ער האָט נישט געטאָרט אויף קיין איין מינוט אַ טראַכט געבן וועגן אַ דורכפאַל... אשר מיט דודן האָבן ריזיקירט בלויז מיט תפיסה, אָבער ער?... חיים האָט פאַרעקשנט געטריבן פון זכרון חנהן מיטן קינד.

אשר האָט זיך באַמיט אויפצוהייטערן אַ ביסל חיימן. ער האָט אים אָנגענומען פאַר דער קני. — נו, חיים, ווי אין אַמאָליקע גוטע יאָרן, האַ? און וואָס זאָגסטו אויף דודן, זע ווי ער טרייבט די מאַשין? אַ גאַנצער שאָפער. דוד, זאָג דעם אמת, ווער ווייסט נאָך דער מאַשין? וויפל האָט דיר געקאָסט איבערפאַרבן זי? איי, איז דאָס אַ ניינטל מיט אַן אויערינגל — האָט אשר שעלמיש אָנגעוויזן אויף דודן — און מאָרגן וועט מען טרינקען בראָנפן, אַז דער רוח וועט עס נעמען; זאָל נאָר גיין אַלץ גלאַט. אין קאַסע דאַרף ליגן אַ שיינע קאָלעקציע שטיינד־לעך. ס׳איז איינע פון די גרעסטע שלייפעריען... וואָרט, דעם עיקר האָב איך גאָר פאַרגעסן, וואָס האָסטו געזאָגט דיין ווייבל?

— כ׳וועל דאַרפן בלייבן אויף אַ ביינאַכטיקער זמנע... חיים

דער וועג קיין סדום

האָט געוואָלט אַראָפּפירן דעם געשפּרעך אויף עפּעס אַנדערש. ער האָט זיך כלומרשט פאַראינטערעסירט מיטן זעקל, וואָס אשר האָט געהאַלטן אויף די קני. — האָסט קיין זאַך נישט פאַרגעסן? אַלע געצייג מיטגענומען?

— יאָ, נאָר ס׳קאָן זיין מ׳וועט דאַרפן אַ גרעסערן ברעכאייזן.

— מ׳וועט זיך אַן עצה געבן. — האָט אים חיים פאַרזיכערט.

דוד האָט אַריינגעקערעוועט אין אַ זייטיקער, שמאָלער גאַס. אויף ביידע זייטן גאַס האָבן זיך געשוואַרצט גרויסע פאַבריק־פענצטער. ווו נישט ווו האָט אַן איינציקער לאָמפּ באַלויכטן מיט זיין שוואַכער שיין איינגעשלאָפענע מאַשינען. פון ערגעץ האָט זיך דערטראָגן דאָס ריט־מישע קלאַפּן פון אַ מעכאַנישער פּאָמפּע. דוד איז פאַרבייגעפאָרן עטלע־כע הייזער און אָפּגעשטעלט די מאַשין.

— איר וועט צוגיין דאָס שטיקל צופוס. איך וועל וואַרטן אויף יענער זייט גאַס, ביים ראָג.

— צוריק וועל איך נישט פאָרן מיט אייך — האָט זיך אָפּגע־רופן חיים. איך וועל אַריבערגיין דעם וואַדי און פון דאָרט אין שטאָט כ׳קען דאָ די געגנט.

— ס׳איז דאָך אַ שטיק וועגס — האָט זיך דוד געוווּנדערט.

— נישט שרעקלעך. אין אַ שעה צייט וועל איך זיין אינדערהיים.

— ווי דו פאַרשטייסט.

אשר האָט אַ נעם געטאָן דאָס זעקל און איז אַרויס מיט חיימען פון דער מאַשין.

— איך וויל אייך דערמאָנען נאָכאַמאָל — האָט זיי דוד אָפּגע־האַלטן — די לאָך קלאַפּן נאָר אונטן, ביי דער סאַמע ערד. נוצן מער דעם לאָם ווי די זובילע. דער שלאָס ביי די קראַטעס אַרום דער קאַסע איז אַ צוהאַלטאָווער, דער געבויגענער וויטריך וועט זיכער פּאַסן צו אים. איך וועל שטיין די גאַנצע צייט אויף זעקס...*) טאָמער וואָס ווען — גיב איך גלייך צינק**) מיט דעם קלאַקס. דער שומר זיצט די גאַנצע צייט אין בודקע. יעדע פאָר שעה, בערך, גייט ער אַריין

*) אויף שמירה **) אלארמיר איך

אין דער פאַבריק. טאָמער קומט דיר פאַרט אויס צו „באַרויקן״ אים — האָט ער זיך געווענדעט צו חיימען — איז נאָר אויף טרוקן, מיט דער האַנט... גיב אים אַ „מעק״ ער זאָל שלאָפן אַ האַלבע שעה, אָבער נישט מיט קיין אינסטרומענט, חלילה, מיר׳ן נישט גיין צווישן יידן אויף „נאָסע״ אַרבעט... און איצט גייט, זאָל זיין מיט הצלחה..

— מיט גאָטס הילף...

4

— חיימען האָט געשווידערט פון דעם אָפּגעקילטן שווייס. די דלאָני׳עס האָבן אים געפייערט. די וואַנט האָט נישט אַזוי לייכט נאָכגעגעבן. ער האָט זיך געמוזט אָנלייגן מיטן גאַנצן כוח אויפן לאָם. כדי אָפּצורייסן שטיקלעך מויער. דאָס אייזן האָט זיך געגליטשט איבערן געגאָסענעם בעטאָן. די וואַנט, ווי זי וואָלט געקעמפּט פאַר אירע איטלעכן שטיקל געביין, האָט צוריקגעשליידערט דעם לאָם. חיים האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז ס׳וועט אים אָנקומען אַזוי שווער אויסצוהאַקן די לאָך. עטלעכע מאָל האָט ער געמוזט איבעררייסן די אַרבעט, אַזוי האָבן אים געדרייט די הענט ביים פּרוּוון פאַרקלינעווען ערגעץ ווו דעם ברעכאייזן, אויפרייסן אַ שפּאַלט.

ער איז געשטאַנען ביים פענצטער פון פינצטערן פאַבריקס־רוים און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. עמעץ איז דורכגעפאָרן אויף אַ ראָווער. נאָך דעם האָבן זיך באַוויזן עטלעכע מענטשן. שווייגעוודיק און שווער טרעטנדיק, זענען זיי דורך די גאַס. חיים האָט זיך אָפּגערוקט פון פענצטער. אשר, וואָס האָט זיך געפּאַרעט ביי דער קאַסע, האָט איבעררגעריסן די אַרבעט. ער האָט פאַרלאָשן דאָס עלעקטרישע טאַשן־לעמפּל וואָס איז אים געהאָנגען אויף דער ברוסט. אַ פּאָר מינוט, ביז וואַנען ס׳איז צוריק שטיל געוואָרן, זענען אשר און חיים געבליבן פאַרשטיינערט אויף זייערע ערטער. נאָך דעם האָט דאָס לעמפּל ווידער אַ וואָרף געטאָן אַ קיילעכדיקן, געל ליכט אויפן שליסל־לאָך פון דער קאַסע, און אשר האָט זיך צוריק אַ נעם געטאָן פאַר דער אַרבעט.

רויק, ווי אַ געמיטלעכער שלאָסער ביי זיין מלאכה, האָט ער מאַני־פּולירט מיט די געצייג אַרום דער קאַסע. זיינע געשיקטע הענט האָבן נישט געמאַכט קיין איבעריקע באַוועגונג. דאָס זעקל אינסטרומענטן איז געלעגן אויפן שרייבטיש לעבן דער קאַסע אין בעסטער אָרדענונג — שרויפנציער צו שרויפנציער, דלאָט צו דלאָט. אויף דער קאַסע אָבער, האָט מען נישט געזען דערווייל קיין מינדסטן שפּור פון אשרס אַרבעט. קיין איין קלענסטער שרייפל איז נאָך נישט געווען אַרויס־געצויגן. קיין איין שטיקל מעטאַל איז נאָך נישט געווען אַראָפּגענומען פון איר שווערער, שטאָלענער טיר. ס'האָט זיך געדוכט אַז די קאַסע וועט זיך עפענען דורך אַ כישוף, וואָס אשר קאָן עס אויסכישופן, און דאָס קריכן אינעם קאַסע־שלאָס מיט כלערליי פּרעציזע וויטריכן און זאָנדן איז בלויז אַ צוגאָב־שפּיל, אַן אָפּנאַרעריי פאַרן אויג.

חיים האָט זיך ווייטער געשטעלט ביים פענצטער צו היטן די גאַס. אַ קינדעריש געוויין האָט אים גלייך צוריקגעשטויסן צו פאַר־שטעקן זיך הינטערן פענצטער־גזימס. ער האָט צוגענויגט דעם קאָפּ צום ברעג שויב. אַ יינגעלע פון אַ יאָר פיר, פינף האָט געטראָפּעטשעט מיט די פיסלעך, געריסן דער מאַמען פאַרן קלייד, נישט געוואָלט גיין. די פרוי האָט אים געצויגן פאַרן הענטל, אים איינגערעדט.

— אַזוי שפּעט שלעפּן אַ קינד אין גאַס — האָט זיך דערוועקט אין חיימען דער טאַטע. דעם ממזר וואָלט איצט געהאָלפן אַ פאַר גוטע פּעטשלעך איבערן הינטן... כאָטש וואָס איז ער שולדיק? וויל נעבעך שלאָפן.

דעם קינדס געוויין האָט אים דערמאָנט די שטוב. ער האָט געזען פאַר זיך זיין שרהלען, ווי זי ליגט אַ פאַררויטלטע מיט אַ האַלב אָפן מיילכל אין איר בעט; און חנה?... שלאָפט זי שוין, אָדער לייענט זי נאָך?... מאָרגן דאַרף ער צוגיין אין קינדער־גאָרטן. די לערערין וויל רעדן מיט אים. מן הסתם וועגן שרהלעס טאַנץ־לעקציעס. דער מנהל פון דער אַרבעט האָט אים דאָ נישט לאַנג געזאָגט — ער זאָל זיך נישט זאָרגן, אַזעלכע אַרבעטער פאַרלאָזט מען נישט. עס וועט נאָך זיין אין בת־ים אַ דירה מיט אַ גאָרטן, נאָר אַ ביסל געדולד...

היינט אינדערפרי האָט חנה ביים געבן עסן אַ שמייכל געטאָן צו אים — דאָ ווועלן מיר אָנהויבן אַלץ פון אָנהויב... חנהס רייד האָבן אים געקלינגען אין קאָפּ. אָנגעהויבן אַט אַזוי, ווי ער איצט? זי וועט דאָך פרעגן פון וואַנעט האָט ער פּלוצים געלט... זי וועט אים אָנקוקן מיט איר אָפענעם בליק גלייך אין פּנים אַריין. און טאָמער פאַרגנבעט זיך צו איר אַ חשד?... אַ שרעק איז אים באַפאַלן. אַ שרעק צו פאַרלירן חנהס צוטרוי, איר גלויבן אין אים. פאַרלירן די וועלט, אין וועלכער ער האָט זיך שוין איינגעלעבט. ערשט פאַרן באַלדיקן אַרויסגיין פון דאַנעט האָט ער דערזען די מחיצה צווישן אים און דעם נייעם לעבן. ס'האָט אים אָנגעהויבן העפטיק קלאַפּן דאָס האַרץ, ווי בעת דער ערש־טער גנבה.

— פּסס... חיים — האָט אשר שטילערהייט אים אָפּגערופן. — שטעל אַריין דעם שטעקער פון בויער אין קאָנטאַקט לעבן פענצטער. דער אַ לעבן מיר איז צעבראָכן. חיים האָט גענומען דעם דראָט.

— האָסט פאַראייניקט?...

חיים האָט נישט געענפערט. אשר האָט זיך אומגעדרייט צו דער קאַסע, איינגעשלאָסן דעם בויער. דער בויער האָט זיך נישט געדרייט.

— וואָס איז דאָרטן. טרעפסט נישט דעם קאָנטאַקט? — האָט אשר אַ צישע געגעבן.

אַ שטילשווייגן.

— חיים גיב זיך אַ ריר — האָט אשר צערייצט אַ שעפּטשע געטון.

— מען דאַרף נישט. אשר...

אשר האָט זיך געגעבן אַ קער אום. דאָס לעמפּל האָט אַ לייכט געטאָן חיימען אין פּנים. חיים האָט פאַרזשמורעט די אויגן, געפּרוווט זיי פאַרשטעלן מיט דער האַנט. אשר האָט פאַרלאָשן דאָס לעמפּל.

— וואָס דאַרף מען נישט?

— לאָמיר אַוועקגיין פונדאַנען...

— ביסט משוגע? מ'מוז דאָך ענדיקן די אַרבעט.

דער וועג קיין סדום

— אויף דעם האָבן מיר נישט געדאַרפט פאָרן אַהער.

— חיים, זײ נישט קיין יאָלד, העלף ענדיקן און לאָמיר גײן.

די צייט שטייט נישט. דער שומר קאָן טראַקענען *), גיב דעם דראָט.

חיים האָט נישט געגעבן.

—גיב דעם דראָט, זאָג איך דיר, איך ענטפער נישט פאַר זיך...

— אשר, לאָז אָפּ; אויף דעם האָסטו געדאַרפט אַרויס פון לאַגער, אָדער איך פון וואַלד?...

דאָס שעפּטשען איז אַריבער אין אַ הייסן געפּליסטער. חיים האָט אַ נעם געטאָן דעם חבר פאַר די הענט. געוואָלט אים נאָך עפּעס זאָגן, איבערצייגן. אשר האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אים, אַנגעצונדן דאָס לעמפּל חיימען גלייך אין פּנים.

— אָ, דו הורנזון, דו מוסר. דינסט מסתמא אין דער משטרה.**)

איך זע דיך. דו מיך נישט. כ'וואָלט איצט געקאָנט דיר אַרײנפּאָרן מיטן מעסער אונטער די ריפּן, זאָלסט פאַרשפּאָרן ווייטער צו רעדן.

— זע, אשר, כ'בין אַמאָל געווען אַזאַ צעלייגער ווי דו, און איך בין אַוועק פון דעם.

— האָסט גלייך געדאַרפט זאָגן, אַז דו ווילסט נישט גײן. כ'וועל אַלץ דערציילן דודן. מירן האָבן מיט דיר אַ דין־תורה. דיין ווייב וועט קיין נחת דערפון נישט האָבן... אשר האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנט־זייגערל — אַזוי פיל צייט פאַרלוירן. מ'וועט שוין גאָרנישט קאָנען טאָן. דער שומר מאַכט באַלד דעם אָבכאָד. אשר האָט אויפגענומען דאָס זעקל געציג, אַרײנגעוואָרפן עס אין דער טאָרבע און זיך געלאָזט גײן. חיים הינטער אים.

אויף דער גאַס האָבן זיי זיך נישט אומגעקוקט איינער אויפן אַנדערן.

יעדער פון זיי איז אַוועק אין אַ פאַרקערטער ריכטונג.

די מאַשין האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. ווי נאָר אשר האָט פאַרקלאַפּט הינטער זיך דאָס טירל פון דער קאַבינע האָט דוד גלייך גענומען קוועטשן אויפן גאַז־העבל.ביידע שותּפים האָבן אַ היפּשע

*) פאַרדעכטיקן **) פּאָליציי

ווײַלע זיך נישט איבערגערופן מיט קיין איין וואָרט. לסוף האָט דוד אַ פרעג געטאָן: ווי אַזוי איז אַדורך?

— פּאָר, מירן שפּעטער רעדן...

דער אויטאָ האָט דורכגעיאָגט עטלעכע גאַסן. דוד האָט פאַר־לאַנגזאַמט דאָס פאָרן און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אשרן.

— וואָס ציסטו די עצמות. רעד אַ וואָרט...

— ס'איז גאָרנישט געוואָרן. מיר האָבן פאַרלוירן צייט. דער בויער האָט געבראָכן; נו, פאַרוואָס קוקסטו אויף מיר?...

פאַרן אַרײַנפאָרן אין יפו, בײַ מנשיה, האָט דוד ווידער געפּרוווט מזל בײַ אשרן — וועסט אַרײַנגיין צו מיר עפּעס אויסטרינקען?

— ניין, לאָז מיך אַראָפּ בײַ דער פּאָסט.

— ווען זעט מען זיך?

— כ'ווייס נישט. וואַרטן זאָלסטו נישט...

די מאמע וועט נאָך ספּאַנדזשע מאַכן

די מאמע וועט נאך ספאנדזשע מאכן

אין יענעם טאָג איז די מאַמע קראַנק געוואָרן. ביים אָנציגדן די פּתיליה צו מאַכן טיי האָט זי זיך געגעבן אַ כאַפּ פאַרן זייט און געזאָגט: אוי, גאָטעניו! (ווען דער מאַמען איז שלעכט, רעדט זי אויף יידיש, אָבער איך פאַרשטיי). כ׳האָב איר געפרעגט וואָס איז, האָט זי מיר געענטפערט, אַז גאָרנישט — עס גיט אַ שטאָך און עס גייט איבער.

מיט דער האַנט אויפן זייט האָט זי זיך צוגעשאַרט צום בעט און זיך אַוועקגעלייגט. איך פרעג איר נאָכאַמאָל — מאַמע, ביסט קראַנק? ענטפערט זי מיר — ניין, איך וועל בלויז ליגן אַ ביסל, עפּעס איז מיר שווער צו שטיין.

כ׳האָב געוואָלט נעמען מיינע צוויי שטיקלעך ברויט מיט מאַר־גאַרין און גיין אין בית ספר, זאָגט מיר די מאַמע — דו וועסט נישט קאָנען גיין אין בית ספר. מען דאַרף אָנזאָגן דער גברת פון דער פרישמאַן־גאַס, אַז היינט וועל איך נישט קומען מאַכן קיין ספּאָנ־דזשע. די מאַמע האָט נאָך געזאָגט, אַז אויב מען וועט איר נישט אָנ־זאָגן, וועט זי נעמען אַן אַנדערע, און דאָס איז אַ שאָד. אויב מען וועט איר יאָ זאָגן, וועט זי וואַרטן אַ פּאָר טעג. ס׳איז שוין איין מאָל געווען אַזוי.

אָבער דעם טאָג האָט די מורה באַשטימט אַ טיול פון אונדזער כיתה צו דער סאַזשלקע הינטערן דערפל סלמה און איך האָב זייער געוואָלט צוליב דעם גיין אין שול. כ׳האָב געזאָגט דער מאַמען, אַז איך וועל נישט גיין צו דער גברת, איכל נישט גיין, און שוין; אַלע מאָל, ווען איך פאָלג נישט, שרייט אויף מיר די מאַמע. דאָס מאָל האָט זי נישט געשריגן. זי האָט אַ קוק געגעבן אויף מיר און

גאָרנישט געזאָגט. מיר איז געוואָרן אומעטיק. ס׳האָט זיך מיר פאַרוואָלט וויינען. אפשר ווייל כ׳האָב נישט געקאָנט גיין מיט דער כיתה צו דער סאַזשעלקע, אָדער ווייל די מאַמע האָט נישט געשריגן אויף מיר — כ׳ווייס נישט.

כ׳האָב אָנגעטאָן די סאַנדאַלן און אַוועק צו דער גברת.

די מאַמע האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט איך זאָל גיין אָנזאָגן, אַז זי וועט קומען אַרבעטן גלייך ווי זי וועט געזונט ווערן, ווייל די גברת פון דער פרישמאַן־גאַס צאָלט אַ שילינג מער אויף אַ שעה. דערפאַר, אָבער, וואַשט די מאַמע די באַלאַטן ריינער פון אַלעמען. די מאַמע קאָן אויך פּוצן מעבל און טעפּיכער. דאָס איז נישט אַזוי לייכט. אונדזער שכנטע, חביבה, גייט אויך אויף ספּאָנדזשע, אָבער זי באַקומט וויניקער. זי רוימט אויף אַ משרד ערגעץ אויף אַלענבי.

די דירה פון דער גברת האָב איך גלייך געפונען. איך בין דאָ שוין איינמאָל געווען מיט דער מאַמען. די טרעפּ זענען דאָרט ריין, כמעט ווי די טרעפּ אין בית־ספר. ביי יעדער טיר איז צוגעקלעפּט אַ מעשן שילדל, און אַ גלעקל דערביי, אַן עלעקטריש גלעקל. יאָ, און שפּיג־לען אויף יעדן שטאָק, יופי. נישט ווי ביי אונדז אין שכונת התקוה. ביי אונדז זומער איז פאַראַן בלאָטע אויף דער גאַס. ווער עס גייט פאַרביי וווּנדערט זיך — אין אַזאַ היץ בלאָטע...

כ׳האָב אָנגעקלונגען. קיינער איז נישט אַרויס. עמעץ האָט דאָרט געקלאַפּט אויף אַ פּיאַנאָ, דערפאַר האָט מען מן הסתם נישט געהערט דאָס קלינגען. כ׳האָב אָנגעקלונגען נאָכאַמאָל שטאַרקער. די פּיאַנאָ איז שטיל געוואָרן. די גברת אַליין האָט מיר אויפגעעפנט און געבליבן שטיין אויפן שוועל. איז זי געווען מגונדרת, אויסגע־פּוצט, ווי אין קינאָ. מיט אַ שלייף אויפן קאָפּ, פּאַטשערקעס אויפן האַלדז, און די נעגל ביי איר רויטע ווי כלניות, אַזעלכע בלומען וואָס וואַקסן פאַר פּסח אין סלמה׳ער וועלדל. איצט איז אפשר די גברת געווען שענער פון מיין מאַמען, אָבער פאַר צוויי יאָרן, ווען דער אבא האָט געלעבט, איז די מאַמע נאָך אויף ספּאָנדזשע נישט געגאַנגען, און דעמאָלט...

כ׳האָב געזאָגט דער גברת וואָס די מאַמע האָט מיך געבעטן. די גברת האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר מיטן זייט און אַריינגעשריגן צו עמעצן אין שטוב אַריין: רעגינע, דו הערסט? די עוזרת איז שוין ווידער קראַנק. מיינע געשעפטן. מען וועט מוזן אַראָפּפאָרן אויף שיינקין און נעמען דערווייל עפּעס אַ תימנקע.

דערנאָך האָט זי זיך אויסגעדרייט צו מיר, געזאָגט — בסדר, ווען די מאַמע וועט געזונט ווערן, זאָל זי ווידער קומען, און צוריק פאַרמאַכט די טיר.

מיר האָט זייער פאַרדראָסן וואָס די גברת פאַרבייט מיין מאַמען אויף עפּעס אַן אַנדערע. אויף שיינקין זאַמלען זיך אַלע אינדערפרי די תימנקעס פון סקיה און וואַרטן ביז אַ גברת וועט קומען אויס־קלויבן וועמען צו ספּאָנדזשע מאַכן. מיין מאַמע איז דאָרט נאָך קיין־מאָל נישט געשטאַנען. זי זאָגט, אַז זי וועט דאָרט קיינמאָל נישט שטיין. אפילו נישט מיט אַלע שכנים האָט מיין מאַמע צו טאָן. אַנדערע קרימען איר נאָך דערפאַר — שכינאַז... יידעש... נו גוט, זאָלן זיי נאָכקרי־מען, אָבער מיין מאַמע איז דאָך פאָרט נישט ווי אַלע. אינגאַנצן אַ יאָר ווי זי גייט אויף ספּאָנדזשע.

אין דער וווינונג האָט אויפגעשפּילט די פּיאַנאָ. כ׳בין געבליבן שטיין אויף די טרעפּ און זיך צוגעהערט. ס׳האָט געשפּילט אַזוי ווי אין סלמה׳ער וועלדל. דאָרט איז פאַראַן אַ קוועלעכל — זשורטשעט עס. פייגעלעך קומען צופליען, טרינקען זיך אָן און צוויטשערן. פעלד־פערדלעך, המון, אפשר הונדערט, זשומען אין גראָז. כמעט יעדן שבת קום איך צום קוועלעכל. כ׳האָב ליב צו זיצן דאָרט און זיך צוהערן. דאָס קוועלעכל שפּילט בדיוק ווי אַ פּיאַנאָ. כ׳וואָלט אַזוי געוואָלט קאָנען שפּילן, כ׳האָב עטלעכע מאָל געפּרוווט אַנדריקן די ביינדלעך. אין קינאָ, הינטער דער בינע, שטייט אַ פּיאַנאָ, זייער אַן אַלטע. נאָך דעם בייטאָגיקן סעאַנס מאַכט מען אַ הפסקה אויף צוויי שעה ביז זיבן אַ זייגער. דאַן גיי איך אַריין הינטער דעם לייוונט און איך פּרווו־ שפּילן. איך פאַרקויף מיט נאָך קינדער „אַרטיק" אין קינאָ. דאָס איז אַזאַ מין גלידה. כ׳מוז העלפן דער מאַמען. דער בעל־בית פון בופעט

האָט מיר צוערשט נישט געטרויט. כ'האָב אים געמוזט אָפּנאַרן און זאָגן, אַז כ'בין שוין צוועלף יאָר און איך וועל קאָנען ריכטיק געבן אַ רעשט. אין דער אמתן בין איך נאָך קיין צען נישט. כ'האָב אים געמוזט אַזוי זאָגן. די מאַמע דאַרף זייער האָבן דאָס געלט. טיילמאָל, ווען עס קומען אַ סך מענטשן אין קינאָ, און ס'איז הייס, פאַרדין איך ביז אַ פונט.

אָבער די בינע־אַרבעטער לאָזן מיך נישט שפּילן. דאַכט זיך איך קלאַפּ אַזוי שטיל, בלויז פאַר מיר, קוים וואָס מען הערט. וואָס אַרט זיי? די ביינדלעך פון דער רעכטער זייט קלינגען ווי די טראָפּנס וואַסער וואָס פאַלן פון קראַן ביינאַכט ביי אונדז אין שטוב. צו דער לינקער זייט ריר איך זיך כמעט נישט צו. די ביינדלעך דאָרט ברומען צו שטאַרק. און דאָך, ווען זיי זעען מיך, די פּועלים, ביי דער פּיאַנאָ טרייבן זיי מיך אַוועק. כאָטש דעם באַלעבאָס ייִנגל טרייבן זיי נישט. ווען ער קומט צום אבא אין בופעט כאַפּט ער אַ צוקערל און לויפט גלייך צו דער פּיאַנאָ. ער קלאַפּט מיט ביידע הענט ווי משוגע און די אַרבעטער זאָגן אים גאָרנישט. און אויף מיר האָט זיך איינער אפילו געוואָרפן שלאָגן. ער איז זייער אַ שלעכטער, דאָס איז דערזעלבער, וואָס האָט מיר געהייסן האַלטן די שטריק; אָבער דאָס מיט דער שטריק איז געווען שפּעטער.

איינמאָל האָט דאָס קינאָ נישט געשפּילט. מען האָט אַרויסגעצויגן די גרויסע פּיאַנאָ, די נייע, וואָס אונטערן שלאָס, און אַ בחור אין אַ שוואַרצן ראָק מיט לאַנגע עקן האָט געשפּילט אויף איר. אין קינאָ קומען אָפּט פאַר אַזעלכע זאַכן. מען רופט דאָס קאָנצערט. דאַן טאָר מען נישט פאַרקויפן קיין „אַרטיק". עס מוז זיין שטיל אין זאַל. כ'בין פאַרקראָכן אויף דער בינע און געקוקט אויפן שפּילער. ער האָט געשפּילט אַזוי שיין, יופי, כ'האָב אַזש פאַרגעסן צו גיין אַהיים. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך זיץ אין וועלדל ביים וואַסער. מיטאַמאָל האָט דער אַרבעטער מיך אָנגעכאַפּט פון הינטן און אַרויסגעוואָרפן. פאַרוואָס? כ'האָב דאָך קיין זאַך נישט געטאָן. און אויב איך פאַרקויף „אַרטיק" טאָר איך נישט הערן ווי מען שפּילט? אָט האָב איך

דאָך יאָ געזען קינדער זיצן אין זאַל; אָבער איך האָב נישט געוויינט, בלויז אין יענעם אָוונט, ווען די פּועלים האָבן מיך אָפּגענאַרט מיט דער שטריק, האָב איך געוויינט. ס'האָט מיר זייער ווי געטאָן.

כ'וואָלט נאָך לאַנג געשטאַנען הינטער דער טיר ביי דער גברת און זיך צוגעהערט צו דער פּיאַנאָ. כ'האָב זיך אָבער דערמאָנט, אַז די מאַמע ליגט קראַנק. זי האָט מיר אָנגעזאָגט גלייך צו קומען אַהיים. מען דאַרף אוודאי אויפקאָכן קאַרטאָפל און ברענגען ברויט פון מכולת. בין איך אַראָפּגעפאָרן אויפן פּאַרענטש ביז אונטן און אַריבערגעלאָפן די גאַס צום אויטאָבוס. ביי דער תחנה האָט זיך געדרייט אַ הינטל און געשמעקט דעם עמוד, כ'האָב אים געוואָלט אַ כאַפּ טאָן איז ער אַנטלאָפן. ער האָט נישט געבילט, זיכער אַ הינטל, וואָס שלאָפט אין גאַס. די בילן קיינמאָל נישט ווען מען טשעפּעט זיי...

איידער דער אויטאָבוס איז אָנגעקומען האָב איך נאָך באַוויזן אויסקוקן די שפּילצייג אין געשעפט, וואָס נעבן דער תחנה. ווען די מאַמע האָט געלט, וואָלט איך שוין געוווסט וואָס אויסצוקלייבן.

כ'האָב געקאָנט פאַרדינען דער מאַמען מער געלט. אָט, אבישלום פאַרדינט אַ סך. יעדן אָוונט גייט ער אין יפו. כ'ווייס נישט וואָס ער טוט דאָרט, נאָר מען דערציילט. נו, איך ווייס אַליין נישט. די שכנטע האָט זיך איינמאָל געשושקעט מיט דער מאַמען וועגן אים. כ'האָב אָבער נישט פאַרשטאַנען. עפּעס וועגן מיידלעך... קיינער וויל זיך נישט שפּילן מיט אים אין שול גייט ער אויך נישט. נאָר וואָס איז ער שולדיק? זיין אבא האָט שוין נישט קיין אַרבעט באַלד אַ האַלב יאָר. כ'האָב אָבער געקאָנט פאַרקויפן סאַבּרעס. דערביי פאַרדינט מען מער ווי ביי „אַרטיק". אַ סך קינדער פון אונדזער שכונה פאַרקויפן סאַבּרעס. מען דאַרף פאָרן ביז רחובות זיי רייסן, אויף די סאַבּרעס זענען פאַראַן שטעכלקעס. יקותיאל האָט זיך אַזוי צעשטאָכן, אַז ער איז געלעגן קראַנק. מען דאַרף קאָנען די סאַבּרעס רייסן. איך וואָלט זיכער געקאָנט, נאָר די מאַמע וויל נישט. ווען כ'האָב דערזען ביי יקותיאלן זיינע הענט בין איך געווען צופרידן וואָס די מאמע וויל נישט. מיט אַזעלכע צעשטאָכענע פינגער קאָן מען אויף דער פּיאַנאָ נישט שפּילן.

ס׳איז טאַקע געווען אַזוי ווי איך האָב געטראַכט. גלייך ווי איך בין געקומען אַהיים האָט מיר די מאַמע געהייסן צושטעלן אַ טעפּל, און קויפן אַ ברויטל מיט אַ לבניה. אויפן וועג צום מכולת בין איך אַריינגעלאָפן צו יקותיאלן פרעגן ווי איז געווען דער טיול און וועלכע שעורים מען האָט פאַרגעבן אין בית ספר. יקותיאל איז נאָכנישט געווען צוריק. ווען איך ווייס וואָס מען דאַרף מאַכן, נעם איך דאָס ביכל מיטן העפט אין קינאָ און בעת מען הויבט אָן דעם סרט, זעץ איך זיך אין אַ ווינקל אויפן הויף נעבן קלאָזעט און מאַך די שעורים. איך טו אַלעמאָל אַזוי. כ׳וועל דאָך נישט זאָגן דער מורה אַז צוליב דעם וואָס איך פאַרקויף „אַרטיק" האָב איך נישט געמאַכט די שעורים.

די מאַמע האָט געזען ווי איך וואַרף די אָפּגעשיילטע קאַרטאָפל אין טאָפּ מיטן וואַסער און דאָס וואַסער פליושקעט זיך אויפן דיל. זי האָט ווידער נישט געשריגן אויף מיר. זי האָט געזאָגט: שלמה׳לע, וועסט ענדיקן, נעם דאָס טוך און וויש אויס. די מאַמע איז נישט קיין שלעכטע. ווען מיר וווינען נישט אין שכונת התקוה, נאָר ווו די גברת וווינט, וואָלט זי קיינמאָל נישט געשריגן אויף מיר. ביי אונדז אין שכונה זענען אַלע מאַמעס צעשויבערטע און זיי שרייען.

דאָס אויפקאָכן דאָס עסן האָט געדויערט. די פּתיליה האָט געע־רויכערט. כ׳בין געקומען אין קינאָ, ווען מען האָט שוין אָנגעהויבן אַריינלאָזן די מענטשן. דער באַלעבאָס האָט זיך געבייזערט. כ׳האָב אַ נעם געטאָן מיין קעסטל „אַרטיק" און אַוועק אין זאַל. כ׳האָב דאָך נישט געוווסט וועלכע שעורים צו מאַכן, בין איך געבליבן זיצן אין קינאָ. כ׳האָב געמיינט מען וועט פאַרשטעלן ווי מען רייט אויף פערד. אָבער דאָ האָט מען זיך בלויז געקושט, געטאַנצט, געגעסן עוגות און געפאָרן אויף אויטאָס. פונוואַנעט נעמען זיי געלט צו עסן עוגות און פאָרן אויף אויטאָס? נאָר דאָס האָט מען נישט געוויזן. ווען איך זאָל וויסן פון וואַנעט מען נעמט אַ סך געלט, וואָלט איך שוין קיין עוגות נישט געקויפט, נאָר אַ פּיאַנאָ.

כ׳האָב געוואָלט דער סרט זאָל זיך ענדיקן, איך זאָל קאָנען זיך צוכאַפּן צו דער פּיאַנאָ, און פּרוּוון איבערשפּילן, וואָס איך האָב

געהערט ביי דער גברת הינטערן טיר. דאָס ליד איז דעם גאַנצן טאָג געלעגן ביי מיר אין קאָפּ.

דער סרט האָט זיך געענדיקט. כ׳בין אַרויף הינטערן לייוונט, אַוועקגעשטעלט דאָס קעסטל „אַרטיק״, אויפגעעפנט דעם דעקל פון דער פּיאַנאָ און אָנגעהויבן שטיל זוכן די ריכטיקעביינדלעך צו דעם ליד.

עפּעס איז אַרויסגעפלויגן פון אונטער די ווייסע און שוואַרצע ביינדלעך, אָבער ס׳איז נישט געווען דאָס זעלבע וואָס כ׳האָב געהערט. כ׳האָב געטראַכט — ווי גוט דאָס איז צו קאָנען שפּילן. ווען מיר האָבן אַ פּיאַנאָ אין דערהיים, וואָלט איך געשפּילט פאַר דער מאַמען. ס׳איז איר דאָך אומעטיק. זי גייט קיינמאָל נישט אין קינאָ.

ביידע בינע־אַרבעטער זענען אונטערגעקומען. ביים שפּילן האָב איך אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן זיי. כ׳האָב אַ כאַפּ געטאָן דעם „אַרטיק״ און געוואָלט אַראָפּלויפן פון דער בינע. דער עלטערער פּועל האָט מיך אָפּגעהאַלטן — שרעק זיך נישט מיר וועלן דיר גאָרנישט טאָן. ווילסט מיר זאָלן דיך אַלעמאָל לאָזן שפּילן? נו, זאָג וואָס האָסטו מורא?

איך האָב טאַקע מורא געהאַט צו זאָגן. וואָס זענען זיי עפּעס אַזוי גוט צו מיר? ביידע פּועלים האָבן געשמייכלט, געקוקט אויף מיר און געשמייכלט. איך האָב אויך אָנגעהויבן שמייכלען. דער עלטע־רער פּועל האָט זיך אָפּגערופן:

— נו, גוט, מירן דיך לאָזן שפּילן. אָבער אַ מענטש זאָלסטו זיין, דו הערסט? זאָלסט העלפן אַרבעטן ווען מ׳דאַרף, פאַרשטאַנען? אַט דאַרף מען אויפהענגען דעם קליינעם לייוונט, וועסטו העלפן ציען די שטריק.

דער פּועל האָט אָפּגעבונדן די שטריק פונעם האַק און מיר געגעבן צוהאַלטן. ביידע האָבן זיי אַ נעם געטאָן דעם לייוונט און מיר געהייסן ציען. זיי האָבן אונטערגעהויבן און איך האָב געצויגן. צוערשט איז מיר גאָרנישט געווען שווער, דערנאָך אָבער האָט זיך די שטריק זייער אָנגעשפּאַנט. כ׳האָב געוואָלט ווייטער ציען, אָבער ס׳איז נישט געגאַנגען. איין פּועל האָט אַ געשריי געטאָן צו מיר: האַלט פעסט די

שטריק, דער לייוונט קאָן אַראָפּפאַלן. די שטריק האָט זיך נאָך מער אָנגעצויגן. מיר איז געוואָרן הייס אין די הענט, אָבער כ׳האָב געהאַלטן וויפל כוח כ׳האָב געהאַט. כ׳האָב געטראַכט — כ׳וועל אויסהאַלטן נאָך אַ פּאָר מינוט וועלן זיי שוין אַלעמאָל מיך לאָזן שפּילן.

כ׳האָב אָבער נישט אויסגעהאַלטן. די שטריק האָט זיך אָנגעהויבן גליטשן פון די הענט. זי האָט מיר צעריסן, צעדראַפּעט די דלאָניעס. כ׳האָב אָבער נאָך אַלץ נישט אָפּגעלאָזט. כ׳האָב נאָך געפּרוווט אפילו אַ ציִ טאָן צו זיך.

דאָ האָב איך ערשט דערזען ווי דער יונגערער פּועל האָט זיך אָנגעלייגט אויפן אַנדערן עק שטריק, ווו דער לייוונט איז געווען אָנגעבונדן, און אים געצויגן צו דער ערד. כ׳האָב אָפּגעלאָזט די שטריק. ביידע פּועלים האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט, זיך געקלאַפּט איינער דעם אַנדערן אויפן אַקסל, און געלאַכט. דער עלטערער פּועל האָט אָנגעוויזן אויפן געהילף, און לאַכנדיק, געזאָגט צו מיר — נו, קליינער ממזר, קאָנסט אים אַרויפציען צוזאַמען מיטן לייוונט? איצט וועסטו שוין פאַרגעסן וועגן דער פּיאַנאָ. גיב אַ קוק אויף דיינע ידים...

כ׳בין אַוועק מיטן קאַסטן „אַרטיק״ צום ווינקל נעבן קלאָזעט, ווו איך מאַך אַלעמאָל די שעורים, זיך אַוועקגעשטעלט דאָרט, און געוויינט קיינער זאָל נישט זען. דערנאָך האָב איך אָפּגעגעבן דעם „אַרטיק״ מיטן געלט אין מזנון, און געזאָגט דעם באַלעבאָס, אַז כ׳וועל היינט אויפן צווייטן סעאַנס נישט קאָנען פאַרקויפן. איך מוז גיין פריער אַהיים. די מאַמע איז קראַנק.

כ׳האָב געוווּסט, אַז דער מאַמען וואָלט בעסער געווען, כ׳זאָל בלייבן און פאַרדינען נאָך אַ האַלבן פונט, אָבער כ׳האָב נישט געקאָנט. די הענט האָבן מיר געברענט. די פינגער האָבן זיך נישט געבויגן, די הויט אויף די דלאָניעס איז געווען צעריסן. און דערצו נאָך האָבן מיר כסדר געקאַפּעט טרערן פון די אויגן.

כ׳האָב פאַרלייגט ביידע הענט אונטער די פאַכוועס, און געגאַנגען אַזוי אַהיים.

כ׳האָב אויסגעמיטן צו גיין דורך דער הויפּט־גאַס, מען זאָל נישט

דער וועג קיין סדום

זען ווי איך וויין. אַ גאַנצן וועג האָב איך געשנייצט די נאָז, געוואָלט זיך איינהאַלטן און נישט וויינען, אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן.

ווען איך ווייס כאָטש פאַרוואָס זיי האָבן מיך אָפּגענאַרט, וואָלט איך אַזוי נישט געוויינט. אפשר דערפאַר ווייל איך גיי אין צעריסענע סאַנדאַלן און וווין אין שכונת התקוה? צי ווייל די מאַמע מאַכט ספּאַנדזשע? נו, און אויב אפילו יאָ... ניין, איך בין נישט ערגער פון אַנדערע. די מורה זאָגט, אַז איך לערן זיך גוט, איך פאָלג דער מאַמען... איך...

נאָר גאָרנישט... איך וועל זיי נאָך וויזן. די מאַמע וועט געזונט ווערן. זי וועט ווידער מאַכן ספּאַנדזשע, אַ סך ספּאַנדזשע. די מאַמע וועט פאַרדינען. זי וועט מיר אַ פּיאַנאָ קויפן, און איך וועל שפּילן, בטח שפּילן...

דער וועג קיין סדום

דער וועג קיין סדום

אַ הונדערט דרייסיק קילאָמעטער־לאַנגער שליאַך פֿאַרבינדט באר־שבֿע מיט סדום. דער וועג פֿירט אין די נגבֿ־סטעפּעס, דורך דעם גרויסן מכתש, אַן איינזינקונג צווישן פֿעלדזיקע בערג, ביז צו עין חוצוב. פֿון עין חוצוב צעצווייגט ער זיך, דרומדיק צו אילת און צפֿון־מזרחדיק צו די פּאָטאַש־ווערק ביי סדום. דער אָפּשניט צווישן עין חוצוב און סדום, אַ זאַמדיקער פּאַס ערד, איז דורכגעוואָרפֿן מיט שאַרף־צייניקע שטיינער, וואָס זענען מסוגל צו צערייסן יעדע דורכפֿאָרנדיקע ראָד. דער וועג פֿירט דורך אַן אויסגעטריקנטן וואַדי. די הויכע ברעגן פֿון וואַדי, ווי געשוואָלענע, צעשפּאָלטענע ליפּן פֿון אַן אָפֿן, דורשטיק מויל, ברעכן זיך אין דער היץ און פֿאַרשטאָפּן דעם דורכפֿאָר. דער שליאַך ציט זיך לענגאויס דעם מדבר, נישט ווייט פֿון דער גרענעץ. די גאַנצע געגנט דאָרט ווימלט פֿון אַריינדרינגלער, וואָס לויערן אויף יידישן רויב. כדי אַריבערצופֿירן די אוצרות פֿון געזאַלצענעם ים צו די פּאָרטן און פֿאַבריקן פֿון לאַנד האָט זיך גע־פֿאָדערט אַן אַנדער וועג — אַ זיכערער און האַפּטיקער. אַזאַ וועג האָט געדאַרפֿט, לויטן פּלאַן, זיך ציען פֿון באר־שבֿע קיין סדום דורך קורנוב, אַ פֿאַרלאָזענע, בריטישע פּאָליציי־סטאַציע אין מדבר. דאָס וואָלט פֿאַרקירצט דעם מהלך אויף אַ פֿופֿציק קילאָמעטער. די בויאונג האָט זיך אָנגעהויבן פֿון קורנוב קיין סדום. דער אָפּשניט פֿון באר־שבֿע־קורנוב איז נישט געווען אַזוי איינגעשפּאַרט ביים דורכלאָזן אויף זיין הויקערדיקן, שמאָלן רוקן אַ מאַשין, וואָס האָט זיך געריסן צום ים המלח.

אויף צעשפּרייטע, טרוקענע שטחים, וואָס שפּייען אין פּנים אַריין מיט ביטערן שטויב, שטייען בולדאָזשערן גרייט דורכצושניידן די

ערשטע קילאָמעטערס. טיפער, צום מדבר, וועלן זייערע מעסערס זיך טעמפּן. דאָרט בויגט זיך די ערד אין שטיינערנע בערגלעך. נאָך ווייטער, אין דער וויסטעניש, ווערט די ערד אַלץ האַרטער און פאַר־ביסענער, ווי זי וואָלט נקמה געמען פונעם מענטש פאַר פאַרלאָזן זי אויף דורות. שטיין איז דאָ געוואָרפן אויף שטיין. סקאַלע קלעטערט אויף סקאַלע. פאַר סדום וואַקסט אויס דאָס גאַנצע געהויער אין בייזע, נאַקעטע פעלדזן־ווענט. דורך אָט דעם שטיק לאַנד דאַרף דורכגיין דער וועג.

* * *

— שטופּט זיך נישט, שדים, לאָזט ענדיקן רעדן. מען קאָן פאַרדינען ביז פיר פונט אַ טאָג. פאַרן עסן צאָלט מען באַזונדער. ווער עס וויל פאָרן צו דער אַרבעט זאָל זיך רעגיסטרירן ביים פענצטערל.

— מען דערציילט, אָבער, אַז דאָרט איז נישטאָ קיין וואַסער...

— האָב נישט מורא, ס׳וועט קלעקן פאַר דיר... און, בכלל, פאַרדרייט מיר נישט קיין קאָפּ. ווילט איר פאָרן איז גוט, און ווען נישט...

— טאַקע, און ווען נישט?

— וועט איר קאָנען וואַרטן אויף עפּעס בעסערס, אָבער קומען יעדן טאָג אין לשכת עבודה און דרייען אַ קאָפּ...

— זע נאָר אַ מין שרייען. מען טאָר שוין נישט פרעגן אַ וואָרט?

— מה הוא אומר?

— הוא אומר... משה־יאָסל, דערקלער דעם תימנער וועגן וואָס מען רעדט דאָ. ביי דיר גייט עס בעסער מיט דער עברי...

— הוא אומר ש... נו, עבודה... יש עבודה... רחוק, שמה, בנגב... מבין?

— מבין, מבין. מדוע לא אבין? יש עבודה, ברוך השם, זה העיקר.

— גיב נאָר אַ קוק די פּגירה... יש עבודה... אַ גדולה אויף זיין באָבען. געשטאָרבענע צורה, אתה יודע איפה זה? שמה... אָט, תראה איפה...

דער וועג קיין סדום

העט ווייט, איבער דעם געמויערטן פּאַרקאַן פון לשכת־עבודה־הויף אין באר־שבע האָט זיך דער הימל אָוועקגעלייגט אויפן מדבר. דאָס דאַרע תימנישע יידל האָט פּאַרוואָרפן אַ פאַרזשמורעט אויג אויף דער איינציקער פּאַלמע ביים וועג, צו דעם זאַמדיקן אין־סוף הינטער דער שטאָט.

— כן, רחוק... אין מה לדבר.

צעטיילט דורך אָפּשטאַם און שפּראַך זענען אַ גאַנצן פרימאָרגן געשטאַנען צעוואָרפענע גרופּקעס אַרבעטסלאָזע אויפן הויף און גע־טייטשט יעדעס וואָרט פון באַאַמטן. קאַסאַבלאַנקער יונגען, שטאַרק אָנגעפּאָמאַדירט, מיט געכאַליעטע, שמאָלע וואָנסן, האָבן זיך אויפן ערשטן אָנבליק שווער איינגעפּאַסט אין דער אָפּגעלאָזענער מאַסע; אָבער ווען מען האָט זיך בעסער צוגעקוקט צו זייערע פּנימער, באַשאַ־טענע מיט אַ נישט־אָפּגעראַזירטן, פּאַרטאָגיקן אָנשפּראַץ, האָט מען געקאָנט דערקענען אין זיי די מידקייט פון אַרומגיין אָן אַרבעט.

זייערע קויל־שוואַרצע אויגן, איינגעגראָבן טיפער אונטער די געדיכטע בויגן־ברעמען האָבן מוטנע געטונקלט. ס'האָט געפעלט אין זיי דער שאַרפער מזרח־פינקל און די לעבעדיקייט. ס'האָט אויסגעזען ווי זייערע הענט רעדן מער ווי זייערע בליקן. יעדעס וואָרט, יעדער זאַץ איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ צעשפּרייט פון די פינגער, אַ קלאַפּ מיט די דלאָניעס, אַ שטויס פון פויסט צו פויסט. די הענט, ווי אַרויס־געלאָזטע טויבן פון אַ טויבנשלאַק, האָבן זיך געדרייט אין דער לופט, ביז זיי זענען מידע, נאָכן לאַנגן רעדן, צוריקגעקומען אין די הויזן־טאַשן.

אין צווייטן ווינקל זענען געשטאַנען תימנער יידן, געטרייסלט מיט די פּיאות, געצאָרגלט איינער צו אַנדערן אין אַ האַרטן עברית. דער באַדינג פון וווינען אַ גאַנצע וואָך אין אַרבעטס־לאַגער, אויסערן שטוב, האָט זיי אָפּגעהאַלטן פון פאַרשרייבן זיך, כאָטש זייערע אָפּגע־ברענטע שטערנס האָבן זיך געקאַרבט פון דער דאגה וועגן ברויט. יעדער פון זיי, אַ מטופל מיט קינדער, האָט גוט געוווּסט דעם טעם פון נישט דערעסן. די זאָרג צו ברענגען געניג ברויטלעך פון דער

צרכניה פאַר דער כאַפּטע האַלב־נאַקעטע קינדער, וואָס וואַלגערן זיך אין זאַמד ביים בלעכענעם הייזל אין דער מעברה, האָט אויסגעבויגן זייערע רוקנס אונטער דער משא פונעם לײדיקן שפּייז־זעקל.

די פּוילישע און רומענישע יידן האָבן פאַרנומען דעם פּלאַץ אונטער דעם צעטריקנטן אײלבירט־בוים. דאָרט קאָן מען זיך אויס־זעצן אויף דער ערד, נישט שטיין אונטער דער זון, וואָס ברענט און שרפ׳עט סכנות נפשות.

אונטערן בוים איז אָנגעגאַנגען אַ צאַפּלדיקער איבעררייד, דורכ־געמישט מיט גלייכוועדטלעך, וויצן, זיפצענישן אויפן ביטערן גורל און זכרונות פון דער אַלטער היים. איינער דעם אַנדערן האָט איבער־געשלאָגן די רייד, נישט געלאָזט דערגיין צום וואָרט. מען האָט געמאַכט מיליאָנען־חשבונות, גערעכנט וואָס די קבלנים וועלן פאַרדינען, וויפל די מלוכה וועט צולייגן, ווער ס׳וועט מאַכן אַ לעבן דערביי. דערנאָך האָט מען זיך אָנגעלאַכט פון די נייע מנהיגים מיט די מיניסטאָרן און זייערע פאַראָנדקעס, פאַרויכערט און זיך אויסגעלייגט באַקוועמער אונטערן בוים.

דער באַאַמטער הינטערן פענצטערל האָט אַרויסגעקוקט אויפן הויף. די אַרבעטסלאָזע האָבן זיך נאָך אַלץ אַרומגעדרייט איבערן שטח.

דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלינגען.

— לשכת־עבודה.

— אלקאָוו, פון אַרבעטס־מיניסטעריום. מה נשמע? וואָס איז מיט די פועלים?

— אַ, שלום מר אלקאָוו! וועגן די פועלים? דערווייל שוואַך... זיי ווילן נישט פאָרן אַזוי ווייט. אויך די אַרבעט איז אַ שווערע... אַזוי זאָגן זיי; און וועגן דעם וואַסער...

— אָבער איר דאַרפט זיי דערקלערן, אַז מיר וועלן ברענגען וואַסער פון שטאָט, אין טאַנקען. וועגן העכערן לוין האָט איר זיי געזאָגט?

— געזאָגט.

— נו?...

דער וועג קיין סדום

— זיי באַראַטן זיך. לאָמיר אָפּוואַרטן. דערנאָך וועל איך ווידער רעדן מיט זיי.

— אָבער די אַרבעט שטייט, מען קאָן נישט וואַרטן. דערקלערט זיי... דערציילט זיי, אַז ס׳איז פאַרן לאַנד...

— געטראָפן מיט וועמען צו רעדן וועגן דעם... וואָס זענען זיי, חלוצים?

* * *

אַ באַברילטער יונגערמאַן, וואָס איז דער ערשטער פּאַרטיק געוואָרן מיטן סיגאַרעטל, האָט זיך אונטערגעהויבן אויף אַן עלנבויגן:

— זעט נאָר, יידן, וואָס דאָ טוט זיך. די תימנער מיט די פרענקן זענען אַוועק צום פענצטערל.

— אַ שיינע מעשה, און מיר ליגן דאָ. לאָמיר נאָר צוגיין זען וואָס איז דאָרט די גראַטשקע...

ביסלעכווייז האָבן זיך די גרופּקעס מענטשן גענומען קרישלען. ביים פענצטערל האָט זיך פונאַנדערגעצויגן אַ ריי. דער גוטער פּאַרדינסט האָט אָנגעהויבן לאָקן. צדוק אַרבעט, ברענגט ער יעדן פרייטיק אַהיים אַ פלעשל אַראַק. זה לא עסק, צריכים לעבוד... זשאַק דערציילט וווּנדער פון תל־אביב. דער ים־ברעג, ביליאַרד... אויף עגימי איז פאַראַן אַ קאַפע, פונקט ווי אין מאַראַקעזש — מיט מוזיק, מיט... דאָס ווייבטאָטשעט — מען דאַרף אַ שוך, אַ קלייד. ביי די שכנים שטייט שוין אַ דריי־טיריקע שאַפע, אַ טיש מיט ווייכע שטולן...

— באַבאַיעוו יוסף, מאסודי צדוק, בינדער משה־יאָסל, שטיגליץ זלמן, סאבאדז אליהו, גלאַט דוד, ששון יצחק, חאַסין אשר... אַלע, וועמען איך האָב אויסגערופן זאָלן קומען מאָרגן פינף פאַרטאָג. מיטנעמען מיט זיך זייף, וועש.

— אַ מיידל קאָן מען מיטנעמען?

— זלמן, הויבסט שוין אָן?

— שקט, תפסיקו את הצחוק! און דו דאָרט... יאָ, דיך טאַקע

מיין איך עס. זיי נישט אַזאַ חכם און מאַך נישט קיין פוילע וויצן. זה הכל. מובן לכולם?

— מובן, מובן.

— שלום.

דער וועג האָט באַקומען נייע בויערס. אַן אָפּגעצייכנטער דורך זאַמד און פעלדז האָט ער געוואָרט אויף זיי אין דעם מדבר.

* * *

משה יאָסל האָט זיך אָנגעלענט אויף אַן אָנגעשאָטענעם בערגל זאַמד נעבן דער טעראַסע און געפּרוווט פאַרטרייבן דאָס נישט־גוט־קייט פון קאַרגער זעט מיט אַ האַלבן סיגאַרעטל. זלמן און דוד זענען געזעסן פאַרכמורעטע אויפן דערבייאיקן הויפן שטיינער.

משה־יאָסל האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס סיגאַרעטל, וואָס האָט אָנגעפּאַנגען בריען די פינגער.

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן — כ'האָב זיך אויף אַלץ געריכט; אַז ס'וועט נישט זיין קיין וואַסער, מ'וועט שלאָפן אין ביידלעך, ווי מלחמה־צייט. די זון וועט רייסן שטיקער הויט. מען וועט מוזן געבן די פּלייצע — אַלץ האָב איך זיך פאַרגעשטעלט; אָבער, אַז מען וועט נאָך דאַרפן דערביי אונטערהונגערן, נו, ברידער, אויף דעם בין איך שוין נישט קיין בריה... איכ'ל רעדן מיט אַלקאָוון — וועט מען באַזאָרגן עסן, איז גוט, אַז נישט דרייען מיר אויס דעם דישל און אַראָפּ פון מאַרק...

— וואָס וועט דיר אַלקאָוו טאָן? ער האָט אַ דאגה מיט דיר! ביי אים איז דער עיקר די אַרבעט. איבעריקנס, ער וועט דיר זאָגן, אַז זיי גיבן דאָך יעדן אויף דער האַנט אַ צוגאָב־לוין אויף קויפן עסן, איז זאָל זיך יעדער איינאָרדנען ווי ער וויל.

—אין דער אמתן, מען קאָן אפילו אָפּשפּאָרן אַ פּאָר פונט — האָט דוד נישט דרייסט אַריינגעוואָרפן.

— דוד, פון קישקע־געלט וועסטו קיין הויז נישט קויפן. אָט

דער וועג קיין סדום

האָט סאַבאַדזש, דער שוואַרצער פון מאַראָקאָ, באַקומען אַ דרייאונג אין די קישקעס פון פרעסן נאָכאַנאַנד ברויט מיט איילבירטן. ער האָט געוואָלט צו גיך ווערן אַ גביר און קויפן אַ כלה אין אַ מעברה. איך ווייס זיך מיין חשבון. ראשית כל דאַרף מען אָפּעסן; אַז מען וועט זיין זאַט און ס'וועט סטייען כוח, וועט שוין די כלה אַליין קומען... זלמן, נישט אמת?

משה־יאָסל און זלמן זענען רווקים (בחורים). ווען נישט דער קריג האָבן זיי שוין לאַנג געדאַרפט זיין טאַטעס פון קינדער. דאָס וואַלגערן זיך יאָרן אין לאַגערן, אין מיליטערישע אַרבעטס־באַטאַליאָנען האָט זיי אויסגעלערנט פאַרשטיין די וויכטיקייט פון נאָך אַ קאַר־טאָפל אָדער אַ טעפּעלע זופּ. די מלחמה האָט זיי, צוויי פעסטע בחורים, פאַרטריבן פון אַ שטעטל נעבן וואַרשע צו די סיבירער הרי־חושך, ביז זיי זענען, דורך צענדליקער גלגולים, אָנגעקומען קיין באר־שבע. די אומנאָרמאַלע יאָרן ביזן קומען אַהער האָבן צעשפּאָלטן זייער לעבן אויף איינציקע איבערגעקומענע טעג, ווי אויסגעבראָכטע שוועבעלעך. ערשט אין באר־שבע, זיך איינזעצנדיק אויף אַן אָרט, אין זייער בחור'שן, בשותפותדיקן צימער, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן. די אַרבעט אויפן וועג קיין סדום האָט זיי געדאַרפט געבן די ערשטע הילף אויף איינאָרדנען דאָס לעבן מיט אַ ווייב, מיט אַ קינד, אַ ווונטש, וואָס איז געלעגן פאַרגראָבן אונטער די געדיכטע גראָבע רייד, פעפערדיקע גלייכווערטלעך און מכלומרשטן ביטול צום אַנדערן מין.

דוד, זייער שכן פון איבער דער וואַנט אין דעם צוגעטיילטן אַראַבישן הויז, איז שוין געווען אַ באַווייבטער. ער האָט זיך אויך פאַרשריבן צו דער אַרבעט מיט דעם אויסקוק אויפן גוטן פאַרדינסט. די דירה מיט אירע פריש־געקאַלכטע ווענט האָט זיך פשוט געבעטן אויסצופּוצן איר ליידיקייט. מירל, דוד'ס ווייב, האָט געגאַרט נאָך שיינע שטוב־זאַכן. די אָפּגעריסנקייט פון אַ טאַטע־מאַמעשער היים האָט פאַרשאַרפט אין ביידע יונגע מענטשן די בענקשאַפט נאָך אַ פּאָר־הענגל, אַ הענג־לאָמפּ, אַ טישטעך און אַ בלומענטאָפּ. מירלען איז

געלונגען איבערצייגן דעם מאַן, אַז צום אַלעם ערשטנס מוז מען זיך איינשאַפן אַ ווירטשאַפט — דאָס איז דער עיקר, דערנאָך „וועט מען זען"... דעם „זען" האָט מירל געמיינט וועגן האָבן אַ קינד. זי האָט געטרוימט פון אַ פּאָלירט קינדער־בעטל מיט הויכע שטאַ־כעטן און אַ שפּאַציר־וואָגן מיט ניקלנע רעדער, ווי זי האָט עס געזען ביי אַ ווייטער קרובה, וואָס האָט זי אויפגענומען ביים קומען אין לאַנד מיט קאַלטן טיי און געזאַלצענע פּרעצלעך.

אָט דער אויסגעפּלאַנעוועטער ווילזיין האָט געהאַט איין פּגימה — דאָס דאַרפן לעבן אין באר־שבע. דאָס פּאָרל האָט זיך געפילט אַ ביסל געפאַלן, וואָס ס'איז זיי נישט געלונגען, ווי אַנדערע זייערע באַקאַנטע, זיך איינאָרדענען אין תל־אביב אָדער חיפה. דער גראַד־ליניקער יונגערמאַן האָט נישט געקאָנט בייקומען די שוועריקייטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט באַזעצן זיך אין אַ גרויסער שטאָט. מירל האָט עס איבערגעלעבט אויפן ווייבעריש־קנאה'דיקן אופן. איבערלאָזנ־דיק זיך אַ וועג אויף האָפענונג — מען וועט קומען צו אַ ביסל געלט, וועט מען אפשר קאָנען אַרויס פון דאַנעט, זאָלן זיי נישט מיינען...

— ווייסטו גאָר וואָס, משה־יאָסל, לאָמיר רעדן מיט אריהן — האָט זיך זלמן אָנגעכאַפּט. — אריה איז אַ קיבוצניק, אַן אייגע־נער יינגל. ער וועט פאַרשטיין, אַז מען קאָן אַזוי נישט אַרבעטן.

— אריה? געטראָפן ס'אָרט. איך ווייס פאָרויס זיין גאַנצע דרשה. ער וועט דיר דערציילן אַ מעשה, ווי אַזוי ער האָט געאַרבעט מיט דרייסיק יאָר צוריק אויפן כביש עפולה־נצרת און ווי מען האָט אַ גאַנצן טאָג געגעסן קדחת מיט פּאָמעראַנצן און ביינאַכט געטאַנצט אַ הוירע... די מעשיות קריכן שוין פון האַלדז. וואָס האָט ער גע־שריגן ווען ס'איז נישט אָנגעקומען דער טאַנק וואַסער פון באר־שבע? איר זייט חלוצים. אַ חלוץ דאַרף קאָנען ליידן!

משה־יאָסל האָט אויסגעשפּיגן.

— וועסט זען, ער וועט דיך נאָך צונעמען פאַר אַ חבר אין עין־הרוד — האָט זיך זלמן געחכמהט.

— יאָ, פּונקט פאַר מיר, ווי אָנגעמאָסטן. ווייניק זיך אָנגעגעסן

דער וועג קיין סדום

פאַר די פאַר יאָר פון אָבשטשן קאַטיאַל. *)

פון ווייטן האָט זיך דערהערט דאָס קלאַפּן פון קאָמפּרעסאָר.

משה־יאָסל האָט זיך אַ ריס געטאָן פון בערגל:

— נו, גענוג געדרשנט. מען דאַרף זיך שטעלן צוריק צו דער אַרבעט. לאָמיר גיין. נאָך פייעראָוונט וועל איך רעדן מיט אַלקאָוון. כ׳וועל אים אויפווייזן, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו געבן יעדן איינעם באַזונדער די פאַר פּיאַסטער בכדי זיך צו קויפן עסן; מען דאַרף מאַכן אַ קיך, נעמען אַ קוכער און אָנהויבן לעבן ווי מענטשן, אַנישט וועט מען דאָ אויסגרן ווי די הינט. וועסט זען — אַלקאָוו וועט עס נעמען אין קאָפּ אַריין. ער וועט נישט דערציילן קיין מעשה׳ס וועגן בלאָטע מיט מאַלאַריע מיט פערציק יאָר צוריק.

משה־יאָסל און זלמן האָבן זיך געשטעלט צו די זאַמד־לאָדונגען. דוד איז אַוועק צום קאָמפּרעסאָר. דעם אויפזעער איבער די אַרבעטן איז אַריינגעפאַלן אין אויג דער שטאַלטנער, נישט באַריידעוודיקער יונגערמאַן, און ער האָט באַשלאָסן אים צולאָזן צו דער אַרבעט ביים בויערן די לעכער פאַר די דינאַמיט־לאָדונגען אין די פעלדזן.

ב.

— די אַרבעט גייט נישט מיט דעם געהעריקן טעמפּאָ. איך לייג פאַר יעדער פון אונדז זאָל זיך אַרויסזאָגן וועגן די סיבות.

— ווי אַזוי זיי צו באַזייטיקן, דאָס איז וויכטיקער. די סיבות זענען אונדז אַזוי אויך באַקאַנט.

דער פּאַפּיראָסן־רויך אין צימער האָט זיך געוויקלט אַרום דעם נאַקעטן עלעקטרע־לאָמפּ, וואָס האָט, ווי אַ בלאַסע זון אין אַ חמסין־טאָג, געלייגט אַ געלבלעכן, מוטנעם שיין אויפן זיצונגס־טיש. די געדרופּענע באַראַטונג אין באר־שבע׳ר אַרבעטס־אַמט האָט זיך אָנגעהויבן אונטער אַ שלעכטן צייכן. נישט די שטימונג פון די אָנטייל־נעמער אין דער באַראַטונג, נישט דער וועטער איז געווען גינסטיק פאַר דער אסיפה. אינעם הייסן מדבר־אָוונט, אַ פאַרלאָזענעם פון אַ

*) אלגעמיינעם קעסל

מינדסט ווינטל, פאַרשוויצטע, מיט אַ טעם פון זאַמדיקן מעל אין די טרוקענע מיילער, איז יעדער פון זיי געווען מער געניגט צו אַ מחלוקת ווי צו אַן איבערגעלייגטן וויכוח.

גפני, דער אויפזעער איבער די אַרבעטן, אין אַ צעכראַסטעטע העמד, האָט זיך שווער צעשפּרייט אויפן האַרטן בענקל. זיין ברייטע נאָז אויפן רויטן פּנים האָט זיך צעשיילט פון דער זון ווי אַ בייער קאַרטאָפל. קאָוואַלסקי — דער קבלן פון די אַרבעטן ביים אויפרייסן די פעלדזן, איז געזעסן ביים ברעג טיש ווי אַ פרעמדער, צופעליקער גאַסט. אַלקאַוו פון אַרבעטס־מיניסטעריום האָט יעדע ווילע אויסגע־טאָן די ברילן, געווישט די גלעזער, צוריק זיי אָנגעטאָן, פאַרזשמורעט די קורצזיכטיקע אויגן און געגומען אין דער גיך מאַכן נאָטיצן, ווי מורא האָבנדיק, אַז די גלעזער זאָלן ווידער נישט פאַרצויגן ווערן איידער ער ענדיקט שרייבן. אריה, דער פאַרבינדלער צווישן די פּועלים און די פאַרשידענע אַמטן איז מיט אַ טויט־ערנסט פּנים שטייף געזעסן קעגנאיבער קאָוואַלסקין. די קיבוצישע דרעליך־הויזן און די לייוונטע־נע בלוזע האָבן אויסגעזען אויף אים ווי אַן אויסגעדינטער מונדיר.

דער הויפּט־אינזשעניר ראָזען האָט פאַרזונקען ביידע הענט אין די געדיכטע כוואַליעס שוואַרצע האָר. פאַר אים איז געלעגן אַ באַריכט, אָנגעפּיקעוועט מיט ציפערן, פּראָצענטן, מאָסן און נאָרמעס. דאָס אַלץ האָט אים געטאַנצט פאַר די אויגן, זיך אויסגעמישט איינס מיט דאָס אַנדערע. אינזשעניר ראָזען האָט נישט נאָר געמוזט איבערווינדן די מידקייט נאָך אַ פערצן שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג. ער האָט אויך געמוזט גובר זיין אַ טעמפּן ווייטיק, וואָס האָט געקלעמט דאָס האַרץ, געשטיקט ביים האַלדז און זיך צעברענט אינעם שאַרבן. ער האָט געצוווּנגען זיינע אויגן ווידעראַמאָל זיך איינעסן אין באַריכט און נישט זען קיין זאַך אויסער די ציפערן און צאָלן, וואָס מיינען אַרבעטער און קילאָ־מעטערס, אויטאָס און טראַקטאָרן, טאָנען סמאָלע און קאָסטנס דינאַמיט.

ראָזענס טונקל־גרויע אויגן, צעפּיבערטע פון קנאַפּן שלאָף און געדאַנקען־געווירבל, האָבן נאָכגעגעבן. די תל־אביבער וווינונג, דער ווייבס זיידענער מאַרגן־ראָק, אירע שטעקשיך — דאָס אַלץ איז פאַר־

שווונדן געוואָרן. ראָזען האָט אַ נעם געטאָן אין האַנט דעם באַריכט. בענקלעך האָבן זיך צעשאַרט אויפן שטיינערנעם דיל. יעדער האָט זיך באַקוועמער איינגעזעצט אויף זיין פּלאַץ, און זיך צוגעגרייט אויסצוהערן דעם אינזשעניר.

— רבותי, גרייט זיך נישט צו הערן פון מיר רעוועלאַציעס. איך וויל בלויז באַשטעטיקן פאַקטן און מאַכן צוזאַמען מיט אייך די געהעריקע אויספירן. מיר דערגייען באַלד אין אונדזער בויונג צום צוואַנציקסטן קילאָמעטער. דאָס לייגן דעם וועג ווערט אַלץ שווער־ רער. איך וואָלט אפילו געזאָגט, אַז מיר שטייען ביים שווערסטן פונקט פונעם גאַנצן וועג. דאָרט איז אוממעגלעך אַריבערצופירן די מאַשינען. אויף אַן אָפּשניט פון אַכט הונדערט מעטער דאַרף מען באַקעמפן אַ שיפּוע פון הונדערט מעטער, כדי צו דערגיין צו דער הויך ווו דער וועג דאַרף ווייטער געצויגן ווערן. מיר מוזן זוכן אַן עצה ווי צוצופירן דאָרט די קאָמפּרעסאָרן און דעם בולדאָזשער, וואָס וועט דאַרפן אָפּרייניקן די טראַסע פון די שטיינער נאָך די אויפרייסן.

—איך וויל עפּעס זאָגן...

—אַ רגע, כ׳האָב נאָך נישט געענדיקט. רבותי, מיר האָבן געמאַכט אַ פּלאַן פון אַ וועג, אויסגעשטעלט אַ סמעטע, געצייכנט אויף דער מאַפּע געטרוי יעדן פונקט. מיר האָבן גרינטלעך דורכגעטראַכט יעדן אַרבעטס־דעטאַל, געריכטעט זיך לויט אַלע כללים פון שאָסייען־בוי אין דער גאָרער וועלט, און דאָך... איין רגע, אריה, האָט געדולד

— און דאָך האָבן מיר געמאַכט אַ טעות.

— מיר האָבן געמאַכט אַ סך טעות׳ן.

— וועגן דעם וועלן מיר שפּעטער רעדן. איך רעד איצט וועגן אַן עיקרדיקן טעות. מיר האָבן נישט גענומען אין אַכט דעם וויכטיקסטן אַרבעטס־דעטאַל. — דעם מענטש.

— וועגן דעם טאַקע וויל...

— אָבער אריה, זייט אַ ביסל געדולדיק... צי קאָנט איר, רבותי, אונדזער מענטשן־מאַטעריאַל? צי ווייסט איר, אַז אויפלאָדן אַ שטיין אויף דער מאַשין, אָדער אויסגלייכן אַ שטיקל באָדן איז פאַר

זיי אַ קאָמפּליצירטע אויפגאַבע? אויפהויבן אַכט־צען קילאָ איז פאַר זיי אַן אָנשטרענגונג. אַ גראַב־אייזן זעט אויס אין זייערע אויגן ווי אַ משונה'דיקער פייניקונגס־געצייג. און דאָס ערגסטע — באַכן צוגעוווינען זיך אַביסל צו דער אַרבעט, פאַרלאָזן זיי דעם שטח און גייען זוכן אַרבעט נאָענטער צו דער שטאָט. מיר זענען געצוווּנגען יעדעס וואָך צו זוכן נייע פּועלים. אמת, די דרוזן פון די דערפער אויפן כּרמל, וועמען מיר האָבן פאַרקאָנטראַקטירט צו דער אַרבעט זענען פאַר אונדז אַ גרויס געווינס. זיי זענען אָרנטלעכע פאַכלייט, נעמען דעם גאַנצן ענין ערנסט און אַרבעטן פלייסיק. אָבער דאָס איז ווייניק, די בויונג פאָדערט הונדערטער הענט פון פלאָסטערער און שטיין־האַקער. נישט קיין אויסגעדאַרטע תּימנישע הענט, וואָס ווייסן נישט ווי צו האַלטן ריכטיק אַ רידל. נו, איך זע, אַז אריה האַלט זיך קוים איין מיר נישט איבערצורייסן, רעדט, ביטע!

— ניין, ניין, איך וועל וואַרטן, נאָר אויב איר דערלויבט, וועל איך זאָגן: חברים, איר האָט איצט געהערט פון ראָזענען וועגן די מענטשן אויף דער בויונג. אָבער ווען מיר זענען אַהערגעקומען מיט יאָרן צוריק האָבן מיר יאָ געהאַט הינטער זיך אַן אַרבעטס־טראַדיציע? האָבן מיר געקאָנט האַלטן אַ האַמער אין האַנט? און דאָך האָבן מיר געאַרבעט. ווייסט איר פאַרוואָס, ראָזען? ווייל מיר זענען געווען אמתע פּיאָנערן, חלוצים, מיר האָבן געטאָן אונדזער אַרבעט מיט ליבע, מיר האָבן פאַרדינט בלויז אויף אַ טרוקן שטיקל ברויט און געאַרבעט. איצט פאַרשטייט איר שוין ווו עס ליגט די סיבה? עס פעלט זיי דער חלוצישער גייסט פון אַרבעט...

— אריה, זיי דאַרף נישט אַזוי נאַאיווו.

— איך בין נישט נאַאיוו, חבר אַלקאָוו, איך בין לענגער פון אייך אין לאַנד, איך ווייס מער... איך...

— איר דאַרפט זיך נישט אויפרעגן, אריה, איך וויל אייך בלויז זאָגן, אַז זיי זענען מענטשן אַנגעקומענע פון אַלע עקן וועלט, וואָס ווילן זיך אויסבויען אַ שטיקל היים און זיך איינבירגערן. איר זייט געקומען אַהער מיט אַן אָפן האַרץ פאַר יעדן היגן שפּאַן ערד, זיי

דאַרף מען ערשט אויסלערנען דאָס אַלץ ליב האָבן — האָט אים אַלקאַוו איבערגעריסן.

— ליבע לערנט מען נישט, מען דאַרף עס פאַרמאָגן.

— זיי זענען בלינדע, מען דאַרף זיי ערשט עפענען די אויגן. מען האָט גענומען מענטשן, וואָס האָבן זיך נאָך נישט באַוויזן אַרומצוקוקן און איינגעשפּאַנט אין אַ שווערער אַרבעט. איר ווייסט דען מיט וועמען איר האָט צו טאָן? נעכטן האָב איך געטראָפן אַ פּועל שטיין ביים וואַסער־טאַנק. פון קראַן האָט פריי געפלאָסן דאָס וואַסער. איך האָב אָנגעהויבן שרייען אויף אים פאַר פּטר׳ן אומזיסט וואַסער. האָט ער מיר דערקלערט, אַז דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן זעט ער וואַסער פליסן פון אַ קראַן און נישט פון דער ערד... איר רעדט וועגן ליבע. לערנט זיי פרייער לעבן. דערנאָך וועט איר רעדן וועגן ליבע. מען דאַרף די מענטשן שאַפן פאַסיקע באַדינגונגען צו דער אַרבעט, ווייל זיי האָבן נישט באַקומען אַזאַ מין הכשרה ווי איר, אָנצונעמען באהבה אַלע שוועריקייטן אין לאַנד. נישט ווּיסנדיק וואָס דאָס איז אַזוינס, וועלן זיי במילא ווערן חלוצים.

— איר האָט אַ טעות, אַלקאַוו.

— דאָס וועט די צייט ווייזן. לאָמיר נישט פּטר׳ן דעם אָוונט אויף וויכוחים און רעדן צום עיקר. ס׳האָט זיך געווענדט צו מיר אַ פּועל: ער האָט באַרירט דעם ענין פון שאַפן אַ קיך. דערנאָך זענען אָנגעקומען נאָך אַרבעטער און ס׳זענען אויפגעשווומען אַנדערע פראַגן, ווי ברענגען אַמאָל אַ קינאָ־בילד, שאַפן אַ קליינע ביבליאָטעק, עברית־קורסן, בכלל פירן אַ געוויסע קולטור־אַרבעט אין דער מחנה. איך האָב זיך דערוווּסט פון זיי, אַז אין לאַגער שפּילט מען אין קאָרטן, בחורים פאַרשפּילן זייער געהאַלט. מען מוז זען אָפּצושאַפן די עטלעכע מיידלעך, וואָס זענען באַשעפטיקט אין לאַגער... מען דאַרף אויך . .

קאָוואַלסקי האָט שאַרף איבערגעריסן:

— איך האָף, אַז איר קלויבט זיך נישט עפענען אין לאַגער קיין אוניווערסיטעט.

דער קבלן איז געזעסן די גאַנצע צייט אַזוי רויק, אַז מען האָט

כמעט פאַרגעסן אָן אים. איצט, נאָך זיין באַמערקונג האָבן אַלע אויס־ געדרייט צו אים די קעפּ. ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויפן זייגער:

— איך הער זיך צו צו אייער וויכוח און ווייס נישט: זענען מיר זיך צונויפגעקומען אויף אַ באַראַטונג ווי אַזוי צו באַזאָרגן די פּועלים מיט קולטור, אָדער ווי צו פירן ווייטער די אַרבעט.

—ביידע זאַכן צוזאַמען.

— דאַוונט איר דאָך שוין באַלד ווי אריה, נאָר פון אַן אַנדער סידור. אַלקאָוו, לאָזט עס אָפּ. פאַרזאָרגט נישט קיין וועלטן, גיט עס איבער דעם בילדונגס־מיניסטעריום. מיר זענען נישט קיין לערער און זיי זענען נישט קיין שילער.

— און איך זאָג אייך, אַז די בויונג דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שול פאַר אַרבעט.

— לאָזט צורו, פאַרנעמט זיך נישט אַזוי ווייט. איין זאַך האָט איר ריכטיק געזאָגט, מען דאַרף זיי געבן צו פאַרדינען אויף אַראָק און אויף שפּילן אין שעש־בעש. דאָס איבעריקע וועלן זיי אַליין איינ־ אָרדענען. אונדזער אויפגאַבע איז אויפבויען דעם כביש און ווייטער... די מדינה האָט זיי געבראַכט, זאָל זי זיי באַזאָרגן. ראַזען האָט גע־ רעדט וועגן די פּועלים, איך וועל רעדן וועגן די מאַשינען. די צאָל בולדאָזשערן איז אַ צו קליינע פאַר דער בויונג. מיינע אַרבעטער זענען אַוועק שוין ווייט פאָרויס. זיי האָבן אַדורכגעפירט אַ גרויסן טייל פון די פּלאַנירטע אויפרייסן. די בולדאָזשערן בלייבן הינטער־ שטעליק. די גאַנצע טראַסע איז פאַרשאָטן מיט שטיינער. מען מוז אָרגאַניזירן די אַרבעט אַזוי, אַז איין בולדאָזשער, לכל הפּחות, זאָל שטיין צום רשות פון די אויפרייסער און זיי נאָכגיין. אַנדערש - ווייס איך נישט...

גפני, דער אַרבעטס־לייטער, האָט זיך געגעבן אַ הויב פון זיין בענקל מיט אַזאַ לייכטקייט, וואָס איז גאָרנישט געווען צו דערוואַרטן פון זיין שווערן גוף. זיין פּנים האָט זיך נאָך מער אָנגעצונדן. די אויגן, ווי צוויי קליינע, שוואַרצע זשוקעס, זענען זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן. ער האָט מן הסתם בלויז געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט

אַנצוכאַפּן דעם קבלן פאַר אַ וואָרט און אים איינמאָל פאַר אַלעמאָל קאָנען זאָגן, וואָס ער טראַכט וועגן אים. גפּני האָט שוין אַמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט דעם אינזשעניר אויף קאָוואַלסקיס בראַקאָווער־נער אַרבעט — די לעכער אין די פעלזן דאַרפן טיפער געבויערט ווערן, דער אויפרייס־מאַטעריאַל איז אַ שוואַכער, ער ווירקט נאָר אויף די אויבערשטע שטיינער־שיכטן. איצט, ווען קאָוואַלסקי האָט געבעטן אַ בולדאָזשער, כדי צו קאָנען אָנגיין מיט די אויפרייסן, וואָס וועלן האָבן, לויט גפּני׳ס מיינונג, אַ גרעסערן באַדייט פאַר דעם קבלנ׳ס צוגעשטעלטן חשבון, ווי פאַר דער בויאונג פון וועג, האָט גפּני באַ־שלאָסן צו באַווייזן, אַז ביי אים איז דער מוח אויך נישט אויסגעדאַרט.

— אדון קאָוואַלסקי, אויב איר מיינט, אַז מיטן פאַרשיטן אַ שטיקל טראַסע מיט ברוקשטיינער, האָט איר אָפּגעטאָן אייער אַרבעט, זייט איר, במחילה, אין אַ גרויסן טעות. דאָס וואָס איר האָט געמאַכט, הייסט ביי מיר געסקראַבעט, נישט אויפגעריסן.

קאָוואַלסקי האָט נאָך מער פאַרביסן די שמאָלע ליפּן; זיך נישט געבנדיק די מי אויפצוהייבן די אויגן אויפן רעדנער, האָט ער דורכ־געזייט דורך די ציין:

— גפּני, לערנט מיך נישט וואָס צו טאָן, איר האָט קיין אָנונג נישט אין דעם.

— און איר...

גפּני האָט זיך פאַרנומען אים צו ענטפערן, נאָר ער איז פאַר־שריגן געוואָרן פון אַלקאָוון און אריהן, וואָס האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן צו אַ קריגעריי.

קאָוואַלסקי האָט שוין געהאַט פאַרלוירן זיין רויקייט. מען האָט זיך אָנגעהויבן אויפוואַרפן פאַרשידענע זינד, טענות אויף אַלץ און אויף אַלעמען האָבן זיך געשאָטן פון אַלע זייטן. אין די ריייד האָט זיך געפילט אַן אומצופרידנקייט נישט נאָר פון יענעם נאָר אויך פון זיך אַליין. וואָס מער די פינף מענער האָבן זיך געאַמפּערט, אַלץ מער האָבן זיי זיך געדרייט אויף איין אָרט, און נישט געקאָנט קומען צו אַ געוויסער מסקנה.

ראָזען און אַלקאָוו האָבן די ערשטע זיך איבערצייגט, אַז מען וועט פון דעם דאָזיקן צונויפֿמענטרעף נישט קליגער ווערן. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן פון טיש. די איבעריקע האָבן שווייגנדיקע נאָכגע־פאָלגט. אַלקאָוו האָט בלויז דערמאָנט ראָזענען, אַז זיי זענען איינגע־לאַדן אויף מאָרגן צו אַ זיצונג מיט דער אַרבעטס־מיניסטאָרין אין ירושלים.

* * *

אַלקאָוו איז אַרויס פון דער זיצונג מיט דער אַרבעטס־מיניס־טאָרין זייער אויפגעהייטערט, און ער האָט זיך געוווּנדערט, וואָס ראָזען טיילט נישט מיט אים זיין לייכטן געמיט. זיי זענען ביידע געשטאַנען ביי דער טעקסי־סטאַציע און געוואַרט אויף אַ טעקסי, וואָס זאָל זיי נעמען קיין תּל־אָביב. אַלקאָוו האָט זיך געדרייט אין אַלע זייטן, זיך געחכמעט מיטן אַלטן שוך־פּוצער, דערמאָנט ראָזענען עטלעכע גלייכווערטלעך, ערשט געהערטע פון דער מיניסטאָרין, און ראָזען איז געשטאַנען נעבן אים אַ פאַרטראַכטער מיט אַ קאָפּ פול מחשבות, גאָר ווייט פון די אַלע ענינים וועגן וועלכע ס'איז גערעדט געוואָרן אויף דער אינדערפריאיקער זיצונג. אויפן פּאָן פון דער סצענע, ווי זיין ווייב שטייט ביי דער אַרויסגאַנגס־טיר פון זייער וווי־נונג מיט אַ קליידער וואַליזקע אין האַנט, און קוקט זיך אַרום דאָס לעצטע מאָל אויף די בשותּפותדיקע ווענט, איז פאַרבלאַסט געוואָר; די מיניסטאָרין און אירע רייד וועגן דער בויונג — ס'זענען פאַראַן נישט קיין פאַרויסגעזעענע שוועריקייטן. די מיניסטעריום־אינזשענירן, דער עיקר קריוויצקי, שטעלן פּלאַקנס אין די רעדער. זיין האַלטן, אַז דער גאַנצער פּראָיעקט איז הוילע פאַנטאַזיע. די אָפּאָזיציע אין דער כנסת האָט געכאַפּט אַ גוט פערד צו רייטן אויף אים. אַלע זענען פּלוצים געוואָרן מומחים. מען שרייט וועגן מיליאָנען, וועלנדיק דערביי אויסגלייכן קליינע חשבונות; אָבער דער וועג מוז געבויט ווערן. דאָס לאַנד דאַרף אים. זאָלן זיי פאָרן צוריק אויף דער בויונג. זי איז מיט זיי.

דער וועג קיין סדום

אַלקאָוו איז אַרויס פון דער זיצונג אַ באַפליגלטער. ער האָט אין מיניסטעריום־קאָרידאָר זיך אַזש געריבן די הענט פאַר נחת און ראָזענען איז געבליבן פון דער זיצונג בלויז דאָס, אַז די מיניסטאָרין האָט אַ פּאָר ברוינע, טיפע אויגן, ווי ביי זיין ווייב. ער האָט עס באַמערקט ווען זי, די מיניסטאָרין, האָט זיך איבערגעבויגן צו אים איבערן שרייב־טיש, כדי אים צו דריקן די האַנט ביים געזעגענען זיך.

— פאַרן פאַרלאָזן ירושלים מוז מען אויסטרינקען אַ קאַפע.

— ווי דו ווילסט.

— ווו וועלן מיר אַריינגיין?

— איך וואָלט געזאָגט אין „עטרה”.

אַלקאָוו האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. דאָס געשפּרעך אין מיניס־טעריום האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַ גוטער שטימונג:

— „עטרה” האָט זיך דיר פאַרגלוסט; כאילו דו ווייסט נישט, אַז דאָס איז די סטודענטן־קאַפע. מיינסט דאָרט מן הסתם צו טרעפן אַ באַקאַנטע סטודענטקע.

ראָזען האָט גאָרנישט געענטפערט.

צו אַלקאָווס באַשטעלונג פון צוויי שוואַרצע קאַוועס האָט ראָזען צוגעלייגט אַ קאָניאַק.

אַלקאָוו האָט בנעימות׳דיק געזופּט די קאַווע. ראָזען האָט מיט איין שלוק אויסגעליידיקט דאָס גלעזל קאָניאַק.

אַלקאָוו האָט אים אָנגעקוקט.

— עפּעס געדענק איך דיך נישט פאַר קיין גרויסן טרינקער, וואָס איז היינט פאַר אַ יום־טוב.

ראָזען האָט געשוויגן.

אַלקאָוו האָט אָפּגערוקט פון זיך זיין קאַווע.

— ראָזען, וואָס איז מיט דיר?

— גאָרנישט. אפשר בין איך בלויז אַ ביסל מיד.

— דאָס איז נישט קיין מידקייט. איך האָב שוין נעכטן, נאָך אונדזער זיצונג, געוואָלט כאַפּן מיט דיר אַ שטיקל שמועס, נאָר כ׳ביז פּשוט געפאַלן פון די פיס. איך זע, אַז עפּעס קומט פאַר מיט דיר.

דו קאָנסט מיך שוין נישט פון היינט. איך קריך נישט מיט מיינע שטיוול צו יענעם אין האַרץ אַריין; אָבער אויב דאָס האָט אַ שייכות צו דער בויונג, בין איך אין דעם פאַראינטערעסירט. בעת מיר האָבן געפירט דעם „בורמאַ־וועג" צום באַלאַגערטן ירושלים, איז געווען בעסער? וויפל מאָל האָט מען געזען דעם מלאך־המות פאַר די אויגן? דאָ, סוף כל סוף, שטייט דאָך נישט די פראַגע פון לעבן און טויט...

ראַזען האָט זיך פאַרקוקט אויפן ליידיקן גלעזל. דערנאָך האָט ער געלאָזט פאַלן אַ פּאָר ווערטער גאָר נאָענט נעבן זיך. אַלקאָוו האָט זיי קוים אויפגעכאַפּט:

— רות איז אַוועק פון מיר...

— וואָס?

— זי האָט די ערשטע אויפגעגעבן די בויונג...

— רעד קלאָר, איך פאַרשטיי נישט.

— פּשוט. זי איז אַוועק מיט פרנסן. דאַרפסט אים געדענקען. ער האָט אין קריגס־צייט געאַרבעט ביי די בויונגען אויפן לודער עראָדראָם. אַ גאַנץ פעיקער אינזשעניר. דאָס זיכערהייטס־מיניסטעריום האָט אים איצט געשיקט קיין אַמעריקע מאַכן פאַרשידענע איינקויפן. איז זי געפאָרן מיט אים. מען האָט מיר פאַרגעלייגט, אָבער דער וועג קיין סדום איז אַריין אין מיר ווי אַ דיבוק... נישט צו מאַכן... אַ יונגע פרוי... זי וויל לעבן, וויל זען אַ וועלט. אַמאָל איז איר געווען גוט מיט מיר דאָ, ביים זעלבן טישל ווו מיר זיצן איצט... זי האָט מיר נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס איך האָב זיך פאַרבונדן מיט דער אַרבעט אין נגב און נישט איינגעאָרדנט זיך ערגעץ אויף אַ פּלאַץ, פונוואַנען מען קאָן זיך אַרויסכאַפּן פון צייט צו צייט אין אַ פּאַריז אָדער לאָנדאָן. „שלים־מזל", „ציוניסט" האָט זי מיך גערופן...

— אָבער ווי קאָן עס זיין? רות? אַ סאַברע, אַליין אָנטיילגענומען אין באַפרייונגס־קריג, און אַזעלכע רייד? איך פאַרשטיי דאָס נישט...

— אַזאַ צייט מיין פריינד... לימוזינעס, בריליאַנטן, רייזעס... ווער ווייסט, אפשר זענען מיר די נאַראָנים?

אַלקאָוו האָט מער גאָרנישט געפרעגט.

ג.

די פעלדזן האָבן זיך אויסגעגלייכט אונטער דער זון, געברוינט זייערע לייבער. זייער נאַקעטקייט רייסט די אויגן. אומפאַרשעמט, אויסגעטאָן פון יעטוועדער צמח־קלייד ליגן זיי, די פאַרשטיינערטע סדום־ווייבער, און האָבן הנאה פון דער פייערדיקער היץ. די גלידער הפקר־דיק צעוואָרפן, די גאָרנדיקע ברוסט און די מעכטיקע שענקלען פאַר־שייט אויסגעשטעלט צום הימל, חוזקן פון די נאַאיווע מענטשן, וואָס קריכן אום ווי מוראַשקעס איבער זייערע קערפּערס, און זוכן זיי צו באַהערשן.

די מענטשן קנעטן זיי מיט טראַקטאָרן, בויערן לעכער אין די בערגיקע היפטן, שינדן זיי די הויט מיט בולדאָזשערן, רייסן שטיקער פון זיי מיט דינאַמיט־לאָדונגען — און די פעלזן, פאַרהאַרטעוועט אין זייער סדום און עמורה זינד, גיבן נישט נאָך. זיי לאַכן זיך אויס. מען הערט באַשיימפערלעך דעם אָפּהילך פון זייער אויסגעלאַסענעם געלעכטער נאָך יעדן פּרווו אויפצורייסן זייערע גופים.

די דרוזן, דערפאַרענע וועג־בויער, האָבן זיך אויסגעשטעלט אויף די סאַמע שפּיצן פעלדזן־קעפּ, און צוגעגרייט מיט פּנעאומאַטישע האַ־מערס עפענונגען פאַר די דינאַמיט־לאָדונגען. זיי ווערן נישט נתפעל פון דעם צולהכעיסדיקן שטיין. זיי ווייסן: פריער אָדער שפּעטער מוז דער מאַסיוו נאָכגעבן. בלויז — געדולד! דער דינאַמיט וועט אויספירן דאָס זייניקע. זיי שטייען, די דרוזן, אויפן שאַרפן קאַנט פון די פעלדזן־ווענט און האַלטן קוים די גלייכגעוויכט מיטן געצייג אין די הענט. זיי רעדן נישט איינער מיטן אַנדערן. דאָ קאָן אומברענגען איין איבעריק וואָרט. מ'דאַרף די אויגן האַלטן אָפן אויף אַ מינדסטן ריר פון אַ שטיין.

די גראָב־מאַשינען שנאַפּן מיט די אויסגעצויגענע מעטאַלענע שנוקעס ווי אָנצוכאַפּן אַ נאָכגיביקן אבר און אים אָפּוואַרפן אָן אַ זייט, ער זאָל נישט שטערן דעם וועגס גאַנג.

דוד שטייט מיט זיין האַמער אַ גאָרן פעלדז נידעריקער פון די

דרוזן. ער באַפרייט דעם לופט־דרוק צוגאַנג. דער האַמער גיט זיך אַ ריס פון די נישט געוווינטע הענט. דער דלאָט צעטאַנצט זיך איבערן שטיין, קוים אים איינצוהאַלטן. דוד פאַרמאַכט דעם קראַן. ער דריקט פעסטער צו דעם שפּיץ דלאָט צום שטיין און עפנט ווידער דעם קראַן. דער דלאָט פאַרשפּרינגט ערגעץ אַן אַ זייט, קראַצט אָפּ מיטן שטאָלע־נעם פּיסל דאָ־דאָרט אַ שפּליטער און גליטשט זיך אויס אויפן גלאַטן סקאַלע־פלאַך. די פעלדזן שפּילן זיך מיטן אומדערפאַרענעם בויער. אָט גיבן זיי, כלומרשט, נאָך, רוקן אונטער זייער לייב צום שאַרפן צערטל פונעם עקבער. דאָס געצייג ווערט דרייסטער, הויבט אָן פאַדערן. צע־שטיפטע שטויסן זיי אים אָפּ צוריק פאַר זיין העזה.

דוד פּרוווט ווידער. דער האַמער וואַרפט אָן אַ זייט. די דרוזן קוקן פון אויבן אויפן נייעם פּועל. ער ווערט בייז. וועט ער טאַקע מוזן זאָגן גפנין, אַז עס גייט נישט ביי אים? דוד גיט זיך אַ שפּאַר אויפן האַמער, פאַרדריקט אים אין די דלאָניעס. דאָס קלאַפּערייַ צע־טרייסלט אים ביז צום מינדסטן נערוו. ער פאַרשטשעמעט די ציין. דער דלאָט בלייבט אַ רגע שטום, דערשטיקט פונעם כוח, וואָס דריקט אויף אים. דוד לאָזט נאָך אַביסל. דער האַמער האָט זיך ווידער פונאַנ־דערגעקלאַפּט. דער שטיין ליגט נאָך אַלץ נישט גערירט. שווייס רינט דעם בויערער איבערן פּנים. דאָס בלוט שלאָגט אים אין די שלייפן. די סדום־זון האָט צעברענט אין אים דעם כעס, ווי זי האָט צעצונ־טערט דאָס פּנים. ער מוז איינבויערן דעם שטיין. ער וועט באַלד צו־פאַלן צום פעלז, זיך איינבייסן אין אים, מיט די נעגל אים פונאַנ־דערייסן.

דוד, וואָס האָט קיינמאָל נישט גערעדט קיין ניבול־פּה, קריצט אַרויס מיט די ציין: אין דער מאַמען אַריין... דו... דו... ער זוכט אַ פּאַסיק זידל־וואָרט, וואָס זאָל אים העלפן בייקומען די סקאַלע. דוד דריקט דעם דלאָט, צוימט אים ווי אַ ווילד פערד. דער עקבער פאָלגט. ער האָט זיך אַריינגעקלינעוועט אין באָדן. טיפער... טיפער... דוד איז גובר דעם שטיין.

צופוסנס די בערג ווימלען פּועלים מיט לאָפּעטעס און גראָב־

אייזנס. לאַסט־מאַשינען וואַרפן אָפּ זאַמד, זשוויר, פּעסער סמאָלע, און פאָרן אַוועק נאָך נייע לאַדונגען.

משה־יאָסל, זלמן און דער תימנער מסעודי אַרבעטן צוזאַמען. ביים צושטעלן דעם דאַרן, אויסגעוויקטן מסעודי צו די צוויי יונגען, האָט גפני געהאַט אַן אויסרעכענונג — צווישן די צוויי וועט דעם תימנערס אַרבעט קריגן אַ תיקון. מסעודי גראָבט זאַמד, שלעפּט גומענע עמערס זשוויר צום וועג, וואַרפט אָפּ שטיינער, העלפט ביי די אָפּלאָדונגען. ער סטאַרעט זיך, וויל נישט אָפּשטיין פון אַנדערע, אָבער די כוחות סטייען נישט. ווען דער לאַסט־אויטאָ פאָרט אַוועק און משה־יאָסל מיט זלמענען גייען צוריק צום זאַמד, בלייבט נאָך מסעודי שטיין אַ רגע. ער פאַרגלייזט די אויגן, אָטעמט טיף אָפּ און פאַרלייגט די לאַנגע פּיאות צוריק הינטער די אויערן, ווישנדיק דערביי מיטן ברעג העמד דעם שווייס פון אונטערן שיטערן בערדל. ביז ער קומט צוריק צו זיין אַרבעטס־פּלאַץ באַווייזן די צוויי זיך איבערצוּוואַרפן מיט אַ פּאָר ווערטער וועגן אים.

— משה־יאָסל, וואָס טוט מען מיט דער פּגירה? זע נאָר אַ הילוך, ווי ער וואָלט געהאַט צוויי לינקע פיס. עס קומט דאָך אויס איך זאָל אַרבעטן פאַר צווייען. איך גראָב און ער נעמט ווי מיט אַ טיי־לעפעלע...

— ווער הייסט דיר איינרייסן וועלטן? אַרבעט שוואַי, שוואַי.*)

— זע נאָר דער עצה־געבער. אַליין שלעפּט ער שטיינער אויפן פּלייצע און מיר זאָגט ער — שוואַי, שוואַי. גרויסער שיסער, גיב נאָר אַ קוק אויף זיך, ווי דו זעסט אויס.

— דאָס איז גאָרנישט, ס'איז אַזאַ פאָגאָדע...

ס'איז נישט דורכגעגאַנגען אַ טאָג אָן אַזאַ שמועס וועגן מסעודין. יעדעס מאָל האָט זלמן אויסגעפונען אַנדערע עוולות. דער תימנער האַלט קרום דאָס טראָג־ברעט, דערפאַר רייסט זי פון די הענט, ער שלעפּט האַלבע עמערס זשוויר, שיט נישט פונאַנדער דעם זאַמד גלייך־מעסיק, מען דאַרף אים נאָכאַנאַנד אונטערראַמען: אָבער אַז משה־

יאָסל האָט פֿאַרגעלייגט צו בעטן דעם אַרבעטס־לייטער, אַז ער זאָל צונעמען מסעודין פֿון זיי, האָט זיך זלמן ארויסגעדרייט דערפֿון מיט אַ תּירוץ: כ׳ווייס, ס׳קאָן נאָך קומען אַן ערגערער שוואַרץ־יאָר. צו וואָס אים קאַליע מאַכן ביי גפֿנין?

* * *

אַלקאָוו איז געקומען צופֿאַרן פֿון דער מחנה ביים ים המלח אַ צעשטראַלטער. דאָרט האָט די אַרבעט געווירט. מענטש און מאַשין זענען אַרויס קעגן די בערג באַגעגענען דעם וועג.

ווען די מיניסטעריום־אינזשיניערן האָבן זיך דערוווּסט, אַז אַלקאָוו מיט ראָזענען האָבן אָנגעהויבן פֿירן דעם וועג אויך פֿון סדום־זייט האָבן זיי געפּסקנט פּה־אחד, אַזביידע אָפּשניטן וועג וועלן זיך נישט טרעפֿן. איין ברעג וועט אַרויסקומען נידעריקער פֿונעם אַנ־דערן. דאָס האָט אַלקאָוון אַ ביסל געשראָקן. ווען ראָזען זאָל זיך פֿילן זיכער, וואָלט ער שוין עפּעס געזאָגט וועגן זיי. דער הויפּט־אינזשי־ניער האָט געמאָסטן, גערעכנט, אויפֿגעשטעלט נייע מאַפּעס. אָבער אומ־זיסט האָט אַלקאָוו געוואַרט אויף דער מינוט, ווען ראָזען זאָל זיך אויפֿהייבן פֿון פּראָיעקטיר־טיש, אויסגלייכן די ביינער, פֿאַררויכערן און זאָגן: — אַלקאָוו, זיי זענען מלמדים...

ראָזען האָט עס נישט געזאָגט. ער האָט בלויז באַרויִקט אַלקאָוון, אַז אויב מען וועט זיך האַלטן גענוי ביים אָנגעצייכנטן פּראָפֿיל פֿונעם וועג, וועט מען אויסמיידן די סכּנה. מען דאַרף ריכטיק אָפּשטעלן די צייכנס, ס׳איז נויטיק אַראָפּצולאָזן אין עטלעכע אָפּגרונטן אַן ערד־מעסטער מיט אַ געהילף, זיי זאָלן גענוי איבערקאָנטראָלירן דעם גאַנצן שטח. דער קלענסטער טעות קאָן דאָ דעצידירן.

אַלקאָוו האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז ער ווייסט נישט אויב דער ערד־מעסטער וועט מסכּים זיין אויף אַזאַ געפֿערלעכער אַרבעט. יענער וואַרפֿט יעדן טאָג דעם גט אין פּנים. ער וויל דאָ נישט זיין. גיי הייס אַזאַ איינעם קריכן ערגעץ אין שאול תּחתּיה מיטן ניוועליר. ער וועט דיך אָנקוקן ווי אַ משוגענעם!

אַלקאָוו באַדויערט זייער אָפט, וואָס מען האָט נישט פאַרשטאַנען איינצופלאַנצן אין די אַרבעטער כאָטש אַ קליינעם טייל אחריות פאַר דער בויונג. זיצנדיק אין אָוונט מיט ראָזענען פאַרן אַריינגאַנג פון זייער געצעלט, האָט אַלקאָוו פאַרפירט אַ שמועס וועגן דעם:

— שטעל זיך פאָר, איך דאַרף רעדן מיטן דעם ערד־מעסטער, מיט נאָך אַ פּאָר אַרבעטער, און איך האָב נישט קיין צוטריט צו זיי. פאַרוואָס? פשוט, ווייל זיי פילן זיך נישט ווי שותפים צום וועג. מיר האָבן זיי נישט אויסגעלערנט האָבן פרייד פון אויפטועןן און פאַרדרוס פון דורכפאַלן. אמת, די בויונג האָט אָנגענומען אַ טעמפּאָ. עס פילט זיך אַ ריטם אין דער אַרבעט; אפשר איז עס אַ דאַנק די בעסערע לעבנס־באַדינגונגען. ראָזען, דו דרימלסט?

— אַן איינפאַל. איך זיץ פשוט מיט פאַרמאַכטע אויגן. איך רו זיך אָפּ אַזוי. רעד, רעד, איך הער!

— איך האָב שוין, אייגנטלעך, נישט וואָס צו זאָגן. מ׳האָט די אַרבעטער געדאַרפט מער משתף זיין צו דער בויונג, דאָס אַלץ.

— דוכט זיך, אַז אריה האָט גערעדט וועגן דעם.

— אריה... יענער האָט דאָך געוואָלט איבער נאַכט זיי מאַכן פאַר חלוצים. דאָס איז עפּעס אַנדערש... אַ נאַיווער בחור. לעבט נאָך אַלץ מיט דער צייט פון די פיאָסטערדיקע מיטאָגן אין בית־ברע־נער... מיר האָבן בלויז געדאַרפט אין די פועלים וועקן מער אינטע־רעס צו דער בויונג.

— זעסטו, קאָן מען דאָך אריהן אויך נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט! חלוצים וואָלטן שוין יאָ געהאַט אינטערעס און דאָס איז אַ שאָד. אָט האָב איך נאָך אַזוי פיל פּלענער דורכצופירן — דער פאָספאַטן־קאָמבינאַט, שטיין־האַקערייען... כ׳האָב אויך אַ פּראָיעקט פון אַן אַרבעטער־ישוב. מיט וועמען מאַכט מען עס אַלץ? גיב אַ שטיקל פייער.

— שוין, איך גיב... ראָזען, איך האָב דיך געוואָלט עפּעס פרעגן...

— וועגן רות, שטעל איך זיך פאָר, אמת? איך האָב באַקומען

אַ בריוו פון איר. אַזוי כאַאָטיש געשריבן. כ׳האָב אַ העלפט נישט פאַרשטאַנען... נאָר וואָס איז עס וויכטיק? ס׳איז שפּעט... מיר וועלן גיין שלאָפן.

* * *

די פאָלעס פון געצעלט זענען פאַרהויבן. אינעווייניק קוקט אַריין דאָס לעצטע ביסל טאָג־ליכט. ביים סאַמע אַריינגאַנג זיצט אויפן ברעג בעטל מסעודי און בלעטערט זיין צעפּליקט תהילימל. משה־יאָסל, זלמן און דוד ליגן האַלב־נאַקעטע אויסגעצויגן אויף זייערע בעטלעך. די אָוונט־קילקייט איז נאָך צו זיי נישט דערגאַנגען. זיי אָטעמען נאָך אַלץ מיט דער היץ פון אַן אַרבעטס־טאָג אונטער דער זון.

משה־יאָסל קומט דער ערשטער צו זיך. ער ציט זיך אַרויף העכער אויפן שטרוי־קישעלע און נעמט זיך פאַרדויכערן:

— נישטאָ וואָס צו רעדן, אַ טייער לאַנד... אויף טריקענען וועש...

זלמן דרייט זיך אויס צו אים:

— נו, ווער איז געווען גערעכט? וואָס האָב איך דיר געזאָגט אין היידנהיים? ווי נאָר כ׳האָב דערזען דעם ערשטן שליח פון דאַנען האָב איך גלייך פאַרשטאַנען, אַז די קלאָג איז פאַרטיק. יענער איז געווען צעברענט, שוואַרץ ווי אַ קעסל...

— אָ, דו מיינסט נתנען, דעם קיבוצניק. דוד, דו געדענקסט אים?

— זיכער געדענק איך אים. אַ הויכער מיט געקרייזלטע האָר.

— ריכטיק. ענלעך אַ ביסל צו ראַזענען, גיט צו זלמן.

— נו, ראַזען איז שוין נישט אַזוי הויך. ער איז שוין באַלד איינ־געבויגן אין דרייען פון דער אַרבעט — ענטפערט משה־יאָסל.

—וואָס איז דער וואונדער? בויען אַזאַ וועג — פאַרענטפערט דוד דעם הויפּט־אינזשעניר.

משה־יאָסל דרייט זיך אויס צו דודן און בלאָזט אַרויס צוזאַמען מיטן פּאַפּיראָסן־רויך:

— מ׳האָט אים נישט געשלאָגן אין קאַרק. ער האָט זיך געקאָנט בעסער איינאָרדנען!

דער וועג קיין סדום

— מען רעדט דאָך נישט וועגן דעם, צי ער האָט זיך געקאָנט איינאָרדנען בעסער אָדער נישט. דאָ גייט וועגן די שוועריקייטן וואָס ער האָט ביי דער בויונג.

— וואָס ווילסטו דוד. אין קיין מסחר גייט נישט אַלץ אַזוי גלאַט. נאָר ס'איז זייער געשעפט, זאָלן זיי זיך דרייען די קעפּ. וואָס בין איך — אַ שותּף צו זיי, איך זאָל טראַכטן וועגן דעם? פאַר די פּאָר פונט, וואָס איך פאַרדין, איז מיין אַרבעט איבערגענוג.

— משה־יאָסל, נישט אַלץ איז די פּאָר פונט...

— זלמן, האָסט געהערט? נאַ דיר, אָט האָסטו אריה'ס אַ מענטש. כאָטש איינעם האָט ער אָפּגעשמדט... וואָס זאָל איך דיר זאָגן, דוד, איך דערקען דיך נישט. גאָרנישט דער זעלבער. עפּעס געקראָגן לשון, אַ פּאָסטאָווע...

ס'איז טאַקע שווער געווען צו דערקענען דודן. דאָס האַלטן אַ געצייג אין האַנט האָט אים געמאַכט מענערישער, דרייסטער. די אַר־בעט האָט אויסגעברייטערט זיינע אַקסלען. דער בליק איז געוואָרן אָפענער. מיט פאַרשאַרפטן נייגיר האָט ער נאָכגעפאָלגט די בויונג. דער וועג האָט אָנגעהויבן באַקומען זיין פּנים — אַ מויזן־גרויע סטענגע, לויז פונאַנדערגעצויגן אין דעם מדבר. יעדע שעה איז עפּעס צוגע־קומען. יעדער טאָג האָט געבראַכט נייעס. די סטענגע איז געוואָרן לענגער, זיך אַריינגעדרייט צווישן בערג, אַרויס צוריק אויף דער פריי דורך אַ פעלדזן־שפּאַלט און זיך אַוועקגעלאָזט ווייטער, באַגעגענען און זיך פאַרקניפּן מיט אַ צווייטער סטענגע, וואָס וויקלט זיך אַרויס פון אַ וויינן, זאַלציקן באָדן נעבן דער פאַרזינדיקטער שטאָט. דוד האָט זיך אָנגעהויבן איבערנעמען מיט יעדן ריס, מיט יעדן מינדסטן פּלאַנ־טער אין אָט דעם וועג־געוועב. שוין לאַנג ווי דער לופט־דרוק האַמער האָט צעטרייסלט אַן איינגערעדטן אידעאַל, וואָס מירל האָט אויס־געהאָדעוועט אין אים — אַ ווייס העמד, אַ פּאָר גאַבאַרדין־הויזן און אַ פּקידים־טעקע.

— משה־יאָסל, טו מיר בעסער אַ טובה, פרעג מסעודין וויפל ווייבער האָט ער — ווילצלט זיך זלמן.

— אַלע אָונט דאָס זעלבע... עס טוט דיר ווײ, אַז אַ מענטש זיצט און קוקט אַרײַן אין אַ ספר? האָסט זיך נישט מיט וועמען צו טשעפּען?

— לאָז געמאַך, מען טאָר שוין נישט רעדן אַ וואָרט? אַרבעטן קאָן ער ני״שט, זאָל ער כאָטש ברענגען דערפאַר אַ ווייבל אין דער מחנה.

— אַ צעלייגער... נעכטן, בעתן חמסין, ביסטו געלעגן ווי אַ טויטער און ער האָט געאַרבעט פאַר דיר.

— וואָס האַקסטו מיר אַ טשייניק וועגן דער אַרבעט. מען רעדט דאָך וועגן ווייבער. וועסט באַלד הערן, איך אַליין וועל אים פרעגן. זלמן נעמט צו הילף זיין גאַנצע עברית־קענטעניש:

— צדוק, דבר, כמה אתה... נשים?

מסעודי דרייט אויס דעם קאָפּ צו זלמענען. ער שמייכלט. מסעודי ווייסט, אַז זלמן מיינט נישט קיין שלעכטס. ס'איז ביי אים בלויז אַ קונדסעריי, אַ מין צייט־פאַרטרייב. מסעודי קוקט אויף זלמענען ווי אַ קאַרליק אויף אַ גוטמוטיקן ריז — אי ער האָט אַ ביסל פחד, אי ער באַוווּנדערט אים. ביי דער אַרבעט שטופּט זלמן טיפער די לאָפּאַטע, קלאַפּט העפטיקער מיטן האַמער; נאָר ווען ער לאָזט זיך אַמאָל פונאַנדער אין געצעלט, גיט אַ כאַפּ דעם, יענעם פאַרן קאָפּ, אויף קאַטאָוועס, רוקט זיך דער תימנער אָפּ אָן אַ זייט — בעסער זיין ווייטער פון שיכנאַזי׳ס ידים... מסעודי האָט נישט מיט וואָס אָפּצו־דאַנקען זלמענען פאַר דער הילף ביי דער אַרבעט, אוי׳סער אַ שמייכל; פשוט, עס בינדט עפּעס דעם תימנער צום בחור מיט די ידי־עשו. דוכט זיך אַ שיכנאַזי, אָן באָרד און פיאות, גייט בגילוי ראש, און דאָך... הלב, חבוב, הלב כולו יהודי... השם יתברך וועט העלפן, מ׳וועט ענדיקן די אַרבעט, דאַרף מען אים איינלאַדן אויף אַ שמחה׳לע דאַכט זיך, אַז ביז דאַן וועט שוין חביבה געלעגן ווערן...

— אתה, זלמן, תתחתן... זהו... חתונה, מבין?

זלמן קייקלט זיך אויפן בעט פון הנאה.

— אַ חתונה? פאַרוואָס נישט, אפילו היינט ביינאַכט. איי, משה־

יאָסל אַ שאָד, וואָס מען האָט אָפּגעזאָגט די מיידלעך...

די מחנה־לופט איז געדיכט פון גלוסטונג. די יונגען זענען מיד, אָבער נישט צעבראָכן. אַרומגעוואַשן זיך, געכאַפּט אַ דרימל, און ס׳קומט ווידער דער הונגער נאָך ווייב. וואָס מען זאָל נישט רעדן, קומט מען צום סוף אַרויף אויף דעם. די מענער שפּייען, בייסן נערוועז דעם פּאַפּיראָסן־מונדשטיק, דערציילן האַמעטנע וויצן, זינגען געפּעפּערטע לידלעך, און קאָנען נישט דערשטיקן אין זיך דעם דראַנג צו לייב, וואָס עס וואַרפט אָן אויף זיי דאָס אָפּגעריסענע לעבן אין אַ רויען אַרום.

—...די שוואַרצינקע, ווייסט דאָך, וואָס זי פלעגט רוימען די קיך. איך מוז זי אויסגעפינען. מען זאָגט, אַז זי אַרבעט אין באר־שבע...

זלמנס רייד צינדן די אויערן און קלאַפּן אין קאָפּ ווי שטאַר־קער ווייַן. דוד שמייכלט. ער באַהאַלט אינעם שמייכל זיין זיסן סוד. פאַר צוויי וואָכן איז פלוצים מירל אַראָפּגעקומען צו אים. דער שאָפער פונעם וואַסער־טאַנק האָט זי מיטגענומען. בייַנאַכט, ווען זיי זענען געזעסן אונטער די פעלדזן און מירל האָט פאַר אים געשפּינען אירע פּלענער וועגן מעבל, קיך־געשיר און נייעם געפעס, האָט אַ ווינטל דערטראָגן צו אים דעם פריש־ברויטיקן ריח פון איר יונגן לייב. ער האָט זי אַ צי געגעבן צו זיך, און צוגעפאַלן מיט די ליפּן צום האַלב אָפענעם אויסשניט פון איר זומערדיק קליידל. מירל, פון איבער־ראַשונג, האָט אפילו פאַרגעסן זיך צו ווערן. זי האָט בלויז אַרויס־געשעפּטשעט:

— דוד, דוד׳ל, וואָס איז מיט דיר? נישט דאָ. איך בעט דיך, נישט דאָ... עס קאָן ווער אָנקומען, דוד׳ל...

איר מיושבדיקער פאָרוואורף האָט זיך געריסן דורך דודס ברע־נענדיקע קושן, ביז ער איז דערשטיקט געוואָרן אין דער מענערישער אומאַרמונג. דערנאָך זענען זיי לאַנג געלעגן איינער נעבן אַנדערן פאַרזונקענע אין דער נאַכטיקער שטילקייט און אינעם אייגענעם גליק.

ד.

דער וועג איז געטריבן געוואָרן ווייטער. ווי אַן אומגעלומ־פּערטע חיה איז ער געקראָכן איבער פעלדזן, אַריבערגעהיפּערט אָפּ־גרונטן. אַ געראודפּטער פון מענטשן — יעגער און מאַשינען־הינט, האָט ער געזוכט אַנטרונען צו ווערן נעבן סדום, ביים ים המלח, איבער־לאָזנדיק הינטער זיך שפּורן פון צעוואָרפענע סקאַלעס און בערגלעך צעדינאַמירטן שטיין.

ראָזען, אַלקאַוו און גפני האָבן נישט גערוט. מען האָט געדאַרפט האָבן השגחה אויףביידע בויונגען. די אַרבעטער פון דער ים־המלח זייט זענען שוין באַלד דערגאַנגען ביז צו די בערג, פונוואַנען ס'האָט זיך געדאַרפט אַראָפּלאָזן צו זיי דער וועג. זיי האָבן, אָבער, אומזיסט געוואַרט אויף אים. דער וועג איז פאַריאָגט געוואָרן צו אַ שפּיץ פעלדז און געבליבן שטיין. די בולדאָזשערן האָבן אים ווייטער נישט געקאָנט פאַרפאַלגן. פון דאָרט האָט אַ ברייטע, טיפע גרוב, ווי אַן אויסגעטריקנטע סאַזשלקע, אָפּגעטיילט ביידע מחנות.

ראָזען האָט געוווּסט, אַז דאָ איז דער אויסגאַנגס־פּונקט פון דער אַרבעט. אויב די אינזשעניר'ס נביאות וועט מקוים ווערן, קאָן דאָ זיין דעם וועגס קבר. ער איז אַרומגעלאָפן איבער די פעלנער מיט צעצונדענע אויגן פון נישט דערשלאָפן. יעדע ווײַלע האָט עס אים אַ טראָג געטאָן ערגעץ אַנדערשוואו. גפני און אַלקאַוו האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט זיין אומרו. זייער דזשיפּ האָט זיך געיאָגט פון איין עק וועג צום אַנדערן, פון איין מחנה צו דער אַנדערער. זיי האָבן אַלץ מורא געהאַט טאָמער איז עפּעס פאַרזען געוואָרן, אפשר האָט ווער עפּעס פאַרגעסן. די דריי האָבן פאַרלוירן דעם חשבון פון צייט. זיי האָבן אויפגעהערט ציילן די טעג. די אַרבעט האָט צעריסן די גרענעץ צווישן ליכטיק און פינצטער. זיי זענען געזעסן אין די נעכט ביי אַ נאַפט־לאָמפּ איבער די פּלענער און זיך געפּרוווט באַוואָרענען פון אַלע זייטן קעגן אַ דורכפאַל.

דאָס לאַנד האָט געלעבט מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן, הילכיק גע־

לאַכט, שפּאַצירט ביים ים, און דאָ, אין אַ פּאַרוואָרפענעם, צעריסענעם געצעלט, האָט אַ הייפעלע מענטשן זיך געבראַכן די קעפּ ווי אַזוי צו ענדיקן דעם וועג אינעם מדבר.

* * *

—אדון אַלקאָוו, מיך האָט איר איבערצייגט, אָבער גיט מיר אַ געהילף. איך אַליין קאָן דאָך נישט שטיין גלייכצייטיק ביים ניוועליר און ביי דער לאַטע. מילא, אויף אַ נאָרמאַלן שטח וועט זיך קיינער נישט אָפּזאָגן, אָבער צו אַזאַ אַרבעט ווייס איך נישט ווער ס׳וועט וועלן גיין. עפּעס אַ קלייניקייט אַראָפּקריכן אין אַזאַ תהום?

אַלקאָוו האָט זיך געגרייט צו אַ לאַנגן וויכוח, גייענדיק אינדער־פרי צום ערד־מעסטער. דער וויכוח איז נישט צושטאַנד געקומען. דער ערד־מעסטער האָט אים רויק אויסגעהערט, עפּעס אונטערגע־בורטשעט אונטערן נאָז, פאַרצויגן פעסטער דעם הויזן־פּאַסעק און זיך מכין געווען צו גיין טאָן זיין אַרבעט. דאָס אַלץ איז אויסגעקומען אַלקאָוון אַביסל פּאַרדעכטיק. צי מיינט נישט אַמאָל דער כיטראַק אַרויסצוגיין פון דעם ענין מיט כבוד, זייענדיק זיכער, אַז עס וועט זיך נישט געפינען קיין געהילף? דעם ערד־מעסטערס גרייטקייט האָט אַראָפּ־געוואָרפן אַלקאָוו׳ן פון מוט. די אַרבעטער קאָנען טאַקע נישט וועלן העלפן. דאָס טאָפּטשען אויף אָרט האָט זיי צערייצט. עטלעכע גוטע פועלים האָבן זיך נישט אומגעקערט פון חופש. אייערנעכטן איז, נישט מיר נישט דיר, אויסגעבראָכן אַ געשלעג אין דער מחנה צוליב אַ נאַרישקייט. מ׳האָט זיך שיעור נישט געשניטן מיט מעסערס. די היץ מאַטערט זיי. דער לאַגער איז זיי נמאס געוואָרן. וואָלט מען כאָטש פריער פאַרשטאַנען אָנצורעגן זייער אַמביציע, אויסצייכענען די דער־אָבערונגען און דאָס גאַנצע לאַנד זאָל נאָכפאָלגן זייער אַרבעט, ווי מען פאָלגט נאָך, לכל הפחות, אַ שפּאַנענדיקן פוטבאָל־מעטש!

אָבער אַזוי?...

אַלקאָוו איז אַוועק מיט דעם ערד־מעסטער. אַ גרופּע אַרבעטער

איז געזעסן פאַרכמורעט אויף די שטיינער. מיט זיין דערנענטערן זיך איז זייער שמועס פאַרשטומט געוואָרן. איינער האָט אָנגעהויבן פאַרפעסטיקן דאָס הענטל פון דער טוריע. אַנדערע האָבן פּלוצים גע־נומען באַטראַכטן אויפמערקזאַם זייערע פאַרשטויבטע שיך. ער איז געשטאַנען נעבן זיי און געזוכט אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּן. משה־יאָסל האָט אים, נישט ווילנדיק, אַרויסגעהאָלפן. ער האָט זיך דער ערשטער אויפגעהויבן און אויסגערופן:

— נו, חברה, געענדיקט מיט דער פּערעקורקע (רויכערן), מ׳וועט זיך שטעלן טאָן!

אַלקאָוו האָט אַרויפגעצוווּנגען אויף זיך אַ שמייכל.

— זיכער, מען דאַרף אַרבעטן, מיר מוזן ענדיקן די בויונג...

— איר הערט? מען רעכנט נאָך דאָס צו ענדיקן.

— ווען משיח וועט קומען...

— ווען די באָבע וועט אַ מויד ווערן...

— מען וועט זיכער ענדיקן. איך ווייס, איר שטייט שוין דאָ אַזאַ צייט. ס׳זענען פאַראַן שוועריקייטן, איך דאַרף אייך נישט דער־ציילן וועגן דעם. אָט מוז מען איבערמעסטן עטלעכע שטחים. דאָס קאָן פאַרשפּאָרן אַ פּאָר גוטע קילאָמעטער וועג. מען דאַרף זיך אַראָפּ־לאָזן פון אָט דער וואַנט ביזן דעק פון אָפּגרונט. דער מעסטער קאָן עס אַליין נישט דורכפירן. ער מוז האָבן נאָך עמיצן מיט זיך.

— זאָל מען ברענגען אַ פּקיד פון דער קיריה...

אַ פאַרביטערטער איז אַלקאָוו אַנטשוויגן געוואָרן.

די אַרבעטער האָבן זיך געבויגן, יעדער צו זיין עבודה, זיך מייַענדיק נישט צו טרעפן מיט אַלקאָוו׳ס בליק. דער ערד־מעסטער איז געשטאַנען אָפּגערוקט אויף אַ מרחק און געזייט דורך די פינגער אַ זשמעניע זאַמד.

— היי, דו דאָרטן, מיט דער דאָקטאָרישער מאַשין דיינער, קום נאָר אַהער נאָענטער, לאָמיר זען מיט וועמען מען גייט דאָ צום טיש!

אויף משה־יאָסלס אויסגעשריי האָבן זיך אַלע אויסגעדרייט צו אים.

— וואָס קוקט איר אויף מיר, אַ פייער זוכט ענק! — האָט

ער זיך צעקאַכט, און אַנווייזנדיק אויף אַלקאָוון: איר זעט דען נישט ווי אַ מענטש גייט איין? אדון אַלקאָוו, זאָגט דעם מעסטער, אַז איך גיי מיט אים, זאָל ער מיר געבן די לאַטע.

אַלקאָוו האָט אַראָפּגעכאַפּט די ברילן:

— איר וועט טאַקע גיין מיט אים?

— וואָס זשע דען האָט איר געמיינט, כ׳וועל מיט אים כאַפּן אַ טענצל?

זלמן איז אונטערגעלאָפן.

— משה־יאָסל, ביסט משוגע? נאָך דאָס פעלט דיר! מען האָט איבערגעלעבט אַזאַ קריג, דאַרפסטו איצט פאַר די פּאָר פונט ברעכן הענט און פיס?

משה־יאָסל האָט טיפער אַנגערוקט זיין ציקליסטקע אויפן שטערן, אָפּגעווי׳שט די הענט אָן די הויזלעך און זיך געלאָזט גיין צום ערד־מעסטער.

זלמן האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַנט.

— משה־יאָסל וואַרט אַ רגע... זאָלן זיי פאַרברענט ווערן מיט דער אַרבעט אינאיינעם, מירן פאָרן צוריק קיין באר־שבע...

משה־יאָסל איז געבליבן אַ רגע שטיין מיט אַן אָפן מויל. ס׳האָט געעיווירט אין אים עפּעס אַזוינס, וואָס ער אַליין האָט קלאָר נישט פאַרשטאַנען. ער האָט געוואָלט ענטפערן דעם חבר, ענטפערן זיך אַליין, און נישט געפונען דאָס פּאַסיקע וואָרט.

לסוף האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— טשעפּע זיך אָפּ!

ער האָט זיך שאַרף אַ קער געגעבן צו די איבעריקע און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— נעמט די שטריק!

אַלקאָוו איז געשטאַנען מיט די ברילן אין האַנט. אַ וואַרעמער נעפּל האָט פאַרצויגן זיינע שוואַרצאַפּלען. אין דעם נעפּל איז פאַר־שווומען געוואָרן משה־יאָסלס געשטאַלט אויפן ראַנד פונעם אָפּגרונט.

* * *

גפני, וואָס האָט געהאַט איבערגענומען די השגחה איבער דער בויונג אין דער סדום־מחנה, האָט געשיקט אַ דרינגענדיקע ידיעה צו ראָזענען. דער פּלאַן פון זיין זייט איז עפּעס נישט בסדר. אים דוכט זיך, אַז מען איז אַראָפּ פון דער טראַסע. ער בעט קומען ראָזענען איבערקאָנטראָלירן. דערווייל האָט ער אָפּגעשטעלט די אַרבעט.

ראָזען האָט געריסן דאָס בריוול אויף שטיקלעך, אויסגערעדט אויף גפנין אַלדאָס בייז. אַזאַ טיפּש! ווייזט אויס, אַז ער האָט זיך צעטומלט. ער ווייסט נאָר צו קאָמאַנדעווען מיט די פּועלים. אָבער ווען מען דאַרף צולייגן אַביסל קאָפּ... נאָך די לעצטע איבערמעסטונגען קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן אַ טעות. פאַרקערט. מען האָט בלויז געוווּנען אויף זיי. וואָס קאָן דאָרט זיין? צו די צרות האָט ער נאָך אָפּגעשטעלט די אַרבעט, מוז מען שוין זען זיך אַריבערכאַפּן אַהין!

ראָזען האָט די לעצטע צייט געפיבערט מיט איין געדאַנק — וואָס גיכער ענדיקן דעם וועג. יעדער אַרבעטס־טאָג איז געווען פאַר אים איבעריק. ער האָט זיך פונאַנדערגעיאָגט ווי אַ לויפער פאַר דער מעטע. די מורא פאַר נייע, אומגעריכטע שוועריקייטן האָט אים גע־טריבן פאָרויס; ער איז פאַר דער צייט אויסגעשטאַנען אַזויפיל עוולות פון מענטשן צוליב זייער ענג־פאַרזענלעכע חשבונות ביי דער בויונג, אַז ער האָט שוין באַלד פאַרלוירן דעם צוטרוי אפילו צו דער נאַטור. אים האָט זיך אָפּט אויסגעוויזן, אַז ער וועט אַמאָל אַרויס אויפן שטח און געפינען אַ באַרג איבערגעדרייט, אַ פעלדז צעלייגט אין מיטן וועג, אָדער אַ סקאַלע הענגען איבערן קאָפּ, ווי אַ דראָאונג. דערפאַר האָט אים אַזוי געטראָפן די ידיעה וועגן אָפּשטעלן די אַרבעט. ראָזען האָט נאָך קלאָר נישט געוווּסט וווהין עס טרייבט אים. זיינע ווייטערדיקע פלענער האָבן זיך געצונדן, געלאָשן און ווידער זיך געצונדן.

ער האָט געטראָפן אַלקאָוון אויפן שטח, ביי די קאָמפּרעסאָרן. אַלקאָוו האָט געזאָגט, אַז ווען נישט דאָס אָפּשטעלן די אַרבעט, וואָלט

מען גאַרנישט געדאַרפט לייגן קיין אַכט אויף גפּניס בריוול. ס'איז שוין נמאס געוואָרן דאָס קאָנטראָלירן יעדע פּאָר טעג דאָסזעלבע. דער ערד־מעסטער מיט משה־יאָסלען האָבן געגנוג אויפגעטאָן, נאָך מער ווי מען האָט זיך פאַרגעשטעלט. איצט קומט גפּני און, מסתמא צוליב אַ שלעכט־אַריינגעהאַקטן פלעקל, לאָזט ער זיצן די פּועלים מיט פאַר־לייגטע הענט. מען וועט מוזן צופאָרן. היינט איז שוין שפּעטלעך. מאָרגן אינדערפרי קאָן ראָזען נעמען דעם קאָמאַנדקאַר און דורך עין חוצוב אָנקומען אין דער מחנה. עטלעכע אַרבעטער מיט געווער וועלן דאַרפן פאָרן מיט אים.

ראָזען האָט נישט געוואָלט הערן דערפון. פאַרלירן צוויי טעג? ער וועט זיך אַראָפּלאָזן צופוס דורך די בערג צו דער מחנה. נאָך היינט! אַלקאָוו האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין: וואָס איז די איילעניש? ראָזען האָט זיך פאַרעקשנט, גאָרנישט ווי זיין טבע. אַלקאָוו האָט פלוצים אַנטדעקט אין אים אַ מאָדנעם ציטער, ווי ביי אַ האַזאַרד־שפּילער. ווו איז אַהינגעקומען זיין רויקייט? דער הויפּט־אינזשעניר איז געשטאַנען פאַר אים אַ צעשויבערטער, נישט אָפּגע־ראַזירט, אָן אומגעדולדיקער, מיט אַ צעלאָפּענעם בליק אין אַלע זייטן.

דער אַרבעטס־לייטער האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען. ווי אַ מענטש קאָן זיך עס ענדערן! די בוּיונג איז טאַקע אַריין אַלעמען אין דער לעבער. אָבער אַזוי ווייט?

אַלקאָוו האָט באַשלאָסן צו געבן ראָזענען ווי אַ באַגלייטער זלמנען און צדוקן. ער האָט אויסגערעכנט אַז זלמן, ווי אַ בחור, וואָס איז צוגעוווינט צו אַ ביקס, וועט זיין אַ גוטער באַגלייטער; און אַזוי ווי צדוק אַרבעט במילא זייער שוואַך אָן דעם ערשטנס הילף, זאָל ער גיין צוזאַמען מיט אים טראָגן די פּלענער.

אַלע דריי, ראָזען פאָרויס, מיטן געווער אויפן אַקסל, צדוק מיט ראָזענס גרויסער טעקע אין דערמיט, און זלמן, פאַרוואָרפן די ביקס אויפן רוקן, האָבן זיך געלאָזט אין די בערג.

מען האָט זיך קיינמאָל נישט דערוווסט, ווער ס'האָט דערהערט דער ערשטער די שיסעריי. אפשר די צוויי דרוזן, די בויערער, וואָס

זענען מיטאַמאָל געבליבן שטיין פאַרשטאַרטע, מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, אָדער אפשר משה־יאָסל וואָס איז פריער פון אַלעמען דער־לאָפן צום געווער־מאַגאַזין. אַלקאָוו האָט עפּעס געשריגן, געמאַכט מיט די הענט, געריסן פון משה־יאָסלען די ביקס. צודריקנדיק דאָס געווער מיט ביידע הענט צו דער נאַקעטער ברוסט, איז משה־יאָסל געלאָפן צום שטעגל, וואָס פירט אַראָפּ אין די בערג.

זיי זענען געלעגן אויף אַ קליינער פּאָליאַנקע צווישן די פעלדז. די שטילקייט נאָך די שיסערייען האָט דאָ אַלץ פאַרגליווערט, אפילו דאָס שוועבן פונעם שפּאַרבער אין בלאָס־בלויען הימל. זלמן האָט זיך איינגעשפּאַרט מיט די הענט אין באָדן. דער לעצטער ווילן אויפ־צושטיין איז דערשטיקט געוואָרן אונטער זיין אייגענער שווערקייט. צדוק איז געלעגן צו אים מיטן רוקן, די הענט צעשפּרייט. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט אויסגעזען אַזוי שטרענג. די לאַנגע פּיאות האָבן איינגעקלאַמערט זיין פּנים אין איין החלטה — צו באַשיצן זלמנען. די פּאָר מעטער צעשאַרטע ערד האָבן געצייכנט דעם וועג, וואָס דער תימנער האָט דורכגעמאַכט, קריכנדיק צום אשכנזי, כדי אים צו פאַר־דעקן מיט זיך פון די קוילן. זייער בלוט האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איין קאַלוזשע.

משה־יאָסל איז געזעסן דערנעבן אויף אַ שטיין, געקלאַפּט מיט די פויסטן אין די שלייפן און זיך קינותדיק געשאָקלט:

— זלמן, זלמנקע, וואָס האָסטו מיר געטאָן?

זיין קלאָגן איז אַריבער אין אַ ווילדן געוואָי. אין זיין אוממעכטיקן צאָרן קעגן מענטשלעכער רשעות האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, אָנגעהויבן שלאָגן די פעלדזן, דראָען און שילטן דעם גאַנצן אַרום. דער שפּאַרבער, וואָס האָט פּלאַנירט איבער זיין קאָפּ אין ברייטע אומקרייזן, האָט זיך פּלוצים אַ ריס געטאָן אין דער הויך, מיטנעמענדיק דעם אָפּקלאַנג פון דראָונגען אויף יענער זייט גרענעץ.

די באַוואָפנטע פּועלים וואָס זענען אָנגעקומען בראש פון די צוויי דרוזן און אַלקאָוו, זענען געשטאַנען אַן אַ זייט, נישט געוואָגט צוצוגיין צו משה־יאָסלען.

אינזשעניר ראָזען איז ביזן סוף געבליבן טריי זיך אַליין. די טעקע מיט די פּלענער איז געווען פאַרקראַמפּט ביי אים אין האַנט. אַ ספּריע האָט אים מן הסתם געטראָפן נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו פאַרשטעקן אין אַ סקאַלע־שפּאַלט די דאָקומענטן, אַרויסגעכאַפּטע פון צדוקן. ראָזען איז געבליבן איין טראָט פאַר דער רעטונג. די טעקע האָט דערגרייכט די טונקלקייט צווישן די שטיינער־ווענט.

אַלקאָוו האָט זיך אָנגעבויגן צום הרוג און אים צוגעשלאָסן די אויגן. נעבן דער טעקע האָט זיך געוואַלגערט אַן אויפגעריסענער קאָנ־ווערט. אַלקאָוו האָט אים אויפגעהויבן. ער האָט אָנגעטאַפּט אינעווייניק אַ בריוו. זיך גענומען אים אַרויסציען. אַ באַקאַנטע פרויען־האַנטשריפט האָט אַ שפּרינגקל געטאָן פונעם זייטעלע פּאַפּיר. אַ רגע האָט ער זיך איינגעקוקט אין געשריפטס, דאָס פאַרוקט צוריק אין קאָנווערט און אַריינגעלייגט צו זיך אין דער בלוזע־קעשענע.

אַן אויפרייס, ווי אַ סאַלוט, האָט זיך אַ טראָג געטאָן פון דער־בוויונג. מען האָט אָנגעהויבן פאַרשיטן דעם תהום. עטלעכע שטיינדלעך זענען אַראָפּגעפאַלן פון ערגעץ צו ראָזענס פיס.

* * *

— נו, מירל, דער לעבעדיקער דערלעבט. אָט פאָרן מיר שוין אויפן נייעם כביש!...

דער דזשיפּ האָט געכריפּעט, זיך געריסן באַרג אַרויף, פון סדום קיין באר־שבע. דוד איז געזעסן ביים רודער, געדריקט דעם גאַז־העבל, איבערגעשטעלט אויפן שפּיץ באַרג אַ צווייטן גאַנג, געמאַכט דערביי אַ וואָכעדיק פּנים און געוואַרט דאָס ווייבל זאָל באַוווּנדערן זיין בקיאות אין שאָפעריי.

מירל האָט זיך שטאַרקער ווי מען באַדאַרף צוגעהאַלטן אָן דעם טיר־הענטל און נישט פאַראַטן איר באַוווּנדערונג פאַרן מאַן.

— ער פּריכעט... דער קאַרבוראַטאָר איז מסתמא שמוציק...

מירל האָט פאַרבייגעלאָזט דעם אומבאַקאַנטן טערמין פאַרביי

דעם אויער, ווי ס'וואָלט זיך געריעדט וועגן אַ קיך־געשיר. דוד האָט זיך געמוזט נעמען רעדן וועגן עפּעס אַנדערש, כדי צו מאַכן אַ רושם אויף זיין ווייב:

— אַזוי איז עס מירעלע! ראָזען ליגט אין דרערד און קריי־וויצקי, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשריגן, אַז דער כביש וועט נישט אויסגעבויט ווערן, איז איצט אַ גאַנצער מחותן.

— ס'איז בכלל אַביסל מאָדנע. ביים דערעפענען דעם וועג האָט מען נישט אַרויפגעזעצט אויף דער טריבונע כאָטש אַ פּאָר אַרבעטער. אָט, אפילו משה־יאָסל. ער האָט זיך דאָרט אומגעדרייט ווי אַ פרעמדער. טאַקע ווייניק כוחות אַוועקגעגעבן? און דו אַליין...

— איי, מירל, דו מיינסט טאַקע, אַז מען קאָן אַלעמען געדענקען? מען שאַצט אָבער געוויס אָפּ משה־יאָסלען. ער גייט אַריבער אַרבעטן אין די פּאָטאַש־ווערק. אַלקאָוו האָט אים געוואָלט נעמען אויף אַ צווייטער בויונג, אין חיפה'ער פּאָרט. כ'האָב אַליין געהערט ווי משה־יאָסל האָט געזאָגט: — אַלקאָוו, דער נגב האָט מיך אַריינגעצויגן... ס'איז אַ שפּיל; מירן זען ווער וועמען... איך מוז נאָך געווינען אין סדום אַ בולוואַר מיט אַ קינאָ, אויף צו להכעיס תל־אביב... דאָס ווערטל גייט אום פון מויל צו מויל.

— איי, איי, אַ גרויסע מעשה.

— נו, מילא, פון וואָס קענסטו שוין נתפעל ווערן? איך וועל דיר נאָך זאָגן, אַז איך האָב זיך אויך נישט קיין שלעכטן נאָמען. גפני וואָלט נישט אַ יעדן געליגן זיין דזשיפּ.

דער אויטאָ האָט זיך געשאָרט ביי אַ משופּעדיקער פעלדזן־וואַנט, אַ דורכגעצויגענע מיט שוואַרצע שפּאַט־שיכטן, ווי אַ ברעג פון אַ טלית. דער כביש איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. די פרייע זייט פונעם וועג האָט זיך אָפּגעשניטן פון פּרא'דיקן, אַראָפּ־באַרגיקן שטיין־געלויף מיט אַ בעטאָנענעם באַריער, מירל האָט אַרויפגעקוקט אין דער הויך:

— אוי, מאַמינקע, עס פאַלט אָן אַ מורא קוקנדיק... און דו ביסט דאָך דאָרט געשטאַנען!... זי האָט זיך צוגעטוליעט צו דודן.

דער וועג קיין סדום

דוד האָט זיך צעשמייכלט פאַר נחת. די וואַנט האָט געצווונגען מירלען איינצובויגן איר קאָפּ פאַרן מאַן:

— דוד׳ל, דו ווייסט, מען דאַרף רעדן מיט משה־יאָסלען ער זאָל אונדז איבערגעבן זיין צימער. מירן אים באַצאָלן. דאָס וועט זיין פאַרן קינד...

— זיכער...

—וואָס זיכער?... דו האָסט שוין לאַנג געדאַרפט רעדן מיט אים. ביסט דאָך עפּעס אַ מאַנסביל.

— מען דאַרף מיט אים נישט רעדן. אַלץ איינס פאַרט ער דאָך אַוועק.

— גוט, אָבער ער קאָן אַמאָל איבערגעבן דאָס צימער עמעצן אַנדערש, אויב מיר וועלן נישט רעדן מיט אים. איך אַליין וואָלט אים שוין געזאָגט וועגן דעם, נאָר כ׳האָב עפּעס נישט קיין האַרץ. זייט זלמן איז נישטאָ, איז ער זייער עלנט, משה־יאָסל.

דער וועג האָט זיך איצט געצויגן איבער אַ ברייטן פּליין. דאָס גאַנצע שטיק לאַנד ביז באר־שבע איז געלעגן ווי אויף אַ האַנט־פלאַך. דער דזשיפּ האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. דוד האָט זיך פּלוצים פאַרטראַכט, פאַרגעסן אינגאַנצן אָן זיין ווייב.

— דוד, וועגן וואָס טראַכסטו?

— אַ רגע, וואַרט...

דוד איז אָפּגעפאָרן נאָך אַ שטיקל וועג, קוקנדיק די גאַנצע צייט וואַכזאַם פאַרויס. דערנאָך האָט ער אָפּגעשטעלט די מאַשין, אַרויס־געשפּרונגען פון איר און איבערגעלאָפן דעם כביש צום פעלד.

נעבן אַ בערגל אויפגעלייגטע שטיינער האָט זיך געוואַלגערט אַ ליידיקע קאָנסערוון־פּושקע און אַ פאַרגעלטע צייטונג.

— מירל, מירעלע, קום אַהער! כ׳וויל דיר עפּעס ווייזן.

— וואָס ווילסטו מיר ווייזן אין דער וויסטעניש? ווייסט דען נישט, אַז מיר איז שווער צו שטעלן אַ טראָט? דער בויך איז שוין באַלד גרעסער פון מיר.

— וואַרט, איך וועל דיר העלפן.

— שטיי, שטיי, איך וועל שוין ווי עס איז אַליין צוגיין.

דוד האָט אויפגעהויבן די קאָנסערוון־פּושקע, געדרייט זי אין די הענט.

— צוליב דעם האָסטו מיך אַהער גערופן?

— מירל, איך וויל דיר עפּעס זאָגן, נאָר איך ווייס נישט...

— נו, זאָג, לאָמיר הערן; וואַרף אַוועק די פּושקע, וועסט זיך נאָך באַלד איינשניידן אויך.

—מירל, דו ווייסט דאָך, אַז כ׳האָב אונטערגעשריבן אַ חוזה מיט דעם פּאָספּאַטן־קאָמבינאַט...

— וואָס פּאַר אַ נייעס זאָגסטו מיר? הלוואַי וואָלסטו עס נישט געטאָן. זיץ ווייטער צוליב דעם אינעם העק, אין באר־שבע.

— איז קאָן זיין...

— דוד, רעד שוין, מיר איז שווער צו שטיין.

דוד האָט אַרויסגעפּלאַצט:

— דאָ וועט מען בויען דעם ישוב פּאַר די אַרבעטער. מיר וועלן דאָ דאַרפן וווינען...

מירל האָט אויפגעריסן די אויגן, זי האָט זיך אַ דערשראָקענע אומגעקוקט:

— דוד, וואָס רעדסטו! זע ווי טויט, ווי וויסט דאָ איז, בלויז שטיינער.

דער מאַן האָט פאַרוואָרפן אַ האַנט אויף אירע אַקסלען און מיט דער צווייטער אָנגעוויזן אויפן פעלד:

— זע, מירל, דאָ וועלן שטיין הייזער, ווייטער אַביסל — דער גן־ילדים, אַ קליניק וועט מען בויען. וועסט זען, מירעלע, מיר וועלן דאָ נאָך זיין גליקלעך; אָבער וויין נישט, מירעלע...

מירל האָט אויפגעהויבן אַ פּאָר פאַרטרויערטע, צוטרוילעכע אויגן:

— מיינסט טאַקע, אַז ס׳וועט זיין אַזוי? עפּעס האָט מיר דאָס האַרץ געזאָגט, אַז דו וועסט פונדאַנען נישט אַוועק. אַן ערד אַזאַ, אַ כישוף האָט עס אייך אָנגעטאָן — דיר, משה־יאָסלען...

ביידע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בערגל שטיינער.

דער וועג קיין סדום

דִי טויטקייט איז שוין איצט באַלעבט געוואָרן דורך דעם גע־רייד פון צוויי יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך געגרייט צו פאַרבינדן זייער גורל מיט דעם מדבר.

דער נייער אַקאָרדיאָן

דער נייער אקארדיאָן

אַ חבר פון מעבר לים האָט מיר צוגעשיקט אַ מתנה אַן אַקאָר־דיאָן. די קאָלעגן אין אָרקעסטער האָבן שוין לאַנג געטענהעט, אַז איך מוז טוישן דעם אינסטרומענט — עס פּאַסט נישט פֿאַר דעם „רינה־דזשאַז" אַזאַ אָפּגעשפּילטע כּלי. אויך דער קאַפּע־אייגנטימער האָט אָנגעהויבן קרימען מיט דער נאָז — וואָס איז עס פֿאַר אַן אַקאָרדיאָן ביי אייך? די קלאַווישן פֿאַרגעלט, דאָס לעדער אָפּגעריבן... ער האָט אפילו געגעבן אָנצוהערן, אַז אין „דליה" האָט דער אַקאָר־דיאָניסט איינגעמאָנטירט ראָזען נעאָן־ליכט אין דעם קלאַוויאַטור־ברעט. דאָס גיט אַן עפעקט בעתן טאַנצן אינעם טונקל.

כ'וואָלט אפשר שוין לאַנג געהאָט זיך איינגעשאַפט אַ נייעם אינסטרומענט, נאָר כ'האָב נאָך אַלץ נישט געוווּסט אויף וואָסער וועלט איך בין — צי וועל איך בלייבן אין לאַנד, אָדער פּרוּוון ערגעץ־ווּ ווייטער דאָס גליק. מיר האָט זיך נאָך אַלץ געדוכט, אַז דאָס דירה'לע אין יד־אליה, דער פּרויס גערטנדל אונטער די פענצטער, די איראַקער שכנים — דאָס אַלץ איז אַן איבערגאַנג, אַ צייטווייליקער אויפהאַלט. דאָס מזל דאַרף קומען שפּעטער, ערגעץ אַנדערשוווּ. מיין חבר, אויך אַ מוזיקער, האָט מיר געהאַט געשריבן, אַז ער פֿאַרדינט זייער גוט, ער האָט שוין געקויפט אַן אויטאָ אויף ראַטעס, און בכלל... ס'איז אַ לעבן... אמת, זיינע בריוו האָבן אויסגעזען אַזעלכע בחפזון־דיקע, נישט דערזאָגטע, ווי ער וואָלט געוואָלט דורך די אייליקע אותיות, געלייגטע אין דער קווער, פֿאַרשרייען, פֿאַרלייקענען עפעס פון מיר; אָבער די ידיעה וועגן געקויפטן אויטאָ האָט באַרעכטיקט פֿאַר מיר דאָס געלויף אין געשריפטס — אַז מען האָט אַן אייגענע מאַשין ווערט מן הסתם פון צייט געלט...

אין די פֿאַר יאָר פון מיין זיין אין לאַנד האָב איך זיך אויך

נישט שלעכט איינגעאָרדנט, אפילו אַ פּריזשידער זיך איינגעשאַפט, אָבער דער ווילשטאַנד אין חברס בריוו האָט מיך נישט געלאָזט רוען. פּלוצים איז מיר אַלץ געוואָרן ווידערווילי׳ק — די איבערגעשטאָפּטע אויטאָבוסן, די חמסינען, די איראַקער שכנים מיט זייער אַראַבישן זשאַרגאָן, דער שרייאיקער געלויף פון די קינדער, די סאַבּרעס. קורץ — כ׳האָב געטראַכט אַוועקצופאָרן.

די טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט האָט מיר איבערגעגעבן אַ באַרג פּאַפּירן און געהייסן מיר פאָרן אין יפוער פּאָרט — דאָרט ליגט דער אַקאָרדיאָן. כ׳בין אַריין אין פּאָרט מיט אַ האַנט פול דאָקומענטן, און אַרויס פון דאָרט מיט אַ קליין, ווייס צעטל — אַ שיין פּאַר דעם טויער־שומר, אַז איך קאָן אַרויס פון פּאָרט מיט אַ שוואַרצן, גלאַנציקן קאַסטן, וואָס רייסט דעם אָרעם צו דער ערד.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער, אַ שווייסיקער, ווי געוויינלעך ביי אונדז. דאָס אַרומהאַווען עטלעכע שעה פון איין באַאַמטן צום צווייטן, די זון וואָס האָט געברענט דעם רוקן ביים שלעפּן דעם קאַסטן — דאָס אַלץ האָט מיך אָנגעפּילט ביזן האַלדז מיט רוגזא — צוליב וואָס האָב איך געדאַרפט דאָס גאַנצע געשעפט מיטן אַקאָר־דיאָן, אין דער צייט ווען איך טראַכט דאָ נישט צו זיין, און כ׳וואָלט עס בעסער געקאָנט זיך איינשאַפן אויפן פּלאַץ. אָן מאַטערניש, נישט ווי דאָ, ביי אונדז.

פון טריט צו טריט איז דער קאַסטן שווערער געוואָרן. כ׳האָב אים אָפּגעשטעלט נעבן מיר און זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן וועגן אַ טעקסי. צו מיין מזל איז נישט געקומען קיין טעקסי אויף אַ רפואה. דוכט זיך, נאָך קיינמאָל האָט די זון נישט אַזוי געברענט ווי דאָן, ווען איך בין געשטאַנען אויף דער גאַס מיטן אַקאָרדיאָן און נישט גע־ווּוסט ווו זיך אויסבאַהאַלטן פון איר. לסוף האָב איך באַשלאָסן זיך אַריינכאַפּן אין דער קנייפּע קעגנאיבער דעם פּאָרט־טויער און אָפּ־קילן מיין בייז האַרץ אויף אַלע פּלאָגן אין דער מדינה, מיט אַ גלאָז קאַלטן ביר.

ביים דערנעבנדיקן טישל אין דער קנייפּע זענען געזעסן עטלעכע

פּאַרט־טרעגער און בנעימותדיק זיך אונטערגעהאַלטן איבער אַ בשות־פּותדיקן טעלער חומוס מיט רויטן פעפער און גרויסע קופלען ביר. דער באַלעבאָס פון קנייפּע איז געזעסן אויף אַ שטול נעבן זייער טישל און אַריינגערעדט אין זיי וועגן אַ געוויסן משה׳לע פון מחסן נומער איינס, וואָס ביז מען וועט אים נישט איבערברעכן אַ ריפּ, וועט ער קיין מענטש נישט זיין.ביידע צוהערער האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ, געשמירט דעם טעלער חומוס מיט שטיקלעך פּיטעס און געלייגט אין מויל אַריין.

עמעץ איז אַריינגעקומען אין דער קנייפּע. דער באַלעבאָס האָט איבערגעריסן זיינע טענות וועגן משה׳לעס נעמען בראָנפן אויף באָרג, זיך אַ הויב געטאָן דעם נייעם גאַסט אַנטקעגן, צוזאַמענגעקלאַפּט ביידע הענט און הייזעריק אויסגעשריגן:

— יאַ באַיי, וועמען זע איך, מילאַש עפענדי!

דער גאַסט, אַ בנייט־ברוסטיקער בחור פון אַ יאָר דרייסיק, ריין ראַזירט, האָט מיט אַ פאַרלעגענעם שמייכל אויסגעצויגן אַ האַנט צום באַלעבאָס. ביידע טרעגער האָבן אויפגעהערט רייניקן דעם ברעג טעלער פונעם צוגעקלעפּטן חומוס און אָנגעקוקט דעם גאַסט.

— כאַרעס,*) וואָס האָט איר אויסגעלופּעט אויף אים די אויגן!
— האָט זיך דער באַלעבאָס אַ וואָרף געטאָן אויף זיי — אַז איר וועט זיין אין פאַרט, זאָגט די מאַטראָסן פון „נחשון״ — מילאַש איז ווידער צוריקגעקומען; זיי וועלן שוין וויסן ווער דאָס איז.

אָפּגעגעבן דעם באַפעל, האָט דער באַלעבאָס צוגעפירט דעם אַריינגעקומענעם צו דער ליאַדע, און אים אָנגעגאָסן אַ גלעזל שנאַפּס. יענער האָט עס געשווינד אַריינגעגאָסן אין האַלדז, צי ער האָט זיך פאַרקרימט דערביי, האָב איך נישט געזען. ער איז גע־שטאַנען אויסגעדרייט צו מיר מיטן רוקן. בעת די טרעגער זענען אַרויס, האָט דער באַלעבאָס נאָכגעשריגן זיי זאָלן נישט פאַרגעסן אָנזאָגן די מאַטראָסן וועגן מילאַשן. אין צווישנצייט האָט דער גאַסט שוין געהאַט צוגערוקט צו זיך דאָס פלעשל שנאַפּס, און פון מאָל צו

*) אן אראביש זידל־ווארט.

מאַל, אין גאַנג פון שמועס מיטן באַלעבאָס, אָנגעפילט דאָס גלעזל. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען פון הויזן־קעשענע אַ שאַכטל פּאַפּי־ראָסן און מכבד געווען דעם באַלעבאָס. יענער האָט אַ רגע געדרייט דעם פּאַפּיראָס צווישן די פינגער און צוגערוקט אים צום נאָז.

— אַמעריקאַנער, ווירדזשיניאַ — האָט דער גאַסט פּאַררעקלאַ־מירט דעם פּאַפּיראָס — ס׳שמעקט, האַ?

— און ווי נאָך... אַ סך געבערענגט?

— ניין, בלויז פאַר זיך, נישט אויף מסחר...

— אַ שאָד, מענטשן פרעגן. מ׳קאָן אָפּזעצן כאָטש אַ וואַגאָן.

— איך דאַרף עס נישט. איך וויל נישט ווערן רייך...

דער גאַסט האָט אָפּגערוקט דאָס גלעזל, און זיך אויסגעדרייט צו מיר מיטן פּנים. מיר האָבן זיך אָנגעקוקט.

ווען מען אַרבעט אָפּ עטלעכע יאָר אין אַ לאָקאַל, לערנט מען זיך אויס דערקענען מענטשן. יעדער מוזיקער אָדער קעלנער, אויב ער איז אַן אמתער פאַכמאַן, קאָן מיטן ערשטן בליק אויפכאַפּן יעדן איינגייער. איינמאָל האָט מיר אַ גאַסט צוגעוואָרפן אַ צענערל פאַר אַ טשאַרדאַש, האָב איך לויטן וואָרף דערקענט, אַז דאָס געלט איז נישט זיינס. אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן אים טאַקע צוויי שוטרים ערגעץ אַוועקגעפירט. אמת, אין דעם פאַל האָט מען נישט געדאַרפט זיין קיין גרויסער חכם צו פאַרשטיין, אַז דער מענטש וואָס איז אַריין אין קנייפּע איז אַ מאַטראָס. אַ האַנדלס־אַגענט וועט דאָך נישט אָנטאָן קיין גראַנאַט ברעזענט־הויזן געשטעפּט מיט רויטן באַנוול און ברוינע טופל מיט מעשענע שנאַלן; אָבער דער שמועס וועגן די פּאַפּיראָסן האָט מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ צווייפל. בדרך כּלל איז אַ מאַטראָס אַ שטיקל באַרימער. ווען ער קומט אויפן ברעג, דער־ציילט ער נסים ונפלאות פון דער רייזע, פון זיינע געשעפטן, ווי אַזוי ער האָט איבערגעקליגלט דעם צאָל־אַמט. און דער האָט דאָ גאָר געזאָגט, אַז ער וויל נישט ווערן רייך און איבערגעריסן דערמיט דעם שמועס.

ער איז געשטאַנען קעגנאיבער מיר, דאָס ביסל שנאַפּס האָט

אים קוים פונאַנדערגעוויגט. ער האָט גאָרנישט פאַרביסן בעתן טרינ־קען, און ס׳האָט אים זיכער אַ שלאָג געטאָן צום קאָפּ. זיין בליק, אָבער איז געבליבן קלאָר. אַ פּאָר אומעטיקע אויגן האָבן געבלאַנ־דזשעט פון מיר צו דעם אַקאָרדיאָן־קאַסטן, וואָס איז געלעגן, ווי אַ שוואַרצער הונט, ביי מיינע פיס.

זעלטן ווען אַ מענטש זאָל אויסטרינקען און וועלן שווייגן. כ׳ווייס עס פון דערפאַרונג. כ׳האָב שוין אפילו געזען געסט רעדן צום פלעשל נישט האָבנדיק קיין מענטשן אונטער דער האַנט. דער גאַסט האָט געוואָלט רעדן, כ׳האָב עס דערקענט אין זיין פאַרבייגיין מיין טישל מיטן שאַכטל פּאַפּיראָסן אין דער האַנט. דער קאָניאַק האָט אים געטריבן אויסצורעדן פאַר אַ נייעם אויער עפּעס אַזוינס, צו וואָס זיינע באַקאַנטע, צווישן זיי דער קנייפּע־אייגנטימער, האָבן מן־הסתם נישט געהאַט דעם געהעריקן אינטערעס אָדער דאָס שוין גע־הערט בעת אַן אַנדערן טרונק.

דער גאַסט האָט זיך אַנגענומען מיט מוט און מיר פאַרגעלייגט אַ פּאַפּיראָס. ביים געבן מיר פייער האָט ער זיך צוגעזעצט צו מיין טישל. מיר האָבן ביידע פאַרויכערט. דאָס שאַכטל פּאַפּיראָסן איז גע־לעגן אויפן טישל. די בונטע קאָלירן, די צייכענונג אויפן דעקל, די פרעמדע אויפשריפטן — דאָס האָט געכישופט מיט ווייטע, רייכע לענ־דער, מיט גרויסע סאַמעט־באַשלאָגענע נאַכט־לאָקאַלן, ווו צעשמיי־כלטע מיידלעך מיט טיפע דעקאָלטן פאַרקויפן ביי די טישלעך פּאַפּי־ראָסן, און די מוזיקאַנטן, אין זיידענע העמדער, שפּילן סאָלידע, ענג־לישע וואַלסן און באַקומען דיסקרעט זייער טרינק־געלט. דאָס קעסטל אויסלענדישע פּאַפּיראָסן, האָט געפאַרבט אויף ראַז מיין צוקונפט.

— אַ מוזיקער, נישט אמת? — האָט דער יונגערמאַן איבערגע־ריסן דאָס שווייגן.

— יאָ, אַ מוזיקער.

—כ׳האָב עס גלייך פאַרשטאַנען, צוליבן אַקאָרדיאָן.

— פאַרשטייט איר דאָך אַ סך...

— לאַכט נישט פון מיר, איך ווייס, אַז אין קאַסטן ליגט אַן

אַקאָרדיאָן. די מוזיקאַנטן אין צירק האָבן געהאַט פּונקט דיזעלבע.
יאָ, יאָ, אין צירק... וואָס קוקט איר אויף מיר אַזוי? איידער כ׳בין
אַוועק אויף דער שיף, האָב איך געאַרבעט אַ צייט אין רמת־גנער צירק.
אין „זירהטרון״; אַלע ווייסן דערפון, איר קאָנט פרעגן.

—איך גלויב אייך. איך דאַרף נישט פרעגן.

— האָט מען אייך נאָך נישט דערציילט, אַז שוין דאָס פערטע
מאָל ווי איך פאָר אַוועק, געזעגן זיך אויף נישט צוריקקומען, און
קום דאָך צוריק?...

— איך בין דאָ נישט קיין איינגייער — האָב איך געזאָגט.

— איז גוט... זיי לאַכן פון מיר, שרייען כ׳בין משוגע...
איר׳ט טרינקען מיט מיר אַ גלעזל?

— ניין, אַ דאַנק, כ׳וועל באַלד גיין עסן מיטאָג.

— איר ווילט שוין גיין?

— איך וועל נאָר ענדיקן מיין ביר.

— אַ שאָד... פלוצים איז אים עפּעס איינגעפאַלן — איר ווייסט
וואָס? לאָמיר ביידע נעמען נאָך צו איין ביר...

נישט וואַרטנדיק אויף מיין צושטימונג האָט ער אויסגעשריגן
צום באַלעבאָס — גדליהו! גיט צוויי גרויסע ביר. יאָ, און אַ קאָניאַק.

פאַר דער צייט וואָס יענער האָט געעאָסן דאָס ביר האָב איך
געפּרוּווט פאַרזיכטיק אָפּרעדן דעם גאַסט פון ווייטערדיקן טרינקען.

— איר וואָלט בעסער עפּעס צוגעביסן. צו וואָס דאָס טרינקען?
ס׳איז דאָך אַזוי הייס...

— ס׳מאַכט נישט, מען געוווינט זיך צו. אַלעמאָל ווען איך קום
צוריק פון אַ רייזע, נעם איך אַ טרונק, דערנאָך רייס איך איבער.

דער באַלעבאָס האָט אויסגעשטעלט די געטראַנקען אויפן טיש
און איז אַוועק צוריק הינטערן ליאַדע.

— נו, לחיים — דער גאַסט האָט אויסגעטרונקען דעם קאָניאַק.

— איר ווייסט, כ׳בין זייער צופרידן צו זיצן מיט אייך און
שמועסן. איר זייט אַ מוזיקער, איר דערמאָנט מיר די אַרבעט אין
צירק. די פאָרשטעלונגען, רעזשין... געווען אַ גוטע צייט...

אַ רגע האָט ער זיך פאַרטראַכט און דערנאָך מיך אַ פרעג געטאָן:

— איר האָט געהערט פון רעזשין? זי האָט געאַרבעט אויפן טראַפּעז, אונטערן קופּאָל. נישט געהערט פון איר? איר זענט קיינמאָל נישט געווען אין צירק? בעת איר אויפטריט פלעגט מען אַראָפּנעמען די נעץ. זי האָט מורא געהאַט. איך האָב געוווסט דערפון, אַז זי האָט זיך געשראָקן, אָבער די נעץ פלעגט מען אַראָפּנעמען.

— שטעלט זיך פאָר, גלייך ווי איך בין אַהערגעקומען, האָב איך באַקומען אַרבעט אין צירק אַלס סדרן, נישט אויפן זאַל, נאָר אויף דער אַרענע. פאַר יעדן אויפטריט לויפן אַרויס אויף דער אַרענע פיר מאַן אין אוניפאָרמען, פאַרשאַרן דעם זאַמד, גלייכן אויס דעם טעפּיך און שטעלן אויס די מכשירים. איך בין געווען איינער פון די פיר. ווי אַ נייער מענטש אין לאַנד, האָב איך גאַנץ גוט פאַרדינט, אָבער שטאַרק צופרידן פון דער אַרבעט בין איך נישט געווען. איר ווייסט דאָך — מען דאַרף זיין צוגעוווינט צו די הינטער־קוליסן. מען דאַרף קאָנען צושמייכלען, אונטערפאָרן מיט אַ זיס וואָרט. אָנרעדן אויף עמעצן וואָס אין דער קאָרט. איך האָב זיך ביז היינט דאָס נישט אויס־געלערנט. כ׳האָב געאַרבעט און זיך געסטאַרעט נישט צו קריכן צופיל אין די אויגן. געענדיקט די פאָרשטעלונג, האָב איך אויסגעטאָן דעם מונדיר און — שלום על ישראל...

דער באַלעבאָס איז געווען פאַרנומען ביים שווענקען די גלעז־זער אונטערן קראַן. פון צייט צו צייט איז עמעץ אַריינגעקומען, עפּעס אויסגעטרונקען שטייענדיק ביים בופעט, באַצאָלט דאָס קליינגעלט, און אַרויס צוריק. ביי די פאָר טישלעך איז קיינער נישט געזעסן אויסער מיר און דעם יונגנמאַן. כ׳האָב געווּיכערט זיינע פּאַפּיראָסן און צווישן איין זופּ ביר און דעם אַנדערן זיך דערוווסט פון אים, אַז צירק־אַרבעט איז נישט קיין יידיש פאַך. די בעסטע זשאָנגלערן זענען איטאַ־ליענער. אַקראָבאַטן קומען פון פראַנקרייך. אַ שווער אַרבעט גוט אויפן רעק, דייטשן דרעסירן אויסערגעוויינלעך חיות. דער גאַסט האָט זיך אַליין אַריינגעצויגן אין זיין גערייד וועגן צירק, וועגן אַרטיסטן, וואָס טעג פאַרן אַוועקפירן אים:

זענען געקומען און אַוועקגעפאָרן, וועגן קלאָונען, וואָס האָבן געמאַכט לאַכן און אַליין, פאַר זיך, קיינמאָל נישט געלאַכט. פון אַ מאַדאַם קרויגער, וואָס פלעגט מיט איין שמייכל פאַרטרייבן די לייבן צוריק אין שטייג. ער האָט פאַר דער צייט פון אונדזער זיצן צוזאַמען געהאַט באַקומען פון באַלעבאָס נאָך אַ פאָר באַשטעלטע קאָניאַקס. נאָך יעדן אויסגעטרונקענעם גלעזל האָט זיך זיין דערציילונג אַלץ מער און מער אויסגעמישט און זיך צוריקגעקערט צו אַ רעזשין, וואָס האָט געאַר־בעט אויפן טראַפּעז און אַ געוויסן קלאָד וואָס ער ווייסט נישט גענוי זיין אַפּשטאַם, אָבער איינס איז זיכער, קיין ייד איז ער נישט געווען. יענער האָט געהאַט אַ געמיינזאַמען נומער מיט רעזשין אויף די וועגע־לעך, גאָר הויך, אונטערן סאַמע קופּאָל.

ער האָט ווייטער געצויגן:

— צום סעזאָן האָט מען זיי ביידן אַנגאַזשירט פון דער שווייץ. רעזשין האָט מיר דערנאָך דערציילט, אַז זי מיט קלאָדן זענען צוזאַ־מען אויפגעטראָטן עטלעכע סעזאָנען אין אייראָפּע. זי האָט זיך אין צירק אויסגעהאָדעוועט. איר פאָטער איז געווען לאַנגע יאָרן אַ קלאָון. גע־אַרבעט ביי ציניזעלי. די דייטשן האָבן אים פאַרשלעפּט פון פּאַריז. די מאַמע איז איר פרי אָפּגעשטאָרבן. נאָכן פאָטערס פאַרשווינדן האָבן זיינע פריינד אַריבערגעפירט רעזשין קיין בריסעל. דאָרט האָט מען זי אויסבאַהאַלטן אין אַ באַלאַגאַן, וואָס איז געשטאַנען בעת דער אָקופּאַציע נעבן גאָר די מידי. די קאָרטן־טרעפּערקע האָט איר אָנגעטאָן אַ צלם אויפן האַלדז. אַזוי האָט זי זיך געראַטעוועט. רעזשין האָט געוווּסט אַז זי איז אַ יידישע. ערשט קומענדיק אַהער, דערזעענ־דיק די פאַרמאַכטע געשעפטן אין תל־אביב שבת און נישט זונטיק, און דערוויסנדיק זיך די סיבה דערפון, האָט זי זיך אָנגעהויבן דער־מאָנען, אַז ס׳איז געווען אַזאַ טאָג אין יאָר, וואָס דער פאָטער פלעגט נישט אויפטרעטן, נישט עסן, און זי פירן ערגעץ אין אַ טונקל הויז אויף בעלוויל, צווישן פאַרזאָרגטע מענטשן, איינגעהילטע אין ווייסע טישטעכער, קאָמיש, נישט אמת? אַזוי האָט זי דערציילט. דער־נאָך האָט זי מיר דערציילט, אַז איר פאָטער האָט איר געזאָגט אַ פּאָר

טעג פאַרן אוועקפירן אים:

Mon enfant! Ne dis à personne que tu es Juive...

איר פאַרשטייט? ניין? ער האָט איר געזאָגט: מײַן קינד, זאָג נישט קיינעם אַז דו ביסט אַ יידישקע...

אָבער מיר, דעם ערשטן האָט זי עס געזאָגט. איר ווייסט פאַרוואָס? איר וועט אפשר נישט גלויבן אָבער אַזוי איז עס. זי האָט געוואָלט בלײַבן דאָ ביי אונדז. אײנמאָל נאָך אַ פאַרשטעלונג האָט זי זיך אָפּגערופן צו מיר: ווייסט, מילאַש, אַז מען דערגייט נישט אין צירק ביז דרייאונצוואַנציק יאָר צו אַ טאָפּלטן סאַלטאָ מאָרטאַלע דאַרף מען וואַרפן דאָס פאַך. דאַכט זיך כ'האָב אָנגעהויבן מורא האָבן. ווען אַן אַקראָבאַט הויבט זיך אָן שרעקן, מוז ער איבעררייסן מיט דער אַרענע. און נאָך אַלעם — איז דען מײַן פאָטער געווען אַ גנב, איך זאָל אים אַ גאַנץ לעבן דאַרפן פאַרשווייגן? זי האָט געוואָלט דאָ בלײַבן און זיך איבערוואַרפן אויף אַ גימנאַסטיק־לערערין.

נאָך דעם שמועס בין איך אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, אַלץ געטראַכט ווי און וואָס. פּלוצים האָב איך זיך געכאַפּט, אַז ס'איז דאָך די גרעסטע נאַרישקייט פון מיר צו אַרבעטן אַלס סדרן. איך קאָן שפּראַכן, ווייס ווי אומצוגיין מיט מענטשן, פאַרוואָס זאָל איך נישט פּרוּוון גיין אַרבעטן אין גרויסן האָטעל „השרון", וואָס ביים ברעג ים? און פאַר זיך אַליין האָב איך מיך געשעמט מודה צו זײַן, אַז אַלע מײַנע פּלענער קומען צוליב רעזשין, כ'האָב נאָך דעמאָלט נישט געוואָגט איר צו זאָגן, אַז כ'האָב זי ליב, אַז איך גיי אויס נאָך יעדן שמייכל, איר יעדן פלאַטער אויף דער אַרענע.

אין אָוונט. דער צירק איז פול באַזעצט. אַלע ליכטער אָנגעצונדן. דער אַרענע־דירעקטאָר זאָגט אָן דעם אויפטריט פון רעזשין און קלאָד. דער אָרקעסטער שפּילט אַ טוש. ביידע לויפן אַרויס אויף דער אַרענע. אָוואַציעס. זיי פאַרנויגן זיך. רעזשין וואַרפט לופט־קושן צום עולם. האָט איר ווען ס'איז נאָכגעפאָלגט די שיינקייט פון אַן אָנגעשפּאַנטן, יונגן גוף, וואָס האָט נישט אויף זיך קיין איין גראַם איבעריק שטיקל פליש? איר האָט געדאַרפט זען רעזשין ווען זי

פלעגט זיך בלויז מיט די הענט אַרויפּציען אויפן שטריק ביז צום וו׳גלע.

זי האָט דערביי געשמייכלט. דער שמייכל איז שטענדיק גע־פאַלן נעבן מיר. און אפשר האָט זיך עס מיר געדוכט, ווייל איך פלעג אַלעמאָל האַלטן פאַרריסן דעם קאָפּ צו איר ביז זי האָט נישט געענדיקט איר נומער.

איינמאָל רופט מיך צו זיך דער דירעקטאָר. אַזוי און אַזוי. דער גאַנצער צירק רעדט וועגן דעם. ער וועט נישט דערלאָזן צו סקאַנדאַלן. זי איז אַן אויסלענדערין. ער מוז אָפּהיטן דעם כבוד פון דער אונטערנעמונג. מען זעט אונדז צופיל צוזאַמען. און בכלל, מיר יידן פאַרמאָגן נישט דאָס געפיל פאַר דיסטאַנץ. יעדער דאַרף וויסן זיין פּלאַץ. און דאָס וויכטיקסטע — קלאָד האָט קאַטעגאָריש גע־מאָלדן, אַז ער וועט עס נישט דולדן. מיין נאָכקריכן רעזשין מאַכט אים נערוועז. דאָס שטערט אים אין די אויפטריטן.

דאַן האָב איך פאַרשטאַנען די סצענע אין גאַרדעראָב צווישן קלאָד און רעזשין, מיט אַ פּאָר טעג פריער. קלאָד האָט זיך שיעור נישט געוואָרפן אויף רעזשין, ער איז געווען זייער אויפגערעגט און זיך געזידלט מיט די ערגסטע ווערטער. כ׳האָב אַליין געהערט ווי ער האָט געשריגן צו איר — סאַל זשואיף.*) ווען ער איז אַרויס פון דאָרט איז רעזשין געבליבן זיצן מיטן קאָפּ פאַרגראָבן איןביידע הענט. זי האָט זיכער געוויינט. אירע אַקסלען האָבן געצוקט. כ׳האָב עס אַלץ געזען דורכן לייוונטענעם ווענטל פון גאַרדעראָב. געוויס האָט זיי געבונדן עפּעס מער ווי דער געמיינזאַמער אויפטריט. כ׳האָב עס פאַרשטאַנען און איר מוחל געווען. כ׳האָב זי ליב געהאַט.

אַ וואָך צייט פאַרן ענדיקן דעם פּראָגראַם האָבן שוין אַלע געוווּסט, אַז רעזשין פאָרט נישט צוריק. זי וויל זיך איינאָרדנען אין לאַנד. קלאָד איז אומגעגאַנגען פינצטער און פאַרביסן. ער האָט מיט קיינעם נישט גערעדט, אפילו נישט מיט רעזשין.

אין אָוונט פון דער געזעגענונגס־פאַרשטעלונג זאָגט מיר רעזשין: מילאָש, מאָרגן הויב איך אָן אַלץ פונדאָסניי. זאָל מיר אַמאָל נישט

*) שמוציקע יידישקע.

פאַרדריסן אויף דער עקשנות דאָס צו ווען... כ'האָב איר געוואָלט ענטפערן, אַז כ'וועל אַלץ טאָן ס'זאָל איר נישט פאַרדריסן אויף דעם, אַז איך גיי אויך אַוועק פון צירק צו אַן אַנדער אַרבעט. כ'וועל זי נישט פאַרלאָזן אויף איין טאָג אפילו. איך בין שוין געווען גרייט איר צו זאָגן; אַז אַלע מיינע געדאַנקען זענען געבונדן מיט איר, אַז כ'האָב זי ליב און אויב זי וועט מסכים זיין... נאָר אין דער רגע איז אַריינגעקומען קלאָד אין דער גאַרדעראָב. ס'קאָן זיין, אַז מען האָט געקאָנט דאַן אַראָפּלייענען פון מיין פּנים, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, ווייל קלאָד האָט מיך מאָדנע אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט מיך געזען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן. דערנאָך האָט ער זיך גוט איינגעקוקט אין רעזשין. כ'בין אַרויס פון גאַרדעראָב צו מיין אַרבעט.

כ'בין געשטאַנען נעבן אַריינגאַנג צו דער אַרענע, מיט אַ פּאַר־ריסענעם קאָפּ אינדערהויך. רעזשין איז געזעסן אויפן וויגעלע און זיך געגרייט צום געמיינזאַמען נומער מיט קלאָדן, צו דעם האָט זי אָנגעטאָן אַ ספּעציעל־צוגעגרייטן גאַרטל, זיך אויפגעהאָנגען אויף די הענט, און פריי זיך פונאַנדערגעוויגט. קלאָד האָט זיך אויפגעהאָנגען אויף זיין וויגעלע פאַר די פיס, זיך פונאַנדערגעוויגט אין דער ריכ־טונג צו רעזשין און זיך איינגעביסן פון הינטן אין דעם גאַרטל. רעזשין האָט אָפּגעלאָזט איר וויגעלע און געבליבן הענגען אויפן גאַרטל אין זיינע ציין. אַ צעשמייכלטע האָט זי, ווי אַ מעווע, גע־שוועבט איבער דער אַרענע.

דערנאָך איז זי געלעגן אויף דער אַרענע מיט איין באַק צו־געדריקט צום זאַמד, די הענט צעשפּרייט, ווי זי וואָלט באַלד זיך לאָזן ווידער אין פלי...

פון זיך אַליין האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט:

— וואָס איז געשען? איך פאַרשטיי נישט...

דער יונגערמאַן האָט גלייך נישט געענטפערט, די האַנט האָט ביי אים געציטערט און ער האָט זיך געמאַטערט אַרויסצונעמען אַ פּאַפּיראָס פון שאַכטל. כ'האָב אים אונטערגעטראָגן פייער.

— איר פאַרשטייט נישט? קיינער פאַרשטייט נישט, בלויז איך איינער פאַרשטיי עס. קלאָר האָט געטענהעט, אַז ס'איז געווען אַן אומגליק־פאַל, דער גאַרטל האָט זיך אַרויסגעריסן ביי אים פון מויל, אָבער איך האָב געזען. כ'האָב אַלץ געזען. אַ סעקונדע האָט עס געדויערט, אָבער איך האָב געזען...

דער גאַסט האָט זיך פאַרצויגן מיטן פאַפּיראָס. אַ רגע געטראַכט וועגן עפּעס און גערעדט ווי צו זיך:

— מען מאַכט מיך פאַר משוגע; איך געזעגן זיך אויף נישט צוריקצוקומען, און קום דאָך צוריק. זיכער געזעגן איך זיך אויף נישט צוריקצוקומען. ווּעמען האָב איך דאָ? וואָס בינדט מיך דאָ, אויסער רעזשינס קבר אין קרית שאול? צוליב דעם בין איך דאָך אַוועק אויפן שיף אַרבעטן און נישט אין „השרון", כדי איך זאָל קאָנען פונדאַנען אַוועק. מיט מיינע קאַפּיטאַלן האָב איך דאָך קיין אַנדער וועג נישט געהאַט...! אָבער ווען איך גיי אין מאַרסעל איבער קאַניבער אָדער אין גענואַ אויף דער וויאַ ראָמאַ און איך קוק זיך צו צו די פּנימער, זע איך אין יעדן פון זיי אַ קלאָר. יענער איז אויך געווען זייער העפלעך צו מענטשן; אָבער אין דעם מאָמענט ווען עפּעס איז אים נישט נאָכגעקומען... דערפאַר קום איך צוריק, און דוכט זיך, אַז כ'וועל מער נישט פאָרן...

ווען כ'האָב ביים מיטאָג דערציילט מיין פרוי וועגן דער באַגעגעניש מיט דעם מאַטראָס, האָט זי מיך אינגאַנצן מבטל געמאַכט:

—כ'וויס דאָרט, דיינע מעשיות... עפּעס אַ שיכור איז געווען אומעטיק אַליין צו טרינקען, האָט ער דיך געפונען.

כ'האָב געוואָלט איר דערווייזן, אַז ס'איז נישט אַזוי, נאָר כ'האָב נישט געפונען דערצו די געהעריקע ווערטער. עפּעס האָב איך דווקא יאָ געפילט, אַז כ'דאַרף מיין פרוי זאָגן אַזוינס, וואָס זאָל איר כאָטש אַ ביסל אויפרודערן, ווי מיך, בעת איך האָב געהערט יענעמס דערציילונג, אָבער ס'איז ביי מיר נישט געגאַנגען. שוין עטלעכע מאָל ווי זי האָט מיך געפרעגט וואָס טראַכט איך וועגן פאָרן; אָבער איצט, פאַר יום־טוב, אין הויך־סעזאָן, ווען ס'קומען אַן טויזנטער טוריסטן

און מען פֿאַרדינט געלט, האָט מען צייט צו טראַכטן וועגן עפּעס?

דערווייל האָב איך איינגעמאָנטירט טונקל־בלויען נעאָן־ליכט אין נייעם אַקאָרדיאָן. כ׳האָב זיך אָנגעהויבן צוקוקן צו אונדזער הימל נאָכן אַרויסגיין פֿון קאַפּע אויפֿן וועג אַהיים, און כ׳האָב אים ליב באַקומען, דערהויפּט אין די העלע נעכט. דערפֿאַר האָב איך אויסגעקליבן אָט דעם קאָליר.

פארשפעטיקטע בלומען

פאַרשפּעטיקטע בלומען

— וויפל קאָסטן די גלאַדיאָלן?

— אַ האַלבן פונט אַ שטיק.

— אַזוי טייער?

— בלומען זענען ערב ראש־השנה אַלעמאָל טייערער. איר׳ט קומען צו מיר נאָך יום־טוב, וועל איך לייזן דרייסיק פּיאַסטער אַ שטיק.

דער כרמל־מאַרק איז פול געווען מיט קונים. די זון האָט צע־גליט די פאַרבן פון דער פונאַנדערגעלייגטער סחורה אויף ביידע זייטן מאַרק־געסל. אַלץ אַרום האָט אויסגעזען בונטער, שרייאיקער. בינטלעך רויזן האָבן געבלוטיקט אין דער היץ, געררייצט די באַיאַר־טע קויפער מיט זייערע האַלב־צעעפנטע מיילעכלעך, ווי ביי מיידל־קינדער. פרויען זענען געשטאַנען איבער אַ גרויסן בעקן פיש. די פיש האָבן זיך געשאַרט אַרום די ווענט פון דער בלעכענער תפיסה, געזוכט ווי אַנטרונען צו ווערן פון די ווייבערישע הענט, וואָס האָבן תאווהדיק געזונקען אין וואַסער, כדי איינצוקלעמען אין די גיריקע פינגער אַ וואָס גרעסערן פיש. אַ הענדלער מיט פרויען־ווערש האָט אַנגעוואָרפן זיין קופּע סחורה אויפן טראָטואַר און מיט צווייידייטיקע רמזים, ביים געלעכטער און איבערווינקעריי פון די אַרומשטייענדיקע פּרוכט־און גרינס־סוחרים, גערופן די ווייבער עפּעס קויפן. מיידלעך האָבן געצויגן אין דער ברייט די קאַלאָשעס פון די פאַרביקע אונ־טערהויזן, געפרוווט די שטאַרקייט פונעם טריקאָטאַזש. אַנדערע האָבן צוגעמאָסטן צו זייערע טאַליעס ווייסע אונטערדרעקלעך. די שאָפערן פון דער דאַנעבנדיקער טאַקסי־סטאַציע האָבן זיך געקלאַפּט איינער

דעם אַנדערן אויף די אַקסלען, געקייכט פון געלעכטער, נאָכגעשריגן די פרויען, פאַרגעלייגט זייער הילף ביים מעסטן. דער גאַנצער מאַרק, אַ צעגליטער פון זון און גלוסטונג האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ הכנה צו אַ נאָכטיקער הילולא מיט ווײַן און קושערייען, איידער צו דעם קבלת פּנים פון דער אָנקומענדיקער ראָש־השנה פאַרכטיקייט.

— נו, גוט, גיט מיר דרײַ גלאַדיאָלן.

— אין אַ שיינעם בוקעט גייען פינף, נאָר אויב איר ווילט דרײַ...

דער קונה האָט אָנגעקוקט די שטאָלצע, שלאַנקע גלאַדיאָלן. קויפן דרײַ אָדער פינף? ער האָט זיך דערפילט אַ ביסל בטל קעגן זיי מיט זײַן פּונטיקער שפּאַרזאַמקייט, וואָס ס'האָבן אויף אים אַרויפּ־געצוווּנגען זײַנע קנאַפּע פּאַרדינסטן. ער האָט אָפּגעווענדעט זײַן בליק צו אַ דערבײַ־שטייענדיקן קרוג מיט רויזן.

— איר ווילט אפשר די רויזן? אָבער זיי האָבן קורצע עקן, ס'איז נישט פאַר אַ ראָש־השנה בוקעט.

— ניין, ניין... גיט מיר די גלאַדיאָלן, פינף גלאַדיאָלן.

דער מאַרק־רעש האָט אים נאָכגעפאָלגט ביז צו דער אויטאָ־בוסן־סטאַציע. ס'זענען אים געשטאַנען אין די אויערן די געשרייען, דער געלעכטער, דער ירידישער הו־האַ. ער האָט לאַנג געוואַרט אויף דעם אויטאָבוס, וואָס שנײַדט דורך די הויפּט־גאַס, ביז צום אָפּגעלע־גענעם שיכון אין דער אַנדערער זײַט תּל־אָביב. אין אַ וואָכן־טאָג וואָלט שוין לאַנג זײַן געדולד זיך געבראָכן אין תּרעומותדיקע שפּליטער־מחשבות וועגן די שוועריקייטן פונעם היגן לעבן; אָבער הײַנט איז ער רויק געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָנעם בוים בײַ דער סטאַציע און נאָכגעפאָלגט דעם מענטשן־געווימל. ס'האָט זיך אים געוואָלט, איידער ער גייט אַהיים, זיך צוריקקערן צו דער שטילער, האַרבסטי־קער לופט פונעם ערב־יום־טוב אין זײַן שטעטל, צו דער טונקלקייט פון זײַן טאַטע־מאַמעס שטוב אין אַ זײַטיק געסל, נישט ווײַט פון בית־מדרש. די גאַס אַרום האָט געשריגן מיט אויטאָ־קלאַקסאָנען און געפלוידערט דורך צענדליקער מײַלער, און ער איז געשטאַנען ביים בוים אַ פאַרקלערטער אין זײַן אייגן וועלטל, וואָס פלעגט אים

געוויינלעך אַריינגעמען אין זיך פאַר יעדן יום־טוב אָדער אַמאָל בעת אַ שבת־טאָג.

ווער האָט דען אין שטעטל געוווסט פון קויפן בלומען אויף ראש־השנה? עפּעס נישט קיין יידישער מנהג. דער מאַרק איז אויך נישט קיין יידישער. אַמאָל איז אַלץ צוגעגאַנגען אַזוי געמיטלעך, באַשיידן. און דאָ — ווי עפּעס אַ קריסטלעכער ניי־יאָר — מיט פאַר־שייטקייט, מיט געלעכטער. שטעטלשע באַלעבאַטים האָבן געדאַרפט זען רב חיים־מירמעס זון מיט די בלומען אין האַנט...; נו, דאָס איז דאָך אַ קלייניקייט. זיי האָבן אים געדאַרפט בעסער זען מיט ראָמען דעם וואַלד־וועכטערס טאָכטער, אַלס אַ ווייב. וועגן טאַטע מאַמע איז דאָך אָפּגערעדט, אָבער די איבעריקע — וואָס וואָלטן זיי געזאָגט? נאָר דוכט זיך, זיי וואָלטן גאָרנישט געזאָגט. נאָך דעם אַלעם וואָס איז אַריבער, רעדט מען שוין גאָרנישט. און אפשר, זיין גמרא מלמד, רב נחומל, וואָלט יאָ גערעדט. רב נחומל, ווען ער בלייבט לעבן, וואָלט אים מסתמא אָפּגעוואַרט אין בין־השמשות, אויפן וועג צום בית מדרש, און קייכנדיק זיך מיטן ביליקן סיגאַרעטל, וואָלט ער אַריינגערעדט אין אים — לייבל, ס'איז נישט פאַר דיר, איך זענט צוויי פאַרשידענע עולמות. אמת, זי האָט דיך טאַקע געראַטע־וועט, איינגעשטעלט דאָס לעבן פאַר דיר, אויסבאַהאַלטן דיך אין וואַלד, אָבער ס'פּאַסט זיך נישט, עס פעלט דאָ דער זיווג, אַ פּנים ס'איז נאָך ווייניק וואָס זי האָט געענדיקט די גימנאַזיע אינעם כרך, וואָס זי איז אַן איידעלע און וואָס עס בינדט אייך אהבה בלב ובנפש. אפילו זי זאָל זיך מגייר זיין, וועט שטיין צווישן אייך אַן אייביקע וואַנט, ווייל דו שטעקסט צופיל אין יידישקייט. אָבער רב נחומלען האָבן די דייטשן געהרגעט צוזאַמען מיט טאַטע מאַמע, און זיי ווייסן נישט, אַז אַזוי ווי ער איז אַריין אין וואַלד מיט גאָט, אַזוי איז ער אַרויס פון דאָרט אַן אויסגעהוילטער, ווי דער אַלטער שטאָם איבער זיין באַהעלטעניש, פון יעטוועדער אמונה. ראָמע האָט געטראָגן עסן, פאַר־שאַפט אים אַ פעלצל און אים דערפירט צו דערקענען דעם זיסן פיין פון פאַרבאָטענע קושן. ווען ראָמע איז געבליבן אַליין, נאָך דעם

ווי די דייטשן האָבן געשאָסן איר טאַטן פֿאַר איבערגעבן ידיעות די פּאַרטיזאַנער, האָבן זיי ביידע געוווּסט, אַז דער געמיינזאַמער עלנט פֿאַרבינדט זיי שטאַרקער ווי די זומערדיקע אומאַרמונגען.

ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויפֿן בוקעט, אַ פֿאַרוויקלטן אין אַ ווייסן, זיידיקן פּאַפּיר, און געשמייכלט צו זיך אַליין — ראַמע זאָגט, אַז אין רוים דאַרף מען לעבן ווי אַ רוימער, אָבער וואָס קאָן מען טאָן, אַז עס גייט אַמאָל אַ צי צוריק אין שטעטל, צום קילן אלול, צו דער שטילקייט, אין אויסגעזשומטער פֿון די לעצטע ראָש־השנה פֿליגן אונטערן היימישן פּולאָפּ...

אין אָנגעפּאַקטן אויטאָבוס האָט ער זיך געהאַלטן מיט איין האַנט אינעם שטאַנג און מיט דער צווייטער האָט ער הויך אויפֿגעהויבן די בלומען, מען זאָל זיי נישט צעברעכן. שכנים פֿון שיכון האָבן אים אָפּגעגעבן שלום, געקוקט מיט אָנערקענונג אויף זיין בוקעט. אַ פֿרוי, וואָס האָט אים געקענט פֿון די איינקויפֿן אין געמיינזאַמען שפּייז־קרעמל, האָט אים אפֿילו פֿאַרגעלייגט צו נעמען די בלומען אויף אירע קני, אָבער ער האָט העפֿלעך געדאַנקט און געהויבן נאָך העכער דעם בוקעט איבער קעפּ און אַקסלען. ביז צום אויסשטייגן פֿון אויטאָבוס האָט ער באַוויזן זיך אויפֿצומונטערן אַביסל און קומען צו פֿאַרשיי־דענע פֿריידיקע מסקנות — אמונה ווי אמונה, אָבער קיום האָט זיך זיין רעכט. מען דאַרף איינשפּאַנען ראַמען אין לעבן. זאָל זי אויפֿ־הערן לייענען אַזויפֿיל ביכער. מ׳דאַרף איר באַקענען מיטן לאַנד, באַווייזן איר דאָס טאָג־טעגלעכע. אַ שאָד וואָס זי איז נישט געווען אויפֿן היינטיקן מאַרק. דאָרט וואָלט זי ערשט דערזען ווי ווייט מיר זענען אַוועק פֿונעם שטעטל. און גענוג זיך געשפּילט אין ספֿקות. מ׳דאַרף זי צוגרייטן צום מגייר זיין און פֿאַרמעל חתונה האָבן. דער צושריפֿט אויפֿן תעודת עולה, אַז זי איז אַ ווייב, איז נאָך ווייניק זי צו דערנענטערן צו אונדז. זי דאַרף זיך אַביסל אָפּטונקען אין מסורת, ווי אין דער פֿאַר־חופּהדיקער מקווה. ס׳וועט קומען אַ קינד, זאָל עס שוין וויסן ווו עס געהערט.

דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין שיכון אַנטקעגנאיבער

דער אָפּענער טיר פונעם שפּייז־קרעמל. דער קרעמער האָט אים דער־זען בעתן אויסשטייגן און אים נאָכגעשריגן:

— אדון רובין, אדון רובין, אייער פרוי האָט נעכטן באַשטעלט חלה מיט ברויט אויף יום־טוב און נישט געקומען דאָס אָפּנעמען. איר ווילט זיין אַזוי גוט און עס נעמען אַהיים?

ער האָט געפונען די הויז־טיר פאַרשלאָסן. פאַרזיכטיק האָט ער אָפּגעלייגט די בלומען. דערנאָך די חלה און דאָס ברויט, אויף דער שאַפקע פאַר דער טיר, און זיך איינגעבויגן אַרויסצונעמען דעם שליסל פון דער אָפּגערעדטער באַהעלטעניש — אונטערן פיסל פון דער שאַפקע.

די שטוב איז געווען יום־טובדיק צוגערוימט. אויפן טיש דער ווייסער טישטוך. די ביכער אויפגעלייגט, אויסגעפּרעסטע סערוועטלעך אויפן רוקן פון דער סאָפע. ער איז אַריין אין קיך. די קיך איז אויך געווען אויפגערוימט, ווי נאָך מיטאָג. ס׳איז נישט געווען אין איר קיין שפּור פון צוגרייטונגען צום יום־טובדיקן אָוונט־מאָלצייט. אויס־געוואַשענע טעלער האָבן זיך געטריקנט אויף דער דראָטענער פּאָליצע. די מאַרמאָר־בלאַטן פון די קיך־שאַפקעס זענען עפּעס ווי גרעסער געוואָרן נאָכן אַראָפּנעמען פון זיי די טעפּ, די סלאָיען און די פלעשער. דער נאַקעטער, ברוינלעכער מאַרמאָר מיט די דורכגעצויגענע טונקעלע אָדערן, ווי מדבר־מאַפּעס, האָט געוואָרפן אַן אומעט אויף דער קיך. צום הענטל פון אייז־קאַסטן איז געווען צוגעבונדן מיט אַ פאָדעם אַ קאָנווערט.

— ראָמעס איינפאַלן, מן הסתם געוואָלט איך זאָל באַמערקן איר ניי־יאָר ווונטש, תיכף ווי כ׳וועל עפענען די שראַנק צו נעמען וואַסער... ער האָט גענומען דעם בריוו, אַריין אין צווייטן צימער, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע, און אויפגעריסן דעם קאָנווערט. די ערשטע פּאָר שורות זענען אים דורכגעלאָפן פאַר די אויגן, און ער האָט זיך געמוזט אומקערן נאָכאַמאָל פון אָנהויב, ביז צו דעם קעפּל „טייערער ליאָווע״, כדי זיך איבערצייגן צי דאָס געשריבענע איז טאַקע געווענדעט צו אים. ווי אַ באַרוועסער, וואָס שפּאַנט איבער אַ באָדן, אַ פאַרשאָטענעם מיט שאַרפע שטיינדלעך, האָט ער געהיי־

פּערט איבער די דראָבנע אותיות, געשריבן אין אַן אָפּגעווױנטן לשון, זיי האָבן אים געשטאָכן די אויגן און געשטערט דורכצוגיין גיך דעם אינהאַלט פונעם בריוו. ער האָט אָנגעהויבן לייענען לאַנגזאַמער:

„טייערער ליאָווע,

ווען דו וועסט לייענען מיין בריוו, וועל איך שוין נישט זיין אין לאַנד, כ׳בעט דיך, זאָלסט מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב אויסבאַ־האַלטן פון דיר מיינע כוונות און פּלענער. שוין דעם צווייטן היגן ניי־יאָר ווי מיר זענען דאָ. כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט געקאָנט פאַר־שטעלן ווי טיף איך שטעק אינעם ניי־יאָר מיט דעם יאָדלע־בוים און די דריי מלכים, מיט אַ סך שניי און שליטל־געקלאַנג. מיט קאַ־לענדעס און פּראָסט. האָסט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז מע קאָן זיך אָפּרייסן פון טראַדיציע. איצט פאַרשטיי איך, אַז דאָס איז אוממעגלעך, יעדער מענטש איז אַזוי פאַרוואָרצלט אין דעם, אַז ביים קלענסטן פּרווו אים אָפּרייסן, מוז ער וועלקן, סיידן מען פלאַנצט אים איבער; און דו, טייערער, האָסט מיך נישט איבערגעפלאַנצט. הלוואי וואָלסטו מיך אויסגעלערנט ליכט צינדן פרייטיק אין אָוונט, צו גרייטן אַ פּסח מאָלצייט, פאַרשטיין דעם באַדייט פון די פייערונגען. דיין צו־נויפמישן אַ פאַרלוירענעם גלויבן מיט דעם אָוועקגיין פון איינגעשטעל־טע מנהגים, האָט צעלייגט אַ פּוסטקייט צווישן אונדז. כ׳האָב זיך פאַר־לוירן אין דער דאָזיקער פּוסטקייט. גלויב מיר, איך בין נישט באַ־ווירקט פון דעם זייער באַשיידענעם לעבן. האָבן מיר דאָך שוין שווע־רערע צייטן געהאַט. ס׳איז בלויז דאָס, וואָס איך אָטעם נישט די לופט פונעם לאַנד. דעם באַשלוס אָוועקצוגיין האָב איך שוין אָנגענומען גאַנץ לאַנג. די מיסיאָן און דער קאָנסול האָבן מיר געהאָלפן פאַר־ווירקלעכן די רייזע צוריק. מיין אַפּפאַר איז געווען באַשטימט אויף אַ חודש שפּעטער אָבער היינט גייט גראַד אָפּ אַ לאַסט־שיף פון פּאַרט און כ׳האָב זיך אָנגעבעטן מען זאָל מיך מיטנעמען. ס׳איז בע־סער אַזוי. דאָס זיין דאָ אינעם ניי־יאָר, וואָלט מיך אינגאַנצן צע־

דער וועג קיין סדום

בראַכן דורך דער בענקשאַפט צו די וויטע, אייזיקע זכרונות פון אָט דעם טאָג.

פאַרשטיי אוןף פאַרגיב,

ראָמע."

אין דרויסן האָט שוין געטונקלט. פון שכנותדיקע פענצטער האָבן געלויכטן אָנגעצונדענע ליכט. ער איז געזעסן אַן איינגעבוי־גענער מיט די הענט פאַרקלעמט איינע אין דער אַנדערער. דער בריוו איז געלעגן ביי זיינע פיס. די פאַרשפּעטיקטע בלומען האָבן געגוססט אויף אַ ברעג טיש אין תכריכים פון ווייסן, זיידיקן פּאַפּיר.

וויסע הייזער

ווייסע הייזער

I

אַנזשעלאַ איז געלעגן אין בעט און געבלעטערט אַן אַלטן קינאָ־זשורנאַל. אַזוי ווי זי האָט נישט געקאָנט לייענען, האָט איר נישט געשטערט דאָס שוואַכע ליכט אין צימערל. זי האָט נאָכאַמאָל אויפגעמישט דאָס זייטל מיט סילוואַנאַ פּאַמפּיניניס קאָלירטן פּאָטאָ, זיך צוגעקוקט עטלעכע רגעס צו איר קורצן נעזל מיט די חוצפּהדיקע אויגן און אָוועקגעלייגט דעם זשורנאַל אויפן בענקל, ביים בעט. דער־נאָך האָט זי זיך אויפגעזעצט, אַראָפּגעשטעלט די באָרוועסע פיס אויפן שטיינערנעם דיל און געזוכט מיט די פוס־טריט אירע שטעק־שיך. אויפן וועג צום פענצטער האָט זי אָנגעטאָן דעם מאָרגן־ראָק. אַנזשעלאַ האָט אַרויסגעקוקט אין דרויסן. דער אָוונט האָט זיך, ווי אַ קאַץ, אונטערגעגנבעט און אַ שפּרונג געטאָן אויפן אַלטן צעוואָר־פענעם בלאָק הייזער, וואָס ביים יפוער פּאַרט. די טונקלקייט האָט זיך אַריינגעדרייט אין די שמאָלע קאָרידאָרלעך צווישן די געוועלבטע דורכגענג, און אַרויסגעקוקט מיט צוויי עלעקטרישע גאַסן־לאָמטערנס אויף דעם ברייטן וועג צום זייגער־טורעם אויף בוסטרוס.

— אַנזשעלאַ!

— תיכף...

אַנזשעלאַ האָט זיך געלאָזט צו דער טיר. זי האָט איטלעך מאָל פון דאָס באַוווּנדערט אייזיקס פעיקייט אַרויפצוגיין אויף די סקריפּע־דיקע טרעפּ אַזוי, מען זאָל נישט הערן קיין שאָרך. ביים בולגאַר אין קאַפע האָט מען געשמועסט, אַז אייזיק פלעגט זיך אַמאָל מאַכן

אַ „ספּאָרט" און אויסרוימען אַ שטוב אין מיטן טאָג; נאָר נאָכן לאָגער איז עפּעס קאַליע געוואָרן ביי אים. צי ער האָט באַקומען אַ קלאַפּ פון אַ דייטש, אָדער ער איז סתם עלטער געוואָרן; אַזוי צי אַזוי, ער האָט עס מער נישט געפּרוווט. אָבער אונטערקומען אויפן גאַס אַ מענטשן, יענער זאָל נישט וויסן פונוואַנען, און אים אַ שעפּטשע טאָן: יש בחורה פרימא, שבע עשרה שנה... — די קענט־שאַפט איז אים געבליבן, נישט רעכענענדיק די פעיקייט צו שניידן אַ טאַליע קאָרטן אַזוי, ס'זאָל אַלע מאָל אַרויסגיין אַ צענטל מיט אַ טויזביים שפּילן אין איינאונצוואַנציק. אייזיק איז געווען אַנזשע־לאָס „בחור". פריער האָט זי געהאַט פּאָר אַ בחור זשאַקן. נאָר יענער האָט זי אָפּגעטראָטן אייזיקן פּאָר דריי הונדערט פונט מיט אַ זייגערל אַ צולאָג. זשאַק איז אַוועק אין חיפה מיט אַן אַנדערער. אַנזשעלאַ איז געווען גאַנץ גליקגילטיק צום פאַקט פון אַריבערגיין „אַרבעטן" פּאָר אַן אַנדערן בחור. וואָס איז דער חילוק ווער עס ברענגט די געסט? בלויז אין די ערשטע פּאָר וואָכן פון איר באַקאַנטשאַפט מיט זשאַקן, ווען ער פלעגט זי נעמען אין קינאָ אויפן בייטאָגיקן סעאַנס און איר מכבד זיין מיט פאַלאַפעל, האָט אַנזשעלאַ נאָך געהאַט די אילוזיע, אַז עס גרייט זיך פּאָר איר עפּעס בעסערס, ווי שטיין האַלבע טעג אויף שיינקין־גאַס אין אַ פּאָר אויסגעדרייטע טופליעס, מיט נאָך אַ צענדליק פאַרשמאַדערטע מיידלעך און באַפאַלן יעדע פאַרבייגייענדיקע דאַמע — אפשר דאַרף זי אַן עוזרת.

ווען זשאַק האָט איר געקויפט די ערשטע פּאָר ניילאָן־זאָקן, האָט זי זיך אפילו פונאַנדערגעוויינט פון פרייד. זי האָט מורא געהאַט זיך צוצורירן צו זיי, אַזוי דין זענען זיי געווען. זשאַק האָט איינגע־דרייט איין זאָק ווי אַ בייגל, און איר באַוויזן ווי עס אַרויפצוציען אויפן פוס. צום ערשטן מאָל אין איר לעבן האָט זי נאָכגעפּאָרשט צי די נאָט פון אַ זאָק ליגט ריכטיק אויפן פוס און געטראַכט דערביי, אַז זי וועט שוין מער קיינמאָל נישט קאָנען גיין צוריק אין דער מעברה, — ווו־ינען אינעם צעריסענעם געצעלט מיט די אַכט פונאַנ־דערגעשטעלטע שמוציקע בעטלעך, וואָס דער טאַטע פאַרטשעפּעט זיך

שטענדיק אָן זיי, ווען ער קומט אַ שיכורער אַהיים און געוואַלדעט־
וועט מען זאָל זיי אָפּשיקן צוריק קיין פעז, ווייל דאָרט קאָסט אַראַק
ביליקער.

אָבער איצט, אַז זי קאָן שוין נישט נאָר אָנטאָן אַ פּאָר זאָקן,
נאָר אויך גיין גלייך אויף הויכע קנאָפּל און וויגן דערביי מיט די
היפּטן, אַ גאַס מענעדר זאָלן איר נאָכקוקן — איצט איז איר שוין געווען
אַלץ איינס, צי דאָס איז זשאַק אָדער אייזיק, וואָס היט זי זאָל
נישט כאַפּן אַ קלאַפּ פון אַ שיכורן גאַסט, שפּילט אין קאָרטן אויף
אירע פאַרדינסטן, און זאָגט איר צו חתונה האָבן גלייך נאָך דעם
ווי ער וועט באַקומען אַרבעט. כאָטש מיט זשאַקן האָט זי זיך
געפילט בעסער, אפילו מיט זיינע ליגנס, מיט זיין אויסנאַרן ביי
איר ביז אַ פּיאַסטער אויף צו פאָרן אין לוד זיך באַווייזן פאַר די
דאָרטיקע פראַנטן אין די אויסגעפּאַסטע קאָרדערוי־הויזן מיט דעם
געקעסטלטן העמד — עלעהיי בערט לאַנקאַסטער אין „די העלדן
פון אַריזאָנאַ”. זשאַק איז איר נאָענטער געווען. ער האָט געשטאַמט
פון מאַראָקאָ. און צו אייזיקן האָט זי זיך ביז היינט קוים צוגעוווינט.
קיין פראַנצויזיש קאָן אייזיק אינגאַנצן נישט. אינעם עברית מישט
ער אַריין יידישע ווערטער. אַמאָל איז אים פּשוט שווער צו פאַר־
שטיין; אָבער ער האָט זיך זיינע מעלות. אייזיק רייסט נישט אַרויס
ביי איר דעם לעצטן פונט. אָפט זאָגט ער אַליין, אַז מען דאַרף עפּעס
געבן אין שטוב. איין מאָל איז ראַשעל, די יונגערע שוועסטער, גע־
קומען מיט אַ געוויין — דער אבא האָט פאַרקויפט פאַר אַראַק די
טאַלאָנעס פון דעם מאַרגאַרין און דעם בוימל, די קינדער עסן טרוקן
ברויט. האָט אייזיק גלייך אַרויסגענומען אַ צענערל און דערלאַנגט
ראַשעלן. אַחוץ דעם האָט נאָך אייזיקס אַ וואָרט וואָס צו זאָגן איז
יפה. מען האַלט פון אים מער, ווי פון זשאַקן. זיינע אייגענע חברים
זאָגן אויף זשאַקן, אַז ער איז אַ „שוויצער” מיט זיינע קאָובאָיסקע
שטיוול און אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסן, בעת אייזיק האָט אַ צוטריט
אפילו צום סמל סירקיס, וואָס ווו נאָר אַ געשלעג, אַ גנבה, איז ער
דאָ דער ערשטער. אמת, נישט איינער פון דער חברה האָט זי שוין

געוואָרנט, אַז זאָל איר גאָט אויסהיטן אַריינצופאַלן אין אייזיקס הענט אויף אַ הייסער מינוט. מען האָט שוין געזען ווי ער האָט זיך אַמאָל אַ וואָרף געטון אויף אַרמאַנדן, ווען יענער האָט צו לאַנג געטאַשט די קאָרטן. חביבה, אַרמאַנדס בחורה, האָט איר אפילו געראָטן, אויב זי קאָן אָפּגעבן אייזיקן די דרייהונדערט פונט און זיך אויסקויפן פון אים, וואָלט דאָס זייער גוט געווען, ווייל פון אַ „שכינאַזי" איז אַלץ צו דערוואַרטן; אָבער ווער קאָן טראַכטן וועגן דעם, אַז אייזיק האָט איר שוין פאַר דער צייט אָנגעקויפט אַ האַלבן טוץ אונטער־וועש, צוויי קונסט־זיידענע רויטע רעקלעך, עטלעכע פאָר טופליעס און אַ ברייטן וואָלענעם מאַנטל מיט אַ גלאַזערנעם קנאָפּ ביים האַלדז, וואָס אין דער מעברה לויפט מען איר נאָכקוקן אויפן ווונדער. ווער ווייסט וויפל געלט זי קומט אים. זי דאַרף גאָר זיין צופרידן אַז ער מאַנט ביי איר נישט און גיט איר נאָך צו געלט פאַרן פריזירער.

אַנזשעלאַ האָט געמאַכט ליכט און געעפנט די טיר. איידער אייזיק איז אַריין אין צימער, האָט ער אַ פרעג געטאָן אויף שטום־לשון: איז עמעץ פאַראַן?

— ניין, ס'איז נאָך קיינער נישט געווען, קאָנסט אַריין.

אַזוי ווי אַנזשעלאַ האָט שוין געהאַט אירע שטענדיקע „געסט". וואָס האָבן נישט געדאַרפט מער אָנקומען צו אייזיקס רעקאָמענדאַ־ציעס, איז ער גלייך צוגעגאַנגען צום בעט און אַ הויב געטאָן דאָס קישן — אפשר ליגט דאָרט געלט.

— וואָס זוכסטו? כ'האָב דיר געזאָגט, אַז ס'איז נאָך קיינער נישט געווען. כ'בין געלעגן אין בעט, דערפאַר איז עס צעוואָרפן.

— ווער זוכט? איך האָב געוואָלט זען צי כ'האָב נישט אַמאָל איבערגעלאָזט אונטערן קישן דעם רופּצעטל פון מיליטער. איך דאַרף גיין אין אַ פאָר וואָכן אַרום אויף מאַנעווורעס, און איך געדענק נישט גענוי ווען. דאָרט איז פאַרשריבן.

אייזיק האָט אויסגענוצט דעם ליגן כדי צו מאַניפעסטירן זיין פאַרבינדונג מיט דעם בירגערלעכן לעבן. נישט ווי דער גרעסטער טייל פון דער חברה, וואָס ביים קלענסטן גערודער אין גרויסן שטח,

דעם פלאַץ פון יפוס טונקעלע מסחרים, האָבן זיי געדאַרפט פאַר־קריכן אין אַלע לעכער, האָט ער געקאָנט אַרויס אין גאַס און זיך לעגיטימירן מיט אַ ריכטיקן תעודת־זהות און אַ מיליטער־ביכל. אייזיק האָט אפילו אַמאָל געטראַכט זיך צו רעגיסטרירן אין דער אַרבעט־בירזשע אויף אַלענבי־גאַס — זאָל ליגן אויך אַ הסתדרות־ביכל — דאָס קאָן נישט שאַטן, אַן אַרבעטסלאָזער איז דאָך סיי־ווי פריי פון אָפּצאָל... ער האָט זיך נישט געפּוצט אין רויטע שקאַרפּעטן מיט גרינע הויזן, שמאָל צוגעשניטן ביי די פיס. אַן אַנצוג האָט ער זיך געקויפט אין שטאָט און נישט, ווי די איבעריקע, ביים שניידער אין שכונת־התקוה, וואָס האָט אויסגעפּאַסט דאָס רעקל, מען זאָל אַרויס־זען אַלע מוסקולן. אפילו דער יפוער מאָדע פון לאַנגע באַקנבערד אין געלאָקטע האָר, פעט געשמירט מיט פּאָמאַדע, איז ער נישט נאָכגע־גאַנגען. דער פריזירער אויף אַדזשעמי, וואָס האָט געשוירן די גאַנצע חברה, האָט שוין געוווּסט, אַז אייזיקן שמירט מען נישט, מען גיסט אים נישט אויפן קאָפּ קיין אָדעקאָלאָן, נאָר מען שערט אים אַרום דעם האַלדז, מען פאַרגלייכט די פּאות, און דאָס אַלץ — באַלעבאַטיש... דעם איינציקן פּוץ, וואָס אייזיק האָט זיך דערלויבט, איז געווען אַן אייביקע פעדער אין דער אויבערשטער קעשענע. נאָר שרייבן מיט איר האָט מען אים נישט געזען.

אַנזשעלאַן האָט עס אַ קאָך געטאָן אינעווייניק — אַ טרוקענער ביין. זשאַק פלעגט קומען אין אָוונט, פלעגט ער געבן אַ קוש, אַ גלעט, זאָגן אַ גוט וואָרט. און דער האָט אין זינען נאָר דאָס געלט... זי האָט אויפגעעפנט איר האַנט־בייטל, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ טשוואָק ביים בעט, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ שפּיגעלע, אַ ליפּן־שטיפט, און זיך גענומען פאַרבן די ליפּן.

— וואָלסט בעסער פריער צוגערוימט, ווייסט דאָך, אַז אַ גאַסט האָט נישט ליב קיין צעוואָרפן בעט. און טו זיך אָן אין דעם רויטן רעקל מיט דער ניילאָן־בלוזע. גיי נישט אַרום אין אָפענעם מאָרגן־ראָק, ווי עמעץ וואָלט ערשט איצט אַרויסגעגאַנגען פון דיר.

— גוט, גוט... איך וועל באַלד אויפראַמען. וועל אַלץ מאַכן,

אַלע מאָל דאָס אייגענע.

— וואָס זאָל איך טאָן, אַז מען דאַרף דיר דערמאָנען? אין משך פון אַ יאָר האָסטו זיך שוין געדאַרפט עפּעס אויסלערנען. וואָס קוקסטו אויף מיר? אַזוי איז עס, מייגסט מיר וועלן דאָ אייביק זיין, אין אַט דער נאָרע מיט די פאַרפוילטע טרעפּ? מיר וועלן קומען צו אַ ביסל געלט, גייען מיר אַריבער אין שטאָט, אין אַ האָטעל. דאָרט, חבובה, וועלן קומען צו דיר גרעסערע לייט. זיי האָבן ליב אַלץ זאָל זיין אויפן פּלאַץ, טו אָן דעם אַבאַזשור אויפן לאָמפּ, איך גיי אַראָפּ אין גאָס.

אייזיק איז אַוועק. אַנזשעלאַ האָט זיך צוגעזעצט אויפן ברעג בעט מיטן שפּיגעלע אין האַנט צו פאַרענדיקן דעם שמינק. ס'האָט איר געברענט אויף אייזיקן מיט זיינע ריידעלעך — זיך געדאַרפט עפּעס אויסלערנען... אייזיק האָט זי דאָך נישט געזען שטיין אויף שיינקין־גאָס, אָן איינגעדאַרטע אין אַ געשאָנקען אָפּגעבליאַקעוועט קלייד, נישט אויף איר מאָס, מיט אַ צעלעכערט טיכל אויפן קאָפּ, פאַרבונדן אונטער דער גאָמבע. אייזיק האָט זי שוין געהאָט איבערגענומען פון זשאַקן אַ גאַנצע דאַמע. זשאַק האָט זיך דער ערשטער פאַרשטאַנען אויף איר פיגור, אויף אירע דינע, שלאַנקע פיס, ווי ביי אַ הירשעלע... (אַזוי האָט געזאָגט זשאַק ווען זי איז געבליבן נעכטיקן דאָס ערשטע מאָל ביי אים, אין דזשעבעליע). זי האָט זיך אויסגעלערנט קוקן די מענער גלייך אין די אויגן און נישט מאַכן מיט זיי קיין צערעמאָניעס. אייזיק נאָרט טאָקע אָפּ די געסט. זי איז שוין נישט זיבעצן, נאָר טאָקע אַכצן יאָר, אָבער איז געוועזן כאָטש איין גאָסט, וואָס זאָל פאַרן אַוועקגיין נישט פרעגן ווען זי איז אין דער היים?...

אַנזשעלאַ האָט אָנגעשפּיגן אויף די פינגער און גענומען אויס־גלעטן די ברעמען. זי איז געוועזן שטאָלץ אויף אירע זיכערע פינגער־באַוועגונגען ביים אויסציען די ברעמען און ביים אַרויסנעמען דעם איבעריקן שמינק פון די מויל־ווינקלען. וואָלטן עס נאָר געקאָנט זען די דאַמען ביי וועמען זי האָט געוואָשן דאָס געפעס און באַקומען אַ שטיקל הערינג מיט ברויט ביים ברעג קיך־טיש. גאַנץ יפו ווייסט אַז זי קאָן פאַרדינען מער ווי יעדע איינע, זי געפעלט... ווער פון

די מיידלעך האָט אַזעלכע לאַנגע וויעס און אַזאַ גלאַטע הויט? ווי פלעגט זשאַק זאָגן? ווי אַ... נו, ווער געדענקט שוין...

זי איז געווען צופרידן מיט זיך, און עפּעס האָט איר דאָך געוויעט, געעגבערט ווי אַ פאַרשטאָכענער פינגער. וואָס זשאַק איז אַוועק קיין חיפה? ברעכט ער דעם קאָפּ, אַלץ איינס וואָלט ער קיין מאָל נישט חתונה געהאַט. וואָס אייזיק נעמט צו דאָס געלט? איז דאָך זשאַק געווען נאָך ערגער: דער זאָגט כאָטש, אַז ער קלויבט זיך צו עפענען פאַרן געלט אַ קיאָסק, ער וואַרפט נאָך אַ מאָל צו אַ פּאָר איבעריקע פונט. אָט, למשל, ראַשעל איז געקומען, האָט ער דאָך גלייך...

אַנזשעלאַ האָט אָפּגעלייגט דאָס שפּיגעלע. איר ביטערקייט האָט אָנגעהויבן באַקומען אַ צורה. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ראַשעל איז שוין פאַר דער צייט געווען נאָך אַ מאָל, און גאַרנישט געבעטן. זי איז בלויז אַריינגעגאַנגען, געשטאַנען צוגעשפּאַרט מיטן רוקן צו דער טיר און נישט געקוקט אויף דער שוועסטער. דערנאָך האָט זי זיך צעכליפּעט — די קינדער אין בית־ספר האָבן איר נאָכגעוואָרפן בלאָטע און געשריגען: אחותך זונה.

אַנזשעלאַ האָט נישט געוווּסט ווי צו פאַרטרייבן דאָס בילד פון זיך. זי האָט זיך אַנידערגעוואָרפן אויפן בעט, פאַרגראָבן ס׳פּנים אין צעקנאָדערטן בעטגעוואַנט; אָט האָסטו דיר דיין בריהשאַפט, דיין וואָלענער מאַנטל, אייזיקס שיינע פלענער — אחותך זונה...

אַנזשעלאַ וואָלט נאָך געטראַכט און געטראַכט, ווען זי דערהערט נישט קיין טריט אויף די טרעפּ. זי האָט זיך גיך אויפגעהויבן, ווי עס איז צורעכט געמאַכט דאָס בעט און אַרויפגעטאָן דעם אַבאַזשור אויפן לאָמפּ. דאָס צימער האָט זיך פאַרשאָטנט מיט מוטנע־ראָזן ליכט.

— אַנזשעלאַ!

— בבקשה...

אין דער טיר איז געשטאַנען אייזיק מיט יאָך עמעצן.

— אַנזשעלאַ, דער אדון, דער חבר...

— בסדר, בסדר...

אַנזשעלאַ האָט זיך נישט געוווּנטיקט אין איבעריקע אויפקלע־

רונגען. אַ גאַסט ווי אַלע געסט. אייזיק וועט אַוועקגיין און דער גאַסט וועט זי אַרומנעמען און זאָגן „מתוק".

אייזיק איז אַוועק. דער פרעמדער איז געשטאַנען אין מיטן צימער און אָנגעקוקט די אָפּגעשיילטע ווענט. דערנאָך איז ער צוגע־גאַנגען צום בענקל, אַ מיש געטאָן דעם קינאָ־זשורנאַל און ווידער גע־בליבן שטיין ווי אַן אָפּהענטיקער. ביי דער לינקער זייט האָט ער געטראָגן אַ מיליטעריש שפּייז־זעקל מיט אַ ליאַמקע, איבערגעוואָרפן דורכן ברוסט אויפן רעכטן אַקסל. דאָס אָנגעפּאַקטע זעקל, רונד ווי אַ פוט־באָל, האָט אים געשטערט זיך פריי צו באַוועגן. אַנזשעלאַ האָט באַ־מערקט ווי שוין עטלעכע מאָל וויל ער אויסטאָן דאָס זעקל און איז נישט דרייסט. אַ מאָדנער גאַסט. אין דרעליך־הויזן, מיט אַ בלויער בלוזע און שווערע שיך אויף גראָבע זוילן. אַ הויכער אַזאַ און ברייט אין די אַקסלען. ס'איז איר דורכגעלאָפן דורכן קאָפּ, אַז אַזאַ יונג וואָלט נישט געדאַרפט אָנקומען צום שניידער, יענער זאָל אים אונטערבעטן וואַטענע קישעלעך אין רעקל, ווי ער טוט עס פאַר אַלע שלעגער אין יפו. קיינמאָל איז נאָך נישט געקומען צו איר אַ גאַסט אין אַזאַ הילוך. שוין אָפּגערעדט פון די תל־אביבער „אינטעליגענטן", נאָר אפילו אַן אַרבעטער, צי אַ שאָפער קומט אָנגעטאָן אַזוי, ער זאָל קאָנען פון איר גלייך גיין אין קינאָ „נגה" אָדער טאַנצן אין „גן־תמר". און דער איז, מן הסתם, איצט ערשט אַראָפּ פון דער רושטאָוואַניע. אַנזשעלאַ האָט זיך געפילט געטראָפן פון אַזאַ גרינגשעצונג. זי האָט אים אויס־גערעדט:

— וואָס איז געווען די איילעניש, האָסט נישט געקאָנט פריער אַוועקגיין אַהיים און זיך איבערטאָן?

דאָס פאַרברוינטע פּנים ביים גאַסט איז פאַרלאָפן מיט אַ רויט־קייט, ביז איבער די אויערן. ער האָט געקנייטשט מיטביידע הענט די ליאַמקע פון דער טאָרבע און נישט געענטפערט. דאָס ערשטע מאָל האָט זיך עמעץ פאַרשעמט ביי איר אין צימער. ס'האָט אויף איר אַ ווייע געטאָן פון דעם בחור מיט ריינער, יינגלשער בושה. אַנזשעלאַ האָט נאָך קיינמאָל אַזוינס נישט איבערגעלעבט. זשאַק האָט איר באַ־

קענט מיטן לעבן אויף זייער אַ רויען אופן, אָן קיין שום פּליטערלעך; אַט שטייט פֿאַר איר אַ בחור, זיכער נישט יונגער פון זשאַקן אָדער אייזיקן, און רויטלט זיך ווי אַ קליין מיידעלע. זי האָט פֿאַר־צויגן שטייפער דעם מאַרגן־ראָק אַרום זיך. אַן אַנגענעם געפיל, ווי פון פריש געוואַשענער וועש, האָט זי צוגעפירט צום גאַסט. זי האָט אַרויסגעלייגט אַ האַנט אויף דער ליאַמקע און געמאַכט אַ פּרוּוו אים צו העלפן אַראָפּנעמען די טאַרבע.

איצט האָט דער גאַסט אויסגערעדט די ערשטע פּאָר ווערטער:

— מען דאַרף נישט, כ׳האָב געמיינט — וואָס איז דיר דער אונטערשיד — אַ קיבוצניק צי אַ שטאָטישער... נאָר אויב דו ווילסט נישט, איז זיי נישט בייז... כ׳האָב אים געגעבן דאָס געלט אויף דער גאַס... איז זיי נישט בייז...

אַנזשעלאַ האָט אים אַנגענומען פֿאַרן האַנט. זי האָט זיך גע־שפּיגלט אין זיין פֿאַרלוירנקייט, ווי אין אַ קלאָרן וואַסער. דער בחור האָט געגעבן אייזיקן פֿאַרויס דאָס געלט, און וויל אַוועקגיין; ער וויל זי נישט צווינגען, אויב ער געפֿעלט איר נישט. ער באַצייט זיך צו איר, ווי זי וואָלט טאַקע געווען אַ מענטש, און נישט עפּעס דאָרט אַ „מתוק״, וואָס מען זאָגט איר נישט קיין שלום אויף דער גאַס.

אַנזשעלאַ האָט אים אַ נעם געטאָן פֿאַר דער צווייטער האַנט, אַוועקגעזעצט אויפֿן בענקל און אַראָפּגענומען פון אים די טאַרבע. די טאַרבע איז געבליבן ליגן ביים גאַסט אויף די קני. ער, אַ פֿאַר־לוירענער, האָט געקוקט ערגעץ אָן אַ זייט. אַנזשעלאַ האָט אים אַנגענומען פֿאַר דער טשופּרינע און אויסגעקערעוועט זיין פּנים צו איר. דער בחור האָט זיך צעשמייכלט. זי האָט באַוווּנדערט זיינע געזונטע ציין און פולע ליפּן. אַפילו די בלאָנדע וואָנצעס זענען איר געפעלן געוואָרן. זי האָט זיך אָפּגערופן צו אים:

— לייג אַוועק די טאַרבע אויף דער ערד. כ׳וועל פֿאַרלעשן דעם לאָמפּ, גוט?...

II

אייזיק איז געזעסן ביים בולגאַר אין קאַפֿע און גערדיקט מיט

פארשטשעמעטע ציין פון כעס אַ בייכיק גלעזל פול מיט בראַנפן. ערשט מיט אַ האַלבע שעה צוריק איז אַראָפּגעגאַנגען פון אַנזשעלאַן אַ גאַסט צו אים און געפּאַדערט צוריק דאָס געלט. אַנזשעלאַ האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרבערענגען מיט אים. זי האָט געזאָגט אַז זי דאַרף אַוועקגיין. אַזאַ זאַך איז נאָך אין יפו נישט געהערט געוואָרן. אַ בחורה זאָל נישט אויפנעמען אַ גאַסט וואָס דער „חתן" שיקט? אייזיק האָט זיינע אויערן נישט געגלויבט, אָבער דאָס געלט האָט ער צוריקגעגעבן. דער גאַסט האָט געדראָט מיט פּאָליציי. אייזיק איז אַוועקגעלאָפן צו אַנזשעלאַ. דאָס צימער איז געווען פאַרמאַכט אויפן העגנגשלאָס. איז ער צוריקגעקומען אין קאַפע און באַשטעלט וואָס צום טרינקען.

אייזיק האָט נאָך אין דער היים געהאַט אַ „כלה", וואָס פלעגט פאַר אים גיין אין גאַס. ער איז נישט געווען קיין נייער אין דער פּראָפעסיע, און געוווּסט, אַז ווען „אַזאַ" הויבט אָן איבערקלייבן געסט, איז אַ שלעכטער סימן — אָדער עמעץ האָט איר דעם קאָפּ פאַרדרייט, אָדער זי וויל סתם ווערן „וויטיש". אייזיק האָט שוין לאַנג געוואָרפן אַ חשד אויפן קיבוצניק. זינט אַט דער בחור האָט אָנגעהויבן קומען צו איר פון צייט צו צייט, איז זי געוואָרן איינגעאַנצן אַן אַנדערע. וואָרפט זיך און שליידערט זיך. דאָס גע־פעלט איר נישט און יענץ וויל זי נישט, און, בכלל, טענות אַזעלכע, וואָס אין גוטע יאָרן וואָלט מען איר געדאַרפט דערפאַר פאַרוקן אַ פּאָר פּעטש אינעם פּרעסער אַריין זי זאָל וויסן אויף וואָסער וועלט זי איז... נאָר דאָ איז דאָך אַן אומגליק, מען דאַרף זיין אָפּגעהיט מיט הייבן אַ האַנט. אין דער גאַנצער וועלט גייט דאָס מיידל אין גאַס און קאַסירט אַליין איין דאָס געלט, דאָ אָבער טאָר זי נישט אַרויסרוקן די נאָז אויפן גאַס, ווייל מען נעמט זי גלייך אַריין אין „קעטשל". טאָמער דערוויסט זיך די משטרה, אַז דער בחור ברענגט געסט און נעמט דאָס געלט, איז הימל עפן זיך. אַ שווער לעבנדל.. מען לאָזט נישט לעבן...

אייזיק איז געזעסן אויף הייסע קוילן. ער האָט שוין געוואָלט

דערלעבן צו זען אַנזשעלאַן און אַ הוקע טאָן אויף איר, ס׳זאָל איר טונקל ווערן פאַר די אויגן — הער אַ חוצפה, איבערלאָזן אַ גאַסט און אַוועקגיין. און דער קיבוצניק — ער וועט אים נאָר אונטער־כאַפּן, האָט ער אים וואָס צו זאָגן. קומט צו פאָרן עפּעס אַ האַלע־דריגע פון עק וועלט און פאַרנעמט זיך אויף אַ לעבן. און דווקא מיט אָט דער בהמה. פונקט ווי עס וואָלט געפעלט מיידלעך אין יפו; נאָר וואָס האָט זי דערזען אין אים, אַז ווען ער קומט, איז ווי אַ נייע הויט וואָלט אויף איר אַרויף?... מען קאָן אָפּלעבן אַ לעבן און נישט דערגיין קיין טאָלק ביי אַ פּראָווינצימער... אָבער אויף די יאָלדן איז אַלץ צו גלויבן. ער קאָן נאָך זי אַמאָל אָפּשלאָגן אויך, מען דאַרף מאַכן מיט אים אַ סוף...

אייזיק איז געווען זיכער, אַז היינט וועט קומען צו אַנזשעלאַן דער קיבוצניק און דאָס איז אַן אָפּגערעדטע זאַך. דערפאַר האָט זי נישט געוואָלט קיינעם אויפנעמען און איז אַוועק פון צימער מיט אַ תירוץ ביז דער שעה, ווען יענער דאַרף קומען.

אויב זי איז אַוועק אין קינאָ איבערזיצן די שעה, וועט זי ביזן אָוונט נישט קומען צוריק. אייזיק האָט זיך אַרומגעקוקט מיט וואָס צו פאַרטרייבן די צייט. פון דער חברה איז קיינער נישט געווען. מן הסתם אויך אַוועק אין קינאָ. ער האָט געטראַכט צוצופאָרן אין שטאָט און מאַכן אַ פּאָר פּאַרטיעס ביליאַרד. אייזיק האָט שוין געהאַט באַצאָלט פאַרן געטראַנק און זיך געקליבן גיין, זענען אָנגעקומען שייקעלע פּאַסער, נסים מיטן אויגל און חביבה׳ס „בחור" אַרמאַנד — אַלע דריי גוטע הענט צו אַ פּאָקער. דעם אמת געזאָגט, האָט אייזיק נישט געהאַט קיין חשק צו שפּילן מיט זיי. אין אַן „איין־און־צוואַנציק" צי אפילו אין „שניידן" אַ „סטאָס" איז ער נאָך געווען אַ בריה, אָבער אין פּאָקער האָט ער זיך נישט געפילט גאַנץ זיכער. די לעצטע צייט האָט ער געהאַט פאַרשפּילט אין דעם אַ פיינע פּאָר פונט. איצט האָבן די דריי ווידער פאַרגעלייגט שפּילן. כדי מען זאָל נישט זאָגן, אַז ער איז נישט קיין אייגענער, ער ליגט אויפן געלט, האָט ער געמוזט האַלטן שטאָט און נעמען אַ האַנט. אַחוץ דעם האָט ער גע־

האָפּט, אַז היינט וועט אים מער באַגליקן. איידער ער האָט זיך גע־זעצט צום טיש, איז ער אַרויס אינדרויסן, צוגערופן נאַדזשאַרעס דער קעכינס יינגל, וואָס וואַלגערט זיך אויפן גאַס ביז די מאַמע ענדיקט איר אַרבעט שפּעט אינאָוונט, געגעבן אים צוואַנציק פּיאַס־טער, ער זאָל שטיין אויפן ראָג גאַס און גלייך ווי ער וועט זען אַנזשעלאַ גיין אַהיים, זאָל ער אַריינגיין אין קאַפע און געבן אַ צייכן.

ס'איז אַוועק אַ געוויינטלעך יפוער שפּיל מיט פּרווון אַריינ־קוקן אין שכנס קאָרטן, מיט בייסן די נעגל, מיט קאָנטראָלירן צי יעדערער האָט ריכטיק אַריינגעלייגט דאָס געלט אין דער ליימענער שיסל, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן טיש. אייזיק האָט זיך געדרייט שוין באַלד אַ שעה מיט אַ פּאָר געוווּנענע פונט, אָבער ער האָט געשפּילט אָן מוט. די מעשה מיט אַנזשעלאַ איז אים נישט אַרויס פון קאָפּ. שייקעלע האָט פונאַנדערגעטיילט די קאָרטן צו אַ נייער רונדע. אַרמאַנד האָט אויפגענומען די פינף באַקומענע קאָרטן אין איין האַנט און פּלוצים אַרויסגעפּלאַצט:

— אייזיק, כ'האָב גאָר פאַרגעסן צו פרעגן. איז דאָס אמת, אַז אַנזשעלאַ האָט אויפגעהערט אויפצונעמען אַבי וועמען?

נסים האָט פאַרקנייטשט דאָס געזונטע אויג. אַ האַלב פּנים האָט זיך ביי אים פאַרקרימט ווי פון אַ צאָנגעשוויר. ער האָט גע־שמייכלט. שייקע האָט פויל אָנגעקוקט אַרמאַנדן. אייזיק האָט זיך אַ רגע פאַרלוירן, אָבער גלייך געקומען צו זיך און קאַלט אָפּגע־ענטפערט:

— דאָס מוזטו פרעגן ביי איר אַליין. איך מיש זיך נישט אין דעם.

— אַז דו מישט זיך נישט וועסטו דערציילן דעם סמל סירקיס. וואָס האָסטו מורא פאַר מיר? איך רייד צו' דיר ווי אַ ידיד און דו' ענפערסט מיר ווי איך וואָלט געווען אַ מסור. חביבה האָט מיר דערציילט, אַז אַנזשעלאַ איז געווען ביי איר מיט עטלעכע טעג צוריק און גערעדט עפּעס אַזעלכע מאָדנע רייד. חביבה האָט געמיינט, אַז אָדער זי איז משוגע געוואָרן, אָדער עפּעס אַ פילם האָט זיך איר פאַרטשעפּעט אין קאָפּ.

— דאַכיללאַק,*) אַרמאַנד, לאָז צו רו אַנזשעלאַן. איך וועל זיך ווי עס איז אַליין אַן עצה געבן מיט איר. זיצסט מיט די קאַרטן אין האַנט און לערנסט גמרא. אַלע וואַרטן אויף דיר. זאָג אַ וואָרט — שפּילסט אָדער דו פּאַסט.

אַרמאַנד איז אַרויס פון די כלים. אייזיקס קאַלטקייט האָט אים צעררייצט.

— נישט נאָר וואָס איך שפּיל, איך רייס אַריבער אויף בלינד. ווער ענטפערט?

אייזיק איז נישט נתפעל געוואָרן.

— דוכט מיר, אַז דו האָסט שוין געזען דיינע קאַרטן, איז מאַך נישט קיין טראַסק און עפן געוויינטלעך.

אַרמאַנד האָט זיך אַ הויב געטאָן פון בענקל מיט אַ פּאָר צע־בלינצלטע, שוואַרצע מאַנדל־אויגן.

— אייזיק, זיי נישט קיין שטאַרקער! איך רייס איבער אויף בלינד. האָסט אַ ברירה נישט צו ענטפערן. און איך בעט דיך אַנזאָגן דיין אַנזשעלאַ, זי זאָל מער נישט קומען צו חביבה'ן דרייען אַ קאָפּ. אַ גאַנצער מענטש געוואָרן. דערציילט חביבהן „ציזבאָטן“, אַז מען דאַרף אַוועק פון יפו, מען קאָן אַנדערש לעבן. זי פירט מיר אַראָפּ דאָס מיידל פון וועג, פאַרשטייסט?...

שייקעלע, וואָס איז געווען עלטער פון דער גאַנצער חברה, האָט זיך סאָליד אַריינגעמישט אין דעם געשפּרעך:

— אַ וועלט געוואָרן. יעדער האָט באַקומען שכל אין ארץ־ישראל. אַמאָליקע יאָרן וואָלט אַ מיידל מורא געהאַט אַרויסצולאָזן די פּאָרע פון מויל. און ווען זי רעדט אַזוינס, וואָס מען דאַרף נישט, וואָלט מען איר אָפּגעהאַקט אַ לונג.

נאָך שייקעלען האָט שוין נסים אויך אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט.

— אַז אַ מיידל הויבט אָן צו באַקומען שכל, איז די בעסטע רפואה פאַר איר חאַשיש. מען געוווינט זי צו צום רויכערן און דעמאָלט איז זי אין גאַנצן אין דיינע הענט.

אַרמאַנד האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט. דאָס אַריינמישן זיך

*) אראביש — לאָז אָפּ

פון אַ פּאָר מיושבדיקע, יפוער קעפּ האָט אים צוגעגעבן ווירדע. איצט האָט ער זיך געקאָנט דערלויבן צו זיין גרויסמוטיק און אַריבער־גיין אויף אייזיקס זייט — פּאָרט אַ גוטער־ברודער.

— חשיש, שמאַשיש... אייזיק ווייסט אַליין, וואָס ער האָט צו טאָן. מען קאָן קיין חכם נישט זיין. עס טרעפט אַמאָל, אַז אַ גאַסט פאַרדרייט אַ קאָפּ, קלעפּט זיך צו ווי אַ נאַס העמד. אַנזשעלאַ האָט דערציילט חביבה׳ן וועגן אַ גאַסט, אַ קיבוצניק, וואָס יענער איז שוין געווען עטלעכע מאָל ביי איר. ער האָט מסתמא אַריינגע־וואָרפן אַ פּאָר איבעריקע ווערטער, און דאָס מיידל איז צעטומלט געוואָרן. אייזיק וועט אים זאָגן, אַז ער זאָל מער נישט קריכן אַהער און געענדיקט אַן עסק.

אייזיק האָט נישט געענטפערט. דער פּאַרדראָס האָט אים צו־גענומען ס׳לשון. אַך און ווײ, אַז אַרמאַנד איז שוין קלוג געוואָרן, און גיט אים, אייזיקן, עצות וואָס צו טאָן. ווי לאַנג איז עס, אַז דער צוציק האָט געכאַפּט פון די הענט אויפן מאַרק ערגעץ אין אַגאַדיר צי ראַבאַט און דאָ זענען זיי אַלע געוואָרן גאַנצע קנאַקערס, די שוואַרצע. נאָר גאָרנישט, ער וועט זי שוין אַנלערנען, אַז זי וועט האָבן צו געדענקען אויף קינדס קינדער פּאַר אַנטאָן אים בזיונות ער זאָל דאַרפן אַריינפאַלן אין לייטישע מיילער.

דער קעכינס יינגל, וועלכן מען האָט אַלע מאָל געטריבן פון קאַפּע, איז איצט געשטאַנען אויפן שוועל, מורא האָבנדיק אַריינ־צוגיין אינעווייניק. ער האָט פון דער טיר געמאַכט מיט אַ האַנט צו אייזיקן.

— כ׳האָב נאָך גאָרנישט איינגעשטעלט, איר קאָנט ענדיקן אָן מיר...

אייזיק האָט זיך אויפגעשטעלט, צונויפגעשאַרט זיין געלט פונעם טישל, אַריינגעלייגט עס אין דער הויזן־קעשענע און אַרויס פון קאַפּע. שייקעלע האָט אָנגעהויבן איבערטאַשן די קאָרטן צו אַ פּאַר־טיע אין דריי הענט.

דער וועג קיין סדום

* * *

— אַנזשעלאַ!..

— רגע...

ביים עפענען די טיר האָט דאָס מאָל אייזיק נישט געפרעגט אויף שטום־לשון צי עמעץ איז פאַראַן. ער איז גלייך אַריין אין צימער. דער בחור איז געזעסן אויפן בענקל, ביים בעט. דער אַבאַזשור איז נישט געווען אַנגעטאָן אויפן לאָמפּ און אייזיק האָט קלאָר געזען דעם בחורס פנים — אָן אָפּן, ברייט פנים אָן קיין שפור פון פאַרלעגנהייט, ווי דאָס איז ביי געסט אין ביי־זיין פון אַ דריטן אין צימער. ווען אייזיק קוקט זיך צו בעסער, וואָלט ער אפילו באַמערקט, ווי ביי יענעם שפּילט אַ מילדער שמייכל אין די קנייטשן צווישן די מויל־ווינקלען און די רונדע באַקן. נאָר אייזיק האָט זיך שאַרף אויסגעדרייט צו אַנזשעלאַן. צו איר האָט ער זיך יאָ צוגעקוקט און באַמערקט, אַז אַזוי ווי זי האָט ביי זיין אַריינקומען אויסגעזען אַ ביסל פאַרשמייעט, צערויטלט, איז זי איצטער פאַרלאָשן געוואָרן ווי נאָך אַ נאַכט אָן שלאָף. זי האָט נאָך געפּרוּווט זיך אויפהייטערן, גענומען זיך פאַרקעמען, צופּודערן, אָבער אייזיקס בליק איז איר נאָכגעגאַנגען ווו נאָר זי האָט זיך געגעבן אַ קער. דער מין אייזיקס קוק האָט קיינמאָל קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט. נאָך אַזאַ קוק איז אַלע מאָל געקומען אַ זידלעריי צי סתם אַ געשריי, וואָס אַנזשעלאַ איז שוין געווען געוווינט צו דעם; אָבער איצט, פאַר דעם בחור אין די אויגן, האָט איר פּשוט דאָס האַרץ געציטערט, געבעטן און געבעטן אויפנעמען דעם ערשטן גאַסט, אַז אייזיק זאָל נישט אַרויסבלאָזן מיט אַ שמוציק וואָרט. זי האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ שמייכל, צוגעגאַנגען צו אייזיקן און אים עפּעס אַריינגעשושקעט.

אייזיק האָט זי שאַרף אָפּגעשטופּט פון זיך און געענטפערט דווקא אויפן קול.

— כ'בין איצט נישט געקומען נאָך קיין געלט, כ'וויל רעדן מיטן גאַסט.

— צו וואָס? ער גייט שוין אַוועק. ער קלייבט זיך נישט צו בלייבן דאָ זיצן — און צום בחור — נישט אמת, זאב?...

— אַך, זענט איר דאָך שוין גאָר ווייט פאַרפאָרן, אַז דו ווייסט שוין זיין נאָמען. זאב... יופי, פיין. אַנזשעלאַ גיי אַראָפּ אין קאַפע און וואַרט דאָרט אויף מיר, כ׳וועל כאַפּן אַ פּאָר ווערטער מיט זאבן. דעם „זאב" האָט אייזיק באַדייטנדיק אויסגעצויגן.

— אייזיק, ער גייט שוין אַוועק.

אייזיק האָט זיך אַ שטופּ געטאָן צו איר. די באַקנביינער זענען ביי אים אומגעגאַנגען:

— אַנזשעלאַ!

זאב האָט זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעשטעלט צווישן די צוויי.

— וואָס קומט דאָ פּאָר? צוליב מיר עפּעס? איך גיי שוין אַוועק, צו וואָס מאַכן איבעריקן רעש?

— חבר, שרעק זיך נישט פאַרן רעש, איך דאַרף מיט דיר עפּעס רעדן. און דו, אַנזשעלאַ, יאַללאַ, טו וואָס מען הייסט דיר. לאָז מיך נישט זאָגן צוויי מאָל דאָסזעלבע.

אַנזשאַלאַ האָט גענומען דעם האַנט־בייטל און מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ אַרויס פונעם צימער.

אייזיק האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד בעט, און אַרויס־גענומען אַ שאַכטל פּאַפּיראָסן.

זאב האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בענקל. אייזיק האָט אים פאָרגעלייגט אַ פּאַפּיראָס.

— תודה, איך רויכער נישט.

אייזיק האָט גענומען אַ פּאַפּיראָס און אָנגעהויבן טאַפּן די קע־שענעס. זאב האָט אים אונטערגעטראָגן זיינע שוועבעלעך.

— תודה... זע, איך וויל רעדן מיט דיר ווי אַ מאַן מיט אַ מאַן. דו דאַרפסט פאַרשטיין, אַז ביי אונדז... דאָס הייסט, אין די זאַכן דאַרף זיך אַ פרעמדער נישט אַריינמישן.

— אָבער איך ווייס נישט וועגן וואָס דו רעדסט.

— דאָ איז נישטאָ קיין סך וואָס צו וויסן. אַ גאַסט דאַרף נישט

ווערן קיין נאָענטער מחותן מיטן מיידל. ס'איז געזונטער פאַר אים אפשר מיינסטו זי אָפּצושלאָגן פון מיר? פאַרגעס נישט, זי איז מיינע אַ כלה און ביי אונדז, חבוב, פאַר אָפּשלאָגן אַ כלה גלעט מען נישט איבערן קאָפּ. איך מיין דיין גוטס, קום נישט מער אַהער און פאַרגעס, אַז אַן אַנזשעלאַ לעבט אויף דער וועלט, פאַרשטאַנען?

— וואָס מיינסטו אָפּשלאָגן, רעד קלאָר...

אייזיק האָט זיך קוים באַהערשט.

— איך מיין גאָרנישט. איך וויל דיך נאָך וואָרענען. זי קומט מיר געלט. אַלע וועלן זיין אויף מיין זייט. ביי אונדז איז מען זייער אָפּ־געהיט מיט דעם, אַ כלה איז אַ כלה. זע, דו זאָלסט נישט דאַרפן אַמאָל קלייבן די ציינער פון ברוק.

ס'האָט נאָך געדויערט עטלעכע רגעס ביז זאב האָט פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס רעדט זיך דאָ. אין די עטלעכע רגעס איז ער גע־שטאַנען קעגן איבער אייזיקן איין האַנט אין דער אַנדערער, און פלייסיק געצויגן אויף צוריק די פאַרוואַקסענע הויט אויפן נאָגל פונעם גראָבן פינגער, אָבער וואָס נאָענטער ס'איז דערגאַנגען צו אים דער קויטיקער מיין פון דעם גערייד, האָט זיך זיין פנים סומנע פאַר־צויגן. די פולע ליפּן האָבן זיך פאַרקרימט ווי פון אַ שלעכטן ביסן.

— הער נאָר דו, חתן, דעם אמת געזאָגט האָב איך שוין איצט. אויפן פּלאַץ, דיר געדאַרפט באַווייזן, אַז כ'קאָן נישט ערגער פון אַנדערע פונאַנדערשיטן ציינער אויפן ברוק, אָבער כ'וועל דיר בעסער זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

אייזיק האָט זיך אַ ריס געטאָן.

— אַזאַ העלד ביסטו, האַ? אפשר גאָר פון די שטאַרקע...

— זיץ! איצט רעד איך, זיץ, זאָג איך דיר, דו... איך בין נישט פון די שטאַרקע. איך בין פון די שוואַכע, פון די נאַרישע קי־בוצניקעס, וואָס ליגן ערגעץ אין אַ לאָך, ביי דער גרענעץ, אויף אַ שמאָל בעטל אין אַ צריף מיט נאָך אַ פינף אַזוינע איבערגעוואַק־סענע יונגען. אַז מען האָט נישט קיינעם אין לאַנד, דאַרף מען גיין ווו עס לאָזט זיך. איז וואָס איז די עוולה, אַז מען זוכט אַמאָל כאָטש

אַן אַנזשעלאַ, מ׳זאָל קאָנען אַ ווײַלע פֿאַרגעסן דעם עלנט, דעם זויערן ריח פֿון מענערשן צריף? נישט אַלע האָבן אַזאַ מזל צו זײַן אין קיבוץ מיט אַ ווײַב. די מיידלעך אַנטלויפֿן פֿון אומעט. כ׳וואָלט עס דיר קיינמאָל נישט געזאָגט. איך דאַרף זיך פֿאַר דיר נישט פֿאַרענטפֿערן; נאָר איך וויל דו זאָלסט זיך נישט טשעפּען צו אַנזשעלאַן. זי איז אַ גוט, האַרציק מיידל.

— צי זי איז גוט אָדער שלעכט, לאָז עס איבער פֿאַר מיר. פֿונוואַנען ווייסט אַזאַ שוואַרצע חיה צו רעדן, אַז מען דאַרף אַוועק פֿון יפֿו, מען קאָן לעבן אַנדערש: דו האָסט עס איר אַרײַנגעהאַקט אין קאָפּ.

— כ׳האָב קיינמאָל מיט איר נישט גערעדט וועגן דעם. ס׳קאָן זײַן, זי האָט זיך צוגעווײנט אַ ביסל צו מיר, האָט זי געפֿרעגט דאָס, יענץ; אָבער איך גלויב נישט, זי זאָל אַפֿילו וויסן וואָס דאָס איז אַזוינס דער נגבֿ, און געדענקען אַזאַ פּלאַץ מיטן נאָמען תל־אַחווה, אָדער זאָל זיך איבערנעמען מיט עטלעכע ווערטער וועגן דעם ווי מען לעבט אין קיבוץ. דאָס איז אַלץ. איך גיי אַוועק. וועסט מיך דאָ מער נישט זען. דאַרפֿסט מער נישט מורא האָבן, אַז כ׳וועל צונעמען פֿון דיר דײַן כּלה, חתן...

אײַזיק האָט געפֿילט דעם „חתן" ווי אַ שפּײַ, נישט אָפּצווישן. ער איז געזעסן אַן אוממעכטיקער אויפֿן בעט, געביסן די ליפּן און זיך געפּרוּווט קילן דאָס האַרץ:

— אַזאַ „פֿרײַער"... ער האָט געמיינט צו געווינען בײַ מיר. געטראָפֿן ס׳אָרט... נישט בײַ אײַזיקן...

III

אַנזשעלאַ איז געלעגן אין בעט און געקוקט אויפֿן צעשפּאָלטע־נעם סופֿיט. די זון האָט זיך געריסן דורכן שיטערן פֿאָרהענגל. לויט די קינדערישע געשרײַען אויפֿן גאַס האָט זי אויסגערעכנט, אַז עס דאַרף שוין זײַן גאַנץ שפּעט. פֿריִער פֿלעגט זי די זון און די קינדע־

רישע געשרייען טרייבן אויפצושטיין, אויפראַמען, אויסוואַשן אַ פּאָר שטיקלעך וועש. איצט זי געלעגן און נישט געהאַט אפילו קיין חשק אָפּצוציען דאָס פאָרהענגל אויפן פענצטער. זאב האָט אויפגעהערט צו קומען. שוין באַלד אַ חודש ווי זי איז נישט געווען ביים פריזירער און דער לאַק אויף די נעגל האָט זיך צעשיילט און צעשפּאָלטן, ווי דער טינק אין דעם צימער. יעדער שפּאַלט אויפן סופיט האָט באַהאַלטן אירס אַ מחשבה. איבערן בעט האָט זיך געצויגן, ווי אַ וואָרצל, אַ טיפער ריס מיט זייטיקע אָפּצווייגונגען, ביז צום טונקעלן וואַנט־ווינקל. שוין עטלעכע פרימאָרגנס ווי אַנזשעלאַ ליגט מיטן פּנים אַרויף און פּרווט דאָרט פאַרבאַהאַלטן אירע ספקות. אייזיק איז אַוועקגע־פאָרן אין שטאָט פאַרענדיקן וועגן צימער, וואָס ער האָט געדונגען אויפן צפון. דאָרט, זאָגט ער, וועט זי זיין פרייער און מער פאַרדינען. די געסט זענען בעסערע, נישט סתם פון דער גאַס. זיי פאַרבעטן אפילו אַמאָל אין אַ באַר און פאָרן מיט אייגענע אויטאָס. און זאב האָט איר געזאָגט, אַז אין קיבוץ עסן אַלע ביי איין טיש, פון קלענסטן ביזן גרעסטן. אויב מען איז אַ מענטש און מען וויל אַרבעטן, קוקט מען אויף דיר ווי אויף אַ גלייכן. חביבה זיצט. מען האָט זי געכאַפּט אויפן גאַס. דער דאָקטאָר האָט געפונען, אַז זי איז קראַנק. אַרמאַנד איז אַנטלאָפן קיין רמלה. אייזיק וואָלט אויך אַנטלאָפן ווען זי וואָלט קראַנק, זי איז זיכער אין דעם. יענער טראַכט בלויז וועגן דעם געלט. דאָס איבעריקע איז נאָר גערעדט, ווי ביי אַלעמען. און ביי זאבן איז נישט סתם גערעדט?... האָט מורא געהאַט אפילו צו זאָגן געננוי ווו זיין קיבוץ ליגט. אפילו דעם נאָמען געזאָגט איין מאָל, אויף צו פאַרגעסן; נאָר גאָרנישט, ווען זי דאַרף, וואָלט זי געפונען. ער האָט אַמאָל דערמאָנט, אַז מען דאַרף נעמען דעם אויטאָ־בוס אויף באר־שבע. און ראַשעל איז שוין אַ צייט נישט געווען, זי קומט שוין נישט אפילו נעמען אַ פּאָר פונט. זי שעמט זיך מיט איר שוועסטער. נו, מילא, זאָל גיין ווי עס גייט...

אַנזשעלאַ ליגט און טראַכט — וואָס אַזוינס האָט זי צוגע־שמידט צום בעט? דוכט זיך, זי איז נישט קראַנק און זי האָט נישט

קיין כוח זיך אַרויסצורייסן פון געלעגער, פון דעם אָפּגעלאָזטן צימער, פון אייזיקן, פון גאַנץ יפו.

אַנזשעלאַ האָט זיך אָוועקגעלייגט אויף אַ זייט. זי האָט שוין אַ צייט נישט געוויינט. איצט האָט זי איר ביטערן געמיט געפּרוווט פאַרגראָבן אין קישעלע. מען שעמט זיך מיט איר; אָבער ווען ראַשעל קאָן זאָגן די קינדער — אחותי בקיבוץ, אחותי בנגב... און זאב? געקומען זיך איבערשלאָפן און אָוועק; אָבער ווען זי אַרבעט מיט אים האַנט ביי האַנט, וואָלט ער אפשר געווען גליקלעך איר צו קאָנען געבן אַ קוש. אַנזשעלאַ ווישט מיט אַ ברעג לײַלעך די טרערן. אָט וועט זי נעמען און אָוועקפאָרן צו זאבן. זי וועט אים זאָגן — אויב ער קאָן פאַרגעסן פונוואַנען זי קומט, איז גוט, און אויב נישט, מאַכט אויך נישט אויס, זי וועט אַרבעטן און נישט פאַרשעמען דעם קיבוץ. זי מוז פּרווון. אפשר וועט מען זי אויפנעמען, און זי וועט קאָנען קוקן אַלעמען גלייך אין די אויגן — ראַשעלן און זאבן און אפילו אייזיקן, וואָס נאָך אַלעם איז זי פאַר אים אויך נישט מער ווי אַ „חתיכה"... זאב מוז עס זיין דער בחור, וואָס יעדע מיידל רעדט וועגן אַזאַ תמיד, אַז ער און נישט קיין אַנדערער; אַנישט וואָלט זי דאָך אַזוי נישט געבענקט... זי מוז פּרווון...

ווען אייזיק איז צוריקגעקומען פון שטאָט, האָט ער געפונען אַנזשעלאַן אָנגעטאָן און אָרומגעוואַשן. דאָס איז געווען פאַר אים אַן אָנגענעמע איבעראַשונג. זינט דער קיבוצניק איז פאַרשוווּנדן, האָט זי זיך זייער אָפּגעלאָזן. איצט, אַז ער האָט זי דערזען פאַרקעמט און אין אַ קליידל, איז ער שוין געווען כמעט זיכער, אַז זי האָט זיך אויס־געטשוכעט, אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ די נאַרישקייטן. אייזיק איז אַריינ־געפאַלן אין אַ גוטער שטימונג. שוין לאַנג ווי ער האָט זי נישט אַרומגענומען, אַ לאַסטשע געטאָן; ער האָט געגעבן אַ טראַכט, אַז מען דאַרף זי גאָר היינט נעמען אין קינאָ, זאָל זיך דאָס מיידל אַביסל צעשטרייען. אָדער אפשר גאָר פאָרן זיך באָדן אין בת־ים. זי זעט אויס אַזוי בלייך. דאָס פּנים האָט זיך ביי איר אויסגעצויגן, און אונטער די אויגן איז איר שוואַרץ, ווי אונטערגעהאַקט. אייזיק איז

צוגעגאַנגען און איר אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן דינעם האַלדז.

— אַנזשעלאַ, היינט גייען מיר אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג, מירן אַוועקפאָרן אין בת־ים זיך באָדן, דערנאָך וועלן מיר אָפּעסן ביים רומענער און גיין אין קינאָ „אסתר״. חברה דערציילן, אַז דאָרט גייט אַ פילם — טשיקאַגאָ... נו, חבובקעלע, זיי נישט אַזוי זויער. ס׳וועט זיין גוט. נאָך שבת גייען מיר אַריבער אין נייעם צימער, דאָרט וועט מען ערשט מאַכן אַ לעבן. יאָ, און אַ קליידל זאָלסטו זיך קויפן. און דער עיקר, טאָמער קומט ראָשעל, דאַרף מען איר געבן אַ פּאָר פונט. זי איז שוין לאַנג נישט געווען, מען דאַרף זי אַמאָל מיטנעמען ערגעץ.

— ראָשעל וועט דאָ מער נישט קומען...

אייזיק האָט אַראָפּגענומען די האַנט פון איר, זיין הייטערקייט האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן אַנזשעלאַס אַנטשלאָסן פּנים, וואָס פלעגט אַלע מאָל זיין אַזוי נאָכגיביק אויף אַ שמייכל ביים דערמאָנען די יונגע־ר׳ע שוועסטער.

— פאַרוואָס וועט זי מער נישט קומען?

— ווייל אַזוי... און בכלל... אַנזשעלאַ האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, צוגעגאַנגען צו דער שאַפקע, ווו זי האָט געהאַלטן איר ביסל וועש און די פּאָר קליידער, געעפנט דאָס טירל און אַרויס־גענומען פון דאָרט אַ רויט ניילאָן־בייטעלע. פאַר אייזיקן איז עס שוין געווען צו פיל. ער סטאַרעט זיך פאַר איר פון אונטער דער ערד, וויל אַלץ בעסער און זי גייט אַרום ווי אַ הון מיט אַן איי, טוט אַ טובה, אַז זי רעדט. וואָס איז דאָ, צו אַלדי שוואַרצע יאָר? זי וועט זיין אַ מענטש אָדער נישט?

— אַנזשעלאַ, זאָג מיר איין מאָל פאַר אַלע מאָל, וואָס איז מיט דיר? וועלכע פליג האָט דיר אַ ביס געטאָן? מיינסט איך האָב אַ סך געדולד? וואָס בין איך עפּעס פאַר דיר, אַ ייִנגעלע? איך בין היינט געבוירן געוואָרן?

אַנזשעלאַ האָט אויפגענומען דעם גאַנצן פאַרצווייפלטן מוט וואָס האָט זיך ביי איר אויפגעזאַמלט די לעצטע פּאָר וואָכן און אַ צע־

ציטערטע פון אונטערדריקטן פּחד האָט זי אויסגערופן:

— איך גיי אַוועק פון דיר. איך קאָן מיט דיר מער נישט זיין...

דאָס איז געקומען אַזוי אומגעריכט, אַז אייזיק איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער.

ער האָט געקוקט אויף אַנזשעלאַן. האָט זי דאָס טאַקע געזאָגט, אָדער ס׳האָט זיך אים בלויז אויסגעדוכט? אפילו איר קול איז אים פאַרגעקומען אומבאַקאַנט — אַזאַ הייזעריקער, מיט אַ כריפּ.

— וואָס האָסטו געזאָגט?

אַנזשעלאַ האָט געשלונגען דאָס שפּייעכץ.

— איך פאָר אַוועק אין קיבוץ, צו זאבן, אפשר וועלן זיי מיך אויפנעמען.

ביי אייזיקן איז דאָס בלוט אַנטלאָפן פון פּנים. ער איז צוגעשפּרונ־גען צו איר:

— פון אייזיקן פאָרט מען נישט, פון אייזיקן פירט מען אַוועק... שלאָג זיך עס אַליין אַרויס פון קאָפּ, אָדער איך וועל עס טאָן. דו שוואַרצע חיה, איך האָב געפּטרט געלט אויף דיר און דער „פּרייער" וועט הנאה האָבן? דאָס העמד וואָס דו טראָגסט איז דאָך נישט דיינע.

— נעם אַלץ צו, איך דאַרף עס נישט.

— איצט דאַרפסטו עס שוין נישט. און ווען אייזיק האָט זיך געדרייט אויף דער גאַס, געראַפן געסט און ריזיקירט מיט דער פריי, האָסטו עס יאָ געדאַרפט, האַ?...

אייזיקס פּאַטש איז געווען אויסגערעכנט אויף אַ פּעסטערער באַק. אַנזשעלאַ האָט זיך אָנגעקלאַפּט מיטן קאָפּ אָן דער שאַף, און זיך אַראָפּגעלאָזט צו אייזיקס פיס. זי האָט אויסגעשפּיגן דאָס בלוט פון מויל, געוואָלט עפּעס אַרויסנעמען פון בייטעלע, דערנאָך איבער־געטראַכט און אָפּגעווישט די ליפּן מיטן זוים פון דער לינקער זייט קליידל. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן צו אייזיקן, וואָס איז געשטאַ־נען איבער איר, און רויק געזאָגט:

— ס׳וועלן נישט העלפן דיינע קלעפּ, איך גיי אַוועק פון דיר.

דער וועג קיין סדום

— עך, דו———

אַנזשעלאַ האָט זיך איינגעדרייט. אייזיק האָט איר געטראָפן מיטן שפּיץ שוך אין בויך. דער ווייטיק האָט איר פֿאַרהאַקט דעם אָטעם. ס׳האָט איר עפּעס אינעווייניק אַזוי אויפגעקאָרטשעט, אַז זי האָט מורא געהאַט אַ ריר צו טאָן זיך. ווען זי האָט, אָבער, דערזען אייזיקס אויפגעהויבענעם פוס צו אַ צווייטן קלאַפּ, האָט זי זיך גע־שטאַרקט, און פלינק זיך אַ שאַר געטאָן צו דער טיר. אַנזשעלאַ איז געווען די איינציקע שכנה אויפן חרובן גאָרן טרעפּ. זי האָט געקאָנט אָן בושה האַלב אַראָפּלויפן, האַלב אַראָפּפאַלן פון די טרעפּ, מיט איין האַנט אויפן בויך, און אַ מויל פול מיט בלוט.

אייזיק איז אַראָפּגעלאָפן נאָך איר. אַנזשעלאַ האָט זיך צוגע־שלעפּט צום ראָג און אויסגעשפּיגן אין רינע. דערנאָך איז זי אַריבער די גאַס און האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן די וואַרטנדיקע אויפן אויטאָבוס. אייזיק האָט פאַרשטופּט דאָס העמד אין די הויזן, פאַר־צויגן בעסער דעם פּאַסעק, אַרויפגעשאַרט די האָר אונטער די אויערן און זיך אויך געלאָזט צו דער אויטאָבוסן־סטאַציע.

ביים איינשטייגן אין אָנקומענדיקן אויטאָבוס האָט מען זיי צע־שטופּט אין פאַרשידענע ריכטונגען. אַנזשעלאַ האָט זיך פאַררוקט לעבן שאָפער, און אייזיק איז געבליבן ביי דער טיר. אַזוי זענען זיי דערפאָרן ביז דער תחנה מרכזית. אייזיק איז אויסגעשטיגן און נאָכגעקוקט אַנזשעלאַן. ער האָט געזען ווי זי האָט זיך דאָרט אַרומ־געדרייט. געפרעגט עפּעס ביי דעם, ביי יענעם. עמעץ פון די פאַר־בייגייער האָט זי געדולדיק אויסגעהערט און אָנגעוויזן אויף אַ בילעטן־קאַסע. אַנזשעלאַ איז דאָרט אַוועק. אייזיק האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע נישט ווייט פון דעם אייזערנעם באַריער, וואָס פאַרצוימט דעם צוגאַנג צום קאַסע־פענצטערל. ער האָט געהערט ווי דער קאַסיר דערקלערט אַ ברוגזער אַנזשעלאַן, אַז זי האָט זיכער פאַרדרייט דעם נאָמען פונעם פּלאַץ. ער מיינט, אַז דאָס דאַרף זיין ערגעץ נאָך באר־שבע און בכלל מיט די נייע עולים איז אייביקע צרות, זיי ווייסן נאָר דאָס וואָרט נגב, אָבער געדענקען אַ נאָמען פון אַ ישוב

— דאָס נישט. לסוף האָט ער איר געגעבן אַ בילעט ביז באר־שבע און דאָרטן, האָט ער איר געעצהט, זאָל זי זיך נאָכפרעגן. אַנזשעלאַ האָט געעפנט דאָס בייטעלע און אַרויסגעלייגט דאָס געלט אויפן ברעטל, פאַרן פענצטערל. ווען זי איז אַוועק פון דער קאַסע, האָט אויך אייזיק געקויפט אַ בילעט.

אַנזשעלאַ האָט געזען ווי אייזיק איז אַריין אין אויטאָבוס. זי האָט געוווסט, אַז ער וועט איצט זיך נישט דערוועגן אפילו צוגיין צו איר. אייזיק האָט זיך אַלע מאָל געהיט פאַר פאָליציי. נאָר זיין נאָכפאָרן האָט זי באַאומרויקט, ווער ווייסט וואָס ער האָט פאַרטראַכט; אָבער נאָך מער האָט זי געדריקט איר מצב. דער ווייטיק האָט זיך געריסן צום רוקן און זי געבויגן צו דער ערד. די מיטפאָרער האָבן זיך יעדע ווייל איבערגעקוקט. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס

דאָס מיידל זיצט איינגעבויגן, די קני ענג געשלאָסן, שפּייט אין א קליין טיכעלע, וואָס זי נעמט אַרויס פון איר ניילאָן־בייטעלע — דעם איינציקן באַגאַזש אירן.

אַנזשעלאַ האָט אַ בליק געטאָן דורכן פענצטער. איר אויג האָט דערגרייכט בלויז צום אונטערשטן טייל שויב, כמעט ביי דער ראַם. די ראַם, ווי אַ ווירע, האָט געגלייכט דעם פאַרביילויפנדיקן הימל און שטיקער ליידיק פעלד. זאב האָט געזאָגט, אַז דער קיבוץ האָט אַ וואַסער־טורעם און די הייזער זענען ווייס, מיט רויטע דעכער. ווו איז עס? זי פאָרט שוין אַזוי לאַנג, און נאָך אַלץ הימל און שטיינער. זי זאָל נאָר דאָס געפינען, אָבער דער ווייטיק, כאַטש נעם און וויין זיך פונאַנדער. כאַטש נעם און שילט אייזיקן מיט די ערגסטע קללות. עס שניידט אינעווייניק ווי מיט מעסערס. ווען מען קאָן זיך אַוועקלייגן אויף אַ פאָר מינוט, אויסגלייכן די פיס, אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אַביסל העכער, וואָלט דער ווייטיק, דאַכט זיך, אַוועק צוזאַמען מיטן איבל און דעם קאָפּ־שווינדל. ווען זי שעמט זיך נישט, לייגט זי זיך אַוועק אין דורכגאַנג, צווישן די בענק. די מענטשן אַרום קוקן. עס זאָל נאָר נישט עמעץ צוגיין און פרעגן וואָס איז מיט איר. זי מוז אַראָפּגיין, ס'איז נישט מעגלעך אַזוי צו פאָרן. זי וועט זיך

דער וועג קיין סדום

אַוועקלייגן ערגעץ ביז ס׳וועט איבערגיין.

אַנזשעלאַ איז געלעגן נישט ווייט פון שאָסיי, לעבן אַ שמאָל וועגל, וואָס האָט געפירט ערגעץ צו אַ ישוב. דער נאָמען פון ישוב, מיט אַן אַנגעצייכנטער פייל אַנצווייזן די ריכטונג, איז געווען אויפֿגעשריבן אויף אַ גרויסן, בלויען טאַוול, וואָס איז געווען פֿאַרפעסטיקט מיט צוויי אייזערנע רערן־פיס אין דער טרוקענער, הייסער ערד. זי האָט אפילו נישט געזען געגנט ווער ס׳איז אַראָפּ נאָך איר. דוכט זיך אַ בחור מיט אַ ביקס האָט איר נאָכגעקוקט ווי זי פּרוווט זיך אויסציען אונטער אַ שטיין ביים ברעג צעאַקערטן פעלד. ער האָט דערנאָך אַנגעיאָגט די עטלעכע מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען צום ישוב, עפּעס גערעדט, אַנגעוויזן אויף איר, נאָר יענע האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט און זענען אַוועק ווייטער, דער בחור מיט זיי.

דער ווייטיק האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט. אַנזשעלאַ האָט פֿאַרמאַכט די אויגן. די גאַנצע וועלט האָט זיך געוויגט ביי איר אין קאָפּ. זי האָט פֿאַרשטעלט מיט דער האַנט דעם שטערן.

ס׳איז איר גוט געווען צו ליגן אַזוי און פילן די הייסע זון אויפֿן נאַקעטן אָרעם, און דעם פרייען ווינט, וואָס קילט די שטראַלן. אַנזשעלאַ האָט אַרויסגעצויגן פון אונטער זיך אַ שאַרף שטיינדל, און זיך באַקוועמער אַוועקגעלייגט.

טריט האָבן געסקריפּעט אויפֿן זאַמד, זיי האָבן זיך דערנענטערט צו איר. זי האָט אויפגעעפנט די אויגן. אייזיק איז געשטאַנען קעגן איבער. זי איז איינגאַנצן געלעגן אין זיין שאָטן.

— נו, האָסטו עס באַדאַרפט? אַנזשעלאַ, קום אַהיים, זיי אַ מענטש...

אַנזשעלאַ האָט עקשנותדיק געשוויגן.

— דאָרט שטייט פאַר דיר אַ צימער אָנגעגרייט. עס גייט צו שבועות, וועסט געבן אַ ביסל געלט אין שטוב, וווהין לאָזטו זיך?

— אייזיק, כ׳וועל צוריק נישט גיין. איכ׳ל נישט גיין...

ביים דערהערן פון אַנזשעלאַס מויל זיין נאָמען, האָט זיך דערוועקט ביי אים אַ נייע האָפענונג — ס׳האָט אַ ווערדע ביי אַ נקבה

קלעפּ... זי וועט באַלד פאַרגעסן און גיין צוריק, ער דאַרף נאָר געפינען דאָס פּאַסיקע וואָרט פאַר איר.

— אַנזשעלאַ, חבובה, מיר׳ן זיך אַ ביסל אַרויפאַרבעטן. קויפן מיר אַ קיאָסק. מ׳וועט לעבן ווי אַלע מענטשן.

— כ׳וויל שוין איצט לעבן ווי אַלע. כ׳וועל צוריק נישט גיין...

— אַנזשעלאַ...

— אייזיק, ס׳וועט גאָרנישט העלפן, פאַרשטיי אָדער פאַרשטיי נישט.

אייזיק האָט פאַרלוירן די שליטה איבער זיך. דער גאַנצער טאָג האָט אים צו פיל געקאָסט. ער האָט זיך צעשריגען אין דער ברייטער וועלט אַריין, פּונקט ווי די שטיינער, דאָס פעלד, דאָס שטעגל צום ישוב — זיי אַלע האָבן אַ האַנט אינעם אָפּרייסן אַנזשעלאַן פון אים.

— גיי, נו! גיי! זוך אים אין נגב. וועסט דאָ פאַרפאַלן ווערן, וועסט דאָ פּגרן ווי אַ הונט, אָן זאַכן, אָן אַ גראָשן געלט.

אַנזשעלאַ האָט גאָרנישט געענטפערט. זי האָט זיך אויפגעזעצט און אַוועקגעקוקט פון אים ערגעץ אין דער ווייט.

אייזיק האָט אַ טראָט געטאָן צו איר. זיינע פיס האָבן ממש אָנגעשפּאַרט אָן איר זייט. זי האָט אָנגעהויבן ציטערן און מיט געשלאָסענע אויגן געוואַרט אויף אַ קלאַפּ. ס׳זענען אַדורך עטלעכע סעקונדן און דער קלאַפּ איז נישט געקומען.

אייזיק האָט אָפּגעטרעטן אויף צוריק, ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויף איר. זי איז אַ צעציטערטע געזעסן צוגעשפּאַרט צום שטיין, די עקשנות האָט פאַרשלאָסן אירע ליפּן. אירע אויגן האָבן מן־הסתם געזען עפּעס אַזוינס וואָס פאַר אים איז עס געווען פאַרהוילן. אין דער ווייט האָט בלויז געגרויט דאָס פעלד. אייזיקן איז געוואָרן אי אומהיימלעך, אי אַ רחמנות האָט אים אַרומגעכאַפּט. סוף־כל־סוף, אויב זי איז אַזוי איינגעשפּאַרט, זאָל זי גיין, ווער קאָן אַזויפיל וואָיעווען מיט איר? ער האָט זיך אַ נעם געטאָן פאַר דער הויזן־קעשענע, אַרויסגעכאַפּט אַ צענער־באַנקנאָט, פאַרביסן אים

דער וועג קיין סדום

אויפגעקנייטשט אין פויסט און אַ וואָרף געטאָן צו אַנזשעלאַ.

— גיי אַרויס צום כביש, נעם דעם אויטאָ אויף באר־שבע, וועסט פרעגן אויף תל־אחווה. האָב נישט קיין מורא. איך נאַר דיך נישט אָפּ. ער אַליין האָט עס מיר געזאָגט. אָבער אַלץ איינס וועסטו נאָך קומען צו מיר. אויף אַלע פיר וועסטו צו מיר קומען. האָסט שוין צו לאַנג לייכט ברויט פאַרזוכט...

אַנזשעלאַ האָט געזען פון דערווייטן ווי אייזיק הייבט די האַנט ביי יעדער פאַרבייפאָרנדיקער מאַשין צו תל־אביב. אַ טענדער האָט אים אויפגענומען. ווען דער טענדער איז פאַרשוווּנדן האָט זי אַריינגעלייגט דאָס געלט אין בייטעלע, זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן שטיין, און איז פּאַוואָליע אַוועק צום שאָסיי.

א שפעטער פרילינג

א שפעטער פרילינג

פולקאָווניק פלעטניעוו האָט געהאַט זייער אַ שווערן טאָג. גלייך אינדערפרי איז אַריינגעפאַלן צו אים אין דערהיים זיינער אַן אַלטער, גוטער פריינד — קאָנדראַטענקאָ, דער דירעקטאָר פון שיך־קאָמבינאַט נומער צוויי, און זיך ממש אַ וואָרף געטאָן צו זיינע פיס — ברודער, ראַטעווע!...

ס'איז געגאַנגען אין דעם, וואָס קאָנדראַטענקאָס זון, אַן אַרויס־געטריבענער סטודענט, האָט זיך פאַרנומען מיט אַ באַנדע גנבים. מען האָט אַלעמען געכאַפּט און אַרעסטירט.

אומזיסט האָט פלעטניעוו געפּרוווט איבערצייגן זיין ידיד, אַז דער ענין געהערט צו דער מיליץ און אַז ער קאָן דאָ גאָרנישט מאַכן. קאָנדראַטענקאָ, אין זיין פאָטערלעכער פאַרצווייפלונג, האָט זיך גע־האַלטן ביי זיינס — ער, פלעטניעוו, ווי אַ פונקציאָנאַר אין מלוכה'שן זיכערהייטס־דינסט איז העכער פון דער מיליץ, אויסער דעם וועט ער זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שום קאָסטן, אַבי צו ראַטעווען דאָס יינגל. געלט איז דאָ נישט קיין אָפּהאַלט...

אַ קאָרגע שעה האָט זיך פלעטניעוו געוועֶרט קעגן קאָנדראַטענ־קאָס תחנונים, ס'האָבן נישט געהאָלפן קיין קעגן־טענות, אַז דער ענין איז נישט אַזוי פשוט ווי אַמאָל, ווען ס'איז געווען גענוג אַ טעלעפאָן פון די זיכערהייטס־אָרגאַנען, כדי אָנצוגעבן אַן ענין די אָדער יענע ריכטונג. נאָכן לעצטן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר איז געוואָרן אַ מאָדע אויף אויספאָרשונגס־ריכטער, אויף כראָניק אין דער „פּראַוודאַ"... אפילו מיט געלט איז איצט שווער צוצוקומען. די פאַרטיי האָט אָנגעשטופּט אין אַלע אַמטן נייע פּנימער. מען דאַרף זיין פאַרזיכטיק; מ'ווייסט נאָך נישט גענוי מיט וואָס די נייע שמעקן.

קאָנדראַטענקאָ, וואָס איז געזעסן די גאַנצע צייט קעגנאיבער פּלעטניעוון, האָט זיך אַ הויב געטאָן אויף, מיט פויערישער פּילבאַרקייט אויף אַ נישט אָפּגעדאַנקטער טובה, אַרויסגעכריפּעט:

— אַז איך האָב דיך אָבער געשלעפּט אין צוואַנציקסטן יאָר אויפן פּלייצע פון סמאָרגאָן ביז ראַדאָשקאָוויטש, בין איך נישט געווען אַזוי פּאָרזיכטיק, כאָטש די פּאָליאַקן האָבן געברענט די טריט...

דערנאָך האָט ער זיך צוריק אָװעקגעזעצט, אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, און זיך גענומען רייבן מיט די פויסטן די אויגן.

פּלעטניעוו איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער איבערן פריינדס סי־טולער פּלייצע, און נישט געוווסט וואָס ווייטער צו זאָגן. זיין שאָפער האָט פּאַרשפּעטיקט מיטן קומען אים נעמען אין מיניסטעריום, און פּלעטניעוו האָט געהאַט צייט צו שטיין אַ פּאָר מינוט און מיטפילן קאָנדראַטענקאָן; ווייל, סוף־כל־סוף זענען זיי דאָך ביידע נישט סתם קיין באַקאַנטע, וואָס עס בינדט זיי עטלעכע געשעפטן „פּאָ בלאַטו". פאָרט שטאַמט מען דאָך פון איין דאָרף, דורכגעגאַנגען האָבנט ביי האָבט דעם גאַנצן בירגער־קריג, נישט איין פּעסל זאַלץ צוזאַמען אויפ־געגעסן. אויסער דעם איז נישטאָ איין יום־טוב, דער מענטש זאָל נישט ברענגען עפּעס אין שטוב אַריין. אויף „אָקטיאַבּרסקע" טראָגט ער אָן גאַנצע אוצרות שיך און לעדער, און וואָס נישט?... ווען דער שאָ־פער האָט געקלינגען אין טיר איז שוין קאָנדראַטענקאָ געווען גרייט אָװעקצוגיין אַ צופרידענער פון זיין באַזוך. פּלעטניעוו האָט גוט אויס־געמוסרט זיין פריינד פאַר צעבאַלעווען אַזוי דעם זון, פאַרשריבן עטלעכע פּרטים, און צוגעזאָגט עפּעס צו טאָן.

געקומען צופאָרן אין מיניסטעריום האָט פּלעטניעוו זיך גלייך פאַרבונדן מיט פּעטראָווקע. צום גליק איז דער פּראָטאָקאָל וועגן דער גאַנצער באַנדע געלעגן אין די הענט פון אַ באַקאַנטן מאַיאָר, וואָס איז מיט אים אַמאָל געפאָרן קיין קאָוונע דורכפירן אַ רייניקונג אינעם דאָרטיקן מיליץ־אַפּאַראַט. אַ מינוט פינף זענען דורך די טעלעפאָן־דראָטן געלאָפן, הין און צוריק פאַרשידענע קעגנזייטיקע העפלעכ־קייטן. דערנאָך האָט פּלעטניעוו, צווישן עטלעכע סטאַנדאַרטנע אָפּאָ־

ריזמען און אן איינלאַדונג צו עסן צוזאַמען היינט מיטאָג אין „מעט־ראַפּאַל”, אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער וועגן קאָנדראַטענקאָס זון. דער מאַיאָר האָט געענפערט, אַז ביים מיטאָג וועט מען רעדן. פלעט־ניעוו האָט זיך געזעגנט און אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל. פון מאַיאָרס לעצטער פראַזע האָט ער פאַרשטאַנען, אַז יענער ווייסט אין וואָס עס גייט, און דערביי איז אים ווידער דורכגעלאָפן דורכן קאָפּ — יעדע זאַך אין דער וועלט איז צו קויפן, ס'איז בלויז אַ פראַגע פון פּרייז. נאָר וועגן דעם זאָל זיך קאָנדראַטענקאָ זאָרגן...

פלעטניעוו האָט פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס און צוגעגאַנגען צום פענצטער. נישט געקוקט אויף חודש אַפּריל זענען די טאָפּל־ראַמען נאָך נישט געווען אַרויסגענומען. די מענטשן אויף דער גאַס האָבן זיך געקרימט דורכן שלעכטן געשליף פון די צוויי שיכטן שויבן־גלאָז און, דערצו נאָך, דורכן טאַבאַק־רויך, האָט פלעטניעוו געזען די גאַנצע באַוועגונג אינדרויסן, ווי אין אַ צעבויגענעם שפּיגל. אַרבעטער קעגנאיבער, אין פופייקעס און היטלען מיט אַפּגעבונדענע אויערן־שיצערס האָבן לאַנגזאַם געשלעפּט ציגל צו אַ נייער געביידע. אַנדערע זענען געשטאַנען ביי דער בעטאָניאַרקע און געררויכערט. אינדערהויך, אויף אַ רושטאָוואַניע, זענען געשטאַנען נאָך צוויי מיט די קעלניעס אין די הענט, געזוכט עפּעס אין גרויען הימל, און גלייכגילטיק גע־וואָרט אויף אַ נייער פּאַרטיע ציגל. אין דער אָפּגעלאָזענער פאַרעניש האָבן זיך אויסגעטיילט עטלעכע פרויען, אויך אין פופייקעס, נאָר מיט ברוינע טיכער אויף די קעפּ, פאַרבונדענע מיט אַ גרויסן קנופּ. די פרויען האָבן געטראָגן איןביידע הענט פולע עמערס ווייסן קאַלך, ווי ערשט אויסגעמאָלקענע מילך. זיי האָבן שווער געטאַפּטשעט אין זייערע גרויסע וואַליקעס מיט קאַלאָשן צווישן די איבעריקע. אַ יונ־גער אַרבעטער האָט זיך אונטערגעגנבעט פון הינטן צו אַ פרוי און געפּרוּווט אָפּבינדן דעם קנופּ פונעם טוך. יענע האָט מענעריש אויפ־געהויבן אויף אים אַ האַנט, אַ פאַרבויגענע אין עלנבויגן. — אָט אַ באַבע, האָט זיך פלעטניעוו געקוויקט מיט דער סצענע און געבלאָזן דורך די נאָז־לעכער דעם רויך פון קאַזבעק־פּאַפּיראָס.

פלעטניעוו איז אַוועק פון פענצטער צוריק צום שרייב־טיש און געגומען איבערקוקן די אָנגעקומענע בריוו. ער האָט אויפגעריסן קאָנ־ווערטן, דורכגעלאָפן מיט די אויגן איבער פאַרשידענע ביטעס פון אַרעסטירטע, אָדער פון זייערע קרובים אויף דער פריי, און דערביי געטראַכט צי ס׳לוינט אָנקלינגען צו קאָנדראַטענקאָן און אים משמח זיין מיט אַ גוטן גרוס וועגן זיין זון, אָדער בעסער פאַרשלייערן דעם ענין אין שוועריקייטן, דאָס זאָל בעסער אָפּגעשאַצט ווערן. ער האָט שוין געהאַלטן ביים עפענען די אַמטלעכע בריוו, ווי אַ פאַרזיכטיק קלאַפּן אין דער קאַבינעט־טיר האָט אים אָפּגעריסן פון זיין אַרבעט. אויף דעם אויסרוף — אַריין — האָט זיין אַדיוטאַנט לייטענאַנט סעראָוו דרך־ארצדיק געעפנט די טיר און אָפּגעראַפּאָרטירט, אַז דער גענע־ראַל רופט אים צו אַ באַראַטונג. פלעטניעוו איז געבליבן זיצן ווי פאַר־פרוירן. כדי צו באַהערשן דאָס ציטערניש פון די הענט, האָט ער פאַרשטייפט אין די פינגער אַ בריוו און זיך איינגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אין ברעג שרייב־טיש. ער האָט נאָר באַוויזן צו ענטפערן מיט אַ קלאָר קול — אין אָרדענונג, איך קום באַלד — איידער דער שלונד פאַרציט זיך אַראָפּצושלינגען דאָס שפייעכץ פון פחד. סעראָוו האָט סאַלוטירט און איז אַרויס פון צימער. פלעטניעוו האָט אַרויס־געלאָזט דעם בריוו פון די הענט — זאָל זיין אַז דער מאַיאָר פון מיליץ האָט אים געמסרט? אָבער יענער האָט דאָך נישט קיין באַווייזן: ער האָט דאָך נאָך צומאָל נישט גערעדט מיט אים קלאָר ווי און ווען... און אפשר איז עס בלויז אַ באַראַטונג וועגן לויפיקע ענינים? היינט איז אָבער שבת און, געוויינטלעך, שבת ווערן נישט צונויפגערופן קיין באַראַטונגען.

די ספקות האָבן געברענט ביי אים אין קאָפּ און קיין מיושבדיקע מחשבה האָט עס נישט געקאָנט פאַרלעשן. פלעטניעוו איז געווען אויסגע־לערנט דורך נישט איין נסיון. צענדליקער חברים זענען שוין פאַר דער צייט פון זיין דינסט געוואָרן ליקווידירט און ער האָט מצליח געווען זיך אַרויסצודרייען. זיין פויערישער אינסטינקט איז אים תמיד ביי־געשטאַנען בעתן אויסקלייבן דעם שטאַרקערן צד. אפילו בעת בעריאַ

האָט אַרומגערינגלט מאָסקווע מיט טאַנקען, כדי צו פאַרכאַפּן די מאַכט, איז פּלעטניעוו גאָר אַוועקגעפאָרן קיין באַלאַכנאַ, אין דער פּאַפּיר־פאַבריק, כלומרשט פאָרשן די מעגלעכקייט פון אָפּשטעלן דעם צופיר פון פּאַפּיר פאַר דער „פּראַוודאַ", אין פאַל ווען ס'וועט נויטיק זיין צו פאַרמאַכן אויף אַ געוויסער צייט דאָס מויל פון דער פאַרטיי. זיין כיטרעקייט, אַ געירשנטע פון אבות לייב־אייגענע וואָס האָבן געדאַרפט אַ לעבן לאַנג זיך קליגן ווי אויסצומיידן דעם פּריצס רוט, האָט אים אונטערגעזאָגט אָפּצוואַרטן אינעם קליינעם שטעטל די גרויסע געשעענישן. קומענדיק צוריק קיין מאָסקווע האָט ער זיך געמאָלדן אין דער פאַרטיי, ווו מען האָט אים געלויבט פאַר נישט צושטיין צום טיראַן. צוויי חברים, וואָס האָבן געוווסט פון זיינע רייד וועגן גאַנצן ענין מיט באַלאַכנאַ, זענען, נאָכן באַהערשן די לאַגע דורכן מיליטער און דער פאַרטיי, דערשאָסן געוואָרן אָן אַ משפּט אין לוביאַנקע, און פּלעטניעוו האָט געקאָנט רויק דערציילן, אַז ער איז געפאָרן ספּעציעל צוהיטן דאָס רעגולערע צושטעלן פּאַפּיר פאַר דעם פאַרטיי־אָרגאַן. — זאָל זיין, אַז נאָך דעם אַלעם וועט ער דורכ־פאַלן צוליב קאָנדראַטענקאָס ממזר? און אפשר האָט זיך אין לוביאַנקע דורכגעזייט אַ וואָרט וועגן אים? דאָרט קאָנען זיי אַ שטומען מאַכן רעדנדיק...

פּלעטניעוו, נישט קומענדיק צו קיין פעסטן אויספיר, וועלכע השערה ס'איז די ריכטיקע, האָט צוגעשלאָסן די אויגן, אַ טרייסל גע־טאָן דעם קאָפּ, ווי אָן אָפּגעגאָסענער מיט וואַסער, און זיך אָנגע־הויבן צוגרייטן אַנטקעגן גיין דאָס באַשערטע מיט אַ רויק פּנים און פאַרקעמטע האָר. צו דעם צוועק האָט ער געעפנט דעם שופלאָד און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ שפּיגעלע מיט אַ קעמל. פּלעטניעוו האָט אָנגעשפּאַרט דאָס שפּיגעלע אָן די בריוו, געקוקט אויף זיינע גרויסע אויערן, אויפן צוגעפּלעטשטן נאָז, און אָן אומצופרידענער פון דער אייגענער מראה געגלייכט מיטן קעמל דעם שרונט אין דער האַרטער פאַטליע האָר, וועמענס שוואַרצקייט האָט גרוי געבליאַקע־וועט ביי די שלייפן און נעבן קאַרק. פּלעטניעוו האָט זיך געאיילט

צום גענעראַל און געווען בייז אויף זיך אַליין — ווי גייט מען עס אַריין צו אים מיט אַזעלכע אַנגעצונדענע אויערן? — אויך דער שראַם אונטערן לינקן אויג ביז צום מויל־ווינקל, אַ זכר פון אַ ווייסגוואַר־דייאישער שווערד, האָט זיך צערויטלט, ווי ערשט איצט פאַרנייט. ער האָט מעכאַניש געפּירט דאָס קעמל איבער די האָר און זיך איינגע־רעדט — נאָר רויק, נאָר נישט פאַרלירן דעם קאָפּ — מ׳האָט שוין געזען ערגערס.

פלעטניעוו האָט אַריינגעלייגט צוריק דאָס קעמל מיטן שפּיגעלע אין שופלאָד און זיך אויפגעשטעלט. ער האָט אַראָפּגעצויגן די פּאָלעס פון מונדיר, אויסגעגלעט די טאַשמעלעך פון די אָרדנס אויף דער ברוסט, אָפּגעפּוצט פונעם קאָלנער נישט־געזעענעם שטויב, און זיך אַוועקגעלאָזט, אַ הויכער, אַ סטאַטנער, אין פולער אַנטשיידונג, צום גענעראַלס קאַבינעט.

* * *

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז פלעטניעוו אַ הייטערער אַרויס פון גענעראַל און זיך געלאָזט מיט אַ מונטערן טראַט צוריק צו זיך אין קאַבינעט. פון זיין פּנים איז פאַרשוווּנדן די פריערדיקע געשפּאַנט־קייט. ווען דער אַדיוטאַנט איז אַריין צו אים אויף זיין רוף, האָט ער פלעטניעוון געפונען געמיטלעך זיצן ביים שרייב־טיש, פאַרנומען מיט פאַריכטן דאָס קנייטל פון זיין צינד־מאַשינקע. פלעטניעוו האָט אים געבעטן אַראָפּגיין אין אַרכיוו און איבערגעבן דעם מאַיאָר גאַלינקין, אַז ער וויל אים זען. סעראָוו האָט סאַלוטירט, זיך אויסגעדרייט אויפן קנאַפּל און אַוועק אויספירן די פאַראָרדענונג. אויפן גלייכן וועג צום אַרכיוו, האָט זיך סעראָוו געבראַכן דעם קאָפּ צו טרעפן נאָך וואָס דער נאַטשאַלניק רופט גאַלינקינען. צוערשט האָט ער געזוכט אַ רמז אויף פלעטניעווס שיקן אים צום מאַיאָר, אין דער צייט ווען מען האָט עס געקאָנט דערליידיקן דורכן טעלעפאָן. אַ דרייסיק טריט פאַר דער אַרכיוו־טיר האָט סעראָוו געפונען דערצו דעם געהעריקן באַשייד — וואָרשיינלעך וויל נישט פלעטניעוו, אַז די טעלעפאָניסטקע

און פון איר אויך אַנדערע, זאָלן וויסן וועגן גאַלינקינס באַזוך ביי
אים; אָבער וועגן וואָס דער נאַטשאַלניק וויל רעדן מיט יענעם, האָט
זיך דער אַדיוטאַנט נישט געקאָנט דערטראַכטן ביזן סאַמע טיר. ס׳וואָלט
גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן סעראָוון צו פאַרנעמען זיין קאָפּ מיט
טרעפן די רעטעניש וועגן באַפאַרשטייענדיקן שמועס צווישן די צוויי,
ווען נישט זיין פערזענלעכע פאַראינטערעסירונג אינעם גאַנצן ענין.

גאַלינקין איז נאָך דער לעצטער רייניקונג אין זיכערהייטס־דינסט אַריבערגעפירט געוואָרן אויף אַ פאַרעווער אַרבעט אין מיני־סטעירום־אַרכיוו. פריער איז ער געווען פלעטניעווס רעכטע האַנט. דער פּולקאָווניק האָט אין זיין צייט פאַרשטאַנען, אַז גאַלינקין קאָן אים אין אַ סך זאַכן בייהילפיק זיין, און טראָץ דעם, וואָס ער האָט נישט איבעריק ליב געהאַט יידן („זייער אַ כיטרע פאָלק״), איז יענער געווען ביי אים אַ יוצא־ונכנס אין קאַבינעט און, אפילו, אינדער־היים. פלעטניעוו האָט נישט פאַרמאָגט קיין סיסטעמאַטישע בילדונג, אָפּט זיך געפּלאָנטערט אין פאַרטייאישן קאַטעכיזם, אין דער צייט ווען גאַלינקין האָט געהאַט הינטער זיך אַן אַקאַדעמיע פאַר פּאָליטישער וויסנשאַפטן און דעם פרעמד־שפּראַכן־אינסטיטוט. דער רוס האָט גע־פילט דעם יידנס העכערקייט איבער אים און אים נישט ליב געהאַט דערפאַר. ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט פלעטניעוו, כלומרשט אין גוטן מוט, אַ שטאָך טאָן דעם מאַיאָר, אַז יענער איז דערגאַנגען צו זיינע עפּאָלעטן דורך די ביכער, נישט דורכן ביקס, וויסנדיק דערביי גאַנץ גענוי, אַז די קאַמפּס־אויסצייכענונג פון „דער רויטער פאָן״ און דעם „שטערן פון נצחון״ האָט מאַיאָר יורי מיראָנאָוויטש גאַלינקין באַקומען פאַרן אָנטייל אין די שלאַכטן ביי קליינקאַץ, אין פּאָמערן, אין דער צייט ווען ער, פלעטניעוו, איז געזעסן אין קויבישעוו און אָפּגעהיט די זיכערקייט פון דער עוואַקואירטער רעגירונג.

גאַלינקין איז געקומען צום זיכערהייטס־דינסט דורך ריינער איבערצייגונג, אַז דאָס איז זיין לעבנס־באַשטימונג, אין קעגנזאַץ צו דעם גרעסטן טייל, וואָס האָט זיך געריסן צום גראַנאַטענעם מונדיר צוליב מאַכט און פּריווילעגיעס. זיין יידישקייט האָט געדריקט אויף אים.

ער האָט זיך געהיט נישט צו געבן קיינעם קיין אויסרייד צו זאָגן, אַז אַ ייד היט ערגער די פּאַטערלענדישע דערגרייכונגען. און גאַלינ־קין איז געווען אַזוי בלינד איבערגעצייגט אין אָט די דערגרייכונגען, אַז ער איז מסוגל געווען צו דערשטיקן יעדן איינעם, וואָס האָט גע־צווייפלט אין דעם.

גאַלינקין, אין זיין תמימותדיקער טריישאַפט צו דער פּאַרטיי און אין זיין פאַרגעטערן דעם פירער, האָט נישט געפילט ווי ער ווערט אויסגענוצט אויף שוואַרצער אַרבעט פון רייניקן דעם וועג צו מאַכט פאַר גיריקע קאַריעריסטן און תלינים מיט אידעען. אפילו אין די טעג פאַרן טויט פונעם פירער, ווען דער גאַנצער זיכערהייטס־דינסט איז געשטאַנען גרייט זיך צו וואַרפן אויף דער מאַכט, האָט גאַלינקין זיך געפּאָרעט אין די אַקטן פון באַפאַרשטייענדיקן דאָקטוירים־פּראָצעס.

דער פירער איז שוין געווען געשטאָרבן און גאַלינקין, אין זיין אויפריכטיקן טרויער האָט, ווי אַן אמתער פּאַרטיי־מאַן, פאַרביסן פעסטער די ליפּן און אייפעריק קאָמפּלעטירט אַלע באַווייזן, כדי צוצושטעלן די שעדיקער פונעם פירערס ירושה צום גערעכטן משפט. די ידיעה וועגן דעם, אַז דער קאָפּ פון גאַנצן זיכערהייטס־דינסט איז אַרעסטירט, האָט אים געטראָפן ביי די פּראָטאָקאָלן וועגן פאַרשידענע מעדיציניש פאַרברעכנס. צום ערשטן מאָל, נאָך יאָרן פאַרהאַרטעוועטן דינסט, האָט גאַלינקין זיך דערשראָקן פאַר די אייגענע מחשבות. דער צווייפל איז פאַרקראָכן אין זיין געמיט און ווי אַ מויז געגריזשעט די זכרונות פון פאַרגאַנגענע אויספאָרשונגען, פּראָצעסן און פאַרשיקונגען, צו וועלכע ער האָט צוגעלייגט אַ האַנט מיט אַזאַ רויקן געוויסן. לאַנג זיך גריבלען אין דעם פאַרגאַנגענעם האָט מען אים נישט געלאָזט. גלייך ביי דער ערשטער רייניקונג האָט ער אויף דער אייגענער הויט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ געפּאָרשטן, וואָס איז גרייט פאַר אַ שעה שלאָף זיך מודה זיין, אַז ער האָט באַהאַלטן אַ טאַנק אין וועסטל־קעשענע. אין קורצן האָבן די נייע הערשער זיך איבערצייגט, אַז ער איז בלויז געווען אַ געזעלן ביי יענעם, און באַשלאָסן ווייטער אויסצונוצן זיין ערלעכקייט. נישט האָבנדיק אונטער דער האַנט קיין קלאָרע פּלענער אויף וואָס

אים אַמבעסטן אויסצונוצן, האָט מען אים אַריבערגעפירט אויף אַרבעט אין אַרכיוו.

סעראָוו איז שוין צוריק געגאַנגען פון אַרכיוו צו פלעטניעווס קאַבינעט מעלדן וועגן דאָס אויסגעפירטע און נאָך אַלץ נישט געקו־מען צו דער געהעריקער מסקנה וועגן וואָס גאַלינקין איז גערופן גע־וואָרן. אין דער גאַנצער זאַך האָט אים אינטערעסירט בלויז איינס — צי רופט מען נישט אַמאָל גאַלינקינען צוריק אויף זיין פריערדי־קער אַרבעט. לייטענאַנט סעראָוו האָט רעפלעקטירט אויף איר און ער איז שוין געוועזן אש־להבה אויף דעם יידן, נאָך אפילו נישט וויסנדיק זיכער צי ער דאַרף זיך קלעמען וועגן דעם אָדער נישט; אמת, גאַ־לינקין האָט מער בילדונג, מער דערפאַרונג, אָבער גענוג זיי, די אַב־ראַמאָוויטשעס, צו קריכן אינדערהויך...

* * *

פלעטניעוו האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרשניידן דאָס קנייטל פון דער צינד־מאַשינקע ווען גאַלינקין איז אַריינגעקומען אין קאַבי־נעט. גאַלינקין איז שוין דאָ אַ צייט נישט געווען און ער האָט זיך אַרומגעקוקט ווי אַ נייער באַזוכער. הינטער פלעטניעווס פאַטעל האָט געפעלט די ליטאָגראַפיע פונעם פירערס בילד מיט אַ קינד אויף די הענט. אַזוי איז אַלץ אין קאַבינעט געבליבן ווי געווען. דערזעלבער געשניצטער שרייב־טיש מיט די פּאָר נעבן־שטייענדיקע, האַרטע שטולן און די קאַזיאָנע שאַפע אויף דאָקומענטן. פלעטניעוו האָט זיך אויך איינגעקוקט אין גאַלינקינען, ווי ער וואָלט אים געזען דאָס ערשטע מאָל. דער מאַיאָר האָט זיך יאָ געענדערט, די אַקסלען האָבן זיך ביי אים אַראָפּגעלאָזט, דער מונדיר איז שוין נישט געלעגן אַזוי אַקוראַט ווי אַמאָל. דאָס קיטל האָט אויסגעזען אויף זיין אָפּגעפאַלענעם, מיטל־וווקסיקן גוף ווי צו גרויס. צוויי קנייטשן האָבן זיך פאַרטיפט פון ביידע זייטן נאָז־פליגלען, דער גלאַנץ פון די שוואַרצע אויגן האָט

זיך פאַרטונקלט, זיין אַליווע הויט האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ געלקייט און דער שאַרפער בליק איז ערגעץ פאַרלוירן געוואָרן. פלעטניעוו האָט אים פאַרגעלייגט זיך זעצן און גאַלינקין האָט זיך אָוועקגעזעצט קעגנאיבער אים, מיט צונויפגעלייגטע הענט צווישן די קני.

פלעטניעוו האָט זיך באַקוועמער איינגעזעצט אין פאָטעל. ווי אַ קאָטער נאָכן פאַרצערן אַ נאַשעריי, האָט ער אויסגעצויגן אַ צופרי־דענער ביידע פיס פאַר זיך, און אָנגעהויבן דאָס געשפּרעך אין אַ פאַמיליאַרן טאָן פון אַן אַלטן אַרבעטס־געבער צו זיין אויסגעהאָדע־וועטן געהילף.

— נו, וואָס, יורי מיראָנאָוויטש, זענען מיר שוין ביידע ווידער צוזאַמען... כ׳בין געווען ביים גענעראַל און מיר האָבן גערעדט וועגן אייך. דאָס הייסט, נישט וועגן אייך דירעקט. כ׳האָב אונטערגערוקט דעם גענעראל אַ מחשבה אייך משתּף צו זיין אין אַן ענין, וואָס ס׳איז צו גלויבן, אַז איר וועט אים דערליידיקן. און אַז איר וועט עס דערליידיקן, ליבינקער, וועלן מיר זען וואָס ווייטער. איר ווייסט דאָך אַמבעסטן ווי איך האָב געשעצט אייער אַרבעט. אמת, איר האָט דאָ און דאָרט אַ ביסל איבערגעזאַלצן, אָבער... נו, נישט וויכטיק... וועגן דעם אַן אַנדערש מאָל. אַלזאָ, חבר גאַלינקין, דער ענין איז אַזאַ: — דער שרייבער־פאַרבאַנד האָט לויטן אויפטראַג פון אויסערן־מיניסטעריום איינגעלאַדן אַ דעלעגאַציע מערבדיקע קולטור־טוער. צו דעם באַפאָרשטייענדיקן באַזוך איז געווען געפּלאַנט אַ פייערלעכער אָוונט אין שרייבער־פאַרבאַנד מיטן אָנטייל פון די געסט און אייניקע קרובים פון די וויכטיקע שרייבער, וואָס זענען נישט צוריקגעקומען נאָכן באַשלוס וועגן באַפרייען זיי... איר ווייסט דאָך וועמען איך מיין...

— יאָ, איך ווייס. איר מיינט די יידישע שרייבער.

— אין דעם פאַל מיין איך בלויז זיי; כאָטש אייך איז גוט באַקאַנט, אַז אויסער זיי זענען געווען נאָך אַנדערע געליטענע. נאָר לאָמיר נישט אָוועקגיין פון דער טעמע. יאָ, איז צווישן אַנדערע גע־

שיקט געוואָרן אַן איינלאַדונג צו דער אלמנה פון פּאָעט מאַרקין אַזוי דוכט זיך האָט ער געהייסן, נישט אמת?

— אמת, איר דאַרפט אפשר די טעקע פון זיין ענין?

— ניין, ניין. נישט וועגן דעם וויל איך איצט רעדן. ס'איז עפּעס אַנדערש... שטעלט זיך פאַר, אַז די בירגערין מאַרקין האָט צוריקגעשיקט די איינלאַדונג. איר פאַרשטייט? צוריקשיקן אַן אָפיציעלע איינלאַדונג פון שרייבער־פאַרבאַנד? דעם גאַנצן דרך־ארץ צו איר טרויער, אָבער זי דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז קודם־כל איז זי אַ בירגערין און דערנאָך אַן אלמנה... אַנטשולדיקט מיר, יורי מיראָנאָוויטש, וואָס איך רעד מיט אַזוי אויף, אָבער ס'איז שווער זיך צו באַהערשן; שטעלט זיך פאַר — די רעגירונג האָט באַשלאָסן זייער פולשטענדיקע רעהאַביליטאַציע, דאַרף דאָך יעדער בירגער העלפן דורכפירן דעם דאָזיקן באַשלוס. ס'וואָלט געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעך גוטן איינדרוק אויף די דעלעגאַטן ווען די בירגערין מאַרקין זאָל זיין אויף דער אויפנאַמע און דעמאָנסטרירן אַזוי אַרום איר באַגריסונג צום רעגירונגס־באַשלוס. זי איז באַקאַנט אין אויסלאַנד און דאָס איז פאַר אונדז זייער וויכטיק. ס'וואָלט נאָך בעסער געווען זי זאָל, רעדנדיק מיט זיי, באַלויכטן די פּיינלעכע געשעענישן אין אַ ריכטיק ליכט... פאַרשטענדלעך דאַרף מען זי צו דעם צוגרייטן, איר אָנווייזן אַ פּאַסיקן אַרגומענט... איז וועגן וואָס האָבן מיר גערעדט? יאָ, וועגן דער צוריקגעשיקטער איינלאַדונג. דער שרייבער־פאַרבאַנד האָט וועגן דעם געשריבן צום אויסערן־מיניסטעריום און דאָס אויסערן־מיניסטעריום האָט אונדז איבערגעגעבן דערליידיקן דעם ענין. זיי האַלטן, אַז די בירגערין מאַרקין מוז קומען, ווייל איר אָפּוועזנהייט וועט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַן אויסדרוק פון פּראָטעסט, און בכלל... מען דאַרף זי דאָרט זען...

פּלעטניעוו האָט אויסגעצויגן צו גאָלינקינען דאָס שאַכטל פּאַפּיראָסן — ביטע, נעמט אַ פּאַפּיראָס, און זיצט נישט ווי אַ פאַרמשפּטער. יורי מיראָנאָוויטש, דער ענין איז זייער אַ דעליקאַטער. אַמאָל וואָלט מען עס געקאָנט דערליידיקן אַנדערש, אָבער איצט איז

אַן אַנדערע צייט און דעריבער דאַרף מען געפינען דעם ריכטיקן צוגאַנג צו דער בירגערין מאַרקין. דער גענעראַל און איך גלויבן, אַז דער איינציקער, וואָס וועט מצליח זיין — דאָס זייט איר.

— איך? — גאַלינקין האָט זיך אַ הויב געטאָן פון שטול.

— חבר מאַיאָר, זעצט זיך און קוקט נישט אויף מיר ווי איך וואָלט אייך געזאָגט דער טייוול ווייסט וואָס.

— יאָ אָבער...

— קיין אָבער. מיר געדענקען זייער גוט, אַז איר האָט גע־פּאָרשט איר מאַן, געפירט זיין ענין, אייער גיין צו איר וועט דינען ווי אַן אויסדרוק פון אויפריכטיקער חרטה אויף דעם געשעענעם. וואָס וועט איר אַ בייער קאָנען זאָגן? ער וועט קאָנען בלויז באַשמוצן די אַלטע, אָבער דאָס וועט זי נישט איבערצייגן, און צווינגען איר צו גיין איז זייער שווער. די פּאַרטיי קוקט קרום אויף דעם. איר וועט אַוועקגיין צו איר, זיצט רויק און הערט מיך אויס, איר וועט אַוועק־גיין צו איר און דערקלערן, וואָס די רעגירונג און די פּאַרטיי דער־וואַרטן פון איר אַלס בירגערין און אַלס געוועזענער פּאַרטיי־חבר, ווען ס׳וועט אינגיכן צוריקגעגעבן ווערן דער פּאַרטיי־בילעט.

— זי וועט נישט וועלן רעדן מיט מיר.

— זי וועט יאָ רעדן, כאָטש מ׳האָט מיר דערציילט, אַז זי איז זייער אַן אַמביציעזע, זי האָט אפילו צוריקגעוויזן די פינף טויזנט רובל אַנטשעדיקונג; אָבער טראָץ דעם וועט זי רעדן. יורי מיראָ־נאָוויטש, מיר זענען דאָך אייגענע מענטשן, וועלן מיר זיך נישט שרעקן פאַר אַן אויפריכטיק וואָרט. ס׳האָט נאָך נישט געטראָפן, אַז אייעריקע, דאָס הייסט, פּשוט, יידן רעדן זיך נישט צונויף... אויסער דעם קומט איר צו איר נישט מיט אַ באַפעל.

— אָבער טראָץ אייערע אַרגומענטן, חבר פּאַלקאָווניק, קלינגט עס פאַר מיר ווי אַ באַפעל.

פּלעטניעוו האָט אַרויסגענומען פון מויל דעם פּאַפּיראָס און אים אַ וואָרף געגעבן מיט רוגזה אין ווינקל־צימער.

— מאַיאָר גאַלינקין, דערווייל זענט איר נאָך אין דינסט און

דאָס פאַרפּליכטעט! אַמאָל וואָלט איר נישט געהאַט די העזה מיר צו זאָגן אַזוינס! ס'קאָן אויך זיין, אַז איך וואָלט מיט אייך אַזויפיל נישט אַריינגעטענהט; אָבער אויך די נייע צייט דערלויבט נישט קיין דיסציפּלין־ברוך. מיר איז באַוווּסט, אַז איר האָט זיך אָפּגעלאָזט, איר האָט לעצטנס אָנגעהויבן טרינקען. דער פּאַרטיי איז נאָך דערוויילי אינגאַנצן נישט קלאָר אייער שטעלונג צו די לעצטע ענדערונגען, און צי קאָן מען בכלל אייך טרויען. דאָס אַלץ איז ווייט נישט לטובת אייך. איר האָט איצט אַ געלעגנהייט זיך צו ווייזן, איז לאָזט עס נישט אַדורך און גייט אויספירן דאָס אַרויפגעלייגטע אויף אייך.

פלעטניעוו האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צום פענצ־טער. די אַרבעטער אויף דער בויאונג האָבן זיך געקליבן גיין אַהיים. אַ טייל האָט צונויפגענומען די געצייג, די איבעריקע האָבן געריבן די הענט, כדי צו געווינען וואַרימקייט אין די פינגער אויף צו פאַר־שפּיליען אַלע קנעפּ פון דער פופייקע. דער פּאַלקאָווניק האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט ער זיך גע־דאַרפט טרעפן אויפן אָפּגערעדטן מיטאָג מיטן מאַיאָר פון פעטראָווקע. דער פאַרגעשמאַק פונעם געבראָטנס אַלאַ „סטראָגאַנאָף" און דאָס פלעשל קאָטעכינער האָט אַ ביסל פאַריכט זיין שטימונג. ער האָט באַשלאָסן צו פאַרווייכערן דאָס געשפּרעך.

— יורי מיראָנאָוויטש, איך בין זיכער, אַז איר וועט מצליח זיין. זייט נישט געפאַלן ביי זיך. אַלץ וועט גוט זיין. איר דאַרפט מאָרגן גיין צו דער בירגעריין מאַרקין. מאָרגן אין אָוונט טרעפן מיר זיך מיטן גענעראַל אויף אַ ספּעציעלער באַראַטונג וועגן עטלעכע ענינים. דער אַלטער פאָרט אַוועק מאָנטיק פרי פון מאָסקווע און ער וויל אַלץ וויסן פאַר זיין אָפּפאָר. מירן זיצן אין מיניסטעריום זיכער ביז איינס־צוויי אין דער נאַכט, איז קומט צופאָרן און גיט אונדז איבער וועגן אייער באַזוך ביי איר.

פלעטניעוו איז צוריקגעגאַנגען צום שרייבטיש און אָנגעהויבן אויפלייגן די בריוו. גאַלינקין איז נאָך אַלץ געזעסן אויפן שטול. ס'איז געבליבן צווישן זיי עפּעס ווי נישט דערזאָגט. דער פּאַלקאָווניק

א. קאַרפּינאָוויטש

האָט נישט געוווסט מיט וואָס צו פאַרענדיקן דאָס געשפּרעך און געמורמלט ווי צו זיך אַליין:

— קאַלט אינדרויסן... אַ שפּעטער פרילינג...

גאַלינקין האָט אים אָנגעקוקט און נאָכגעשעפּטשעט:

— יאָ, אַ שפּעטער פרילינג... דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן און אָן אַ סאַלוטירונג אַרויס פון קאַבינעט.

II

דעם גאַנצן זונטיקדיקן פאַרמיטאָג האָט זיך גאַלינקין געדרייט איבער די קרומע, שמאָלע געסלעך, וואָס אַרום טאַגאַנסקן סקווער. אפשר אַמאָל צען איז ער דאָרט פאַרבייגעגאַנגען אַן איינשטאָקיק הויז מיט אַ צעשיילטן פאַסאַד, און אַ פאַרסאַדזעטן, פינצטערן הויף, ווי אַ קוזשניע־איוון. עטלעכע טריט פאַרן הילצערנעם טויער, וואָס האָט פאַרענדיקט זיין עלטער, הענגענדיק אויף איין זאַוויאַסע, פלעגט גאַלינקין אַ הויב טאָן אויף אַ רגע דעם קאָפּ צו אַ שמאָלן פענצטער און אַוועקגיין ווייטער, ביזן ראָג געסל. דאָס נאַקעטע פענצטער, אָן אַ פאָרהענגל, ווי אַ קינסטלעך אויג, האָט נישט דורכגעלאָזט קיין צייכן פון לעבן. גאַלינקין האָט ווידער אָנגעהויבן, שוין דאָס וויפלטע מאָל, דעם זעלבן מאַרש. דאָס מאָל האָט ער שוין נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום פענצטער, נאָר אין דער גיך אַריין אין הויף, און זיך געלאָזט צו די שמאָלע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום אויבערשטן עטאַזש. גאַלינקין איז אַרויפגעגאַנגען אַ פּאָר טרעפּלעך, זיך אָפּגעשטעלט. אַ קוק געגעבן אויפן לעצטן, אויבערשטן טרעפּל, מעסטנדיק מיטן בליק זיינע כוחות, צי זיי וועלן סטייען זיך אויפצוהויבן ביז דאָרט, און אַראָפּ צוריק. ———

אויפן סקווער האָט ער גענומען דעם טראַמוויי, צוגעפאָרן ביז דער נאָענטסטער סטאָלאָווע, באַשטעלט דרייהונדערט גראַם בראָנפן מיט עטלעכע געזויערטע פאָמידאָרן, אויסגעטרונקען, פאַרביסן, און אַוועקגעפאָרן צו זיך אַ היים.

גאָלינקין איז געלעגן ביי זיך אויפן בעט אַ פאַרטשאַדעטער פון דעם בראָנפן און נאָך אַלץ נישט געוווּסט צי וועט ער וואָגן אויפצו־עפענען די צעדראַפּעטע, אָפּגעקראָכענע טיר דאָרט, אינעם האַלב־חרובן הויז, אַרום וועלכן ער האָט זיך געדרייט דעם גאַנצן פאַר־מיטאָג. ער האָט אונטערגעלייגט ביידע הענט אונטערן קאָפּ, ז״ך איינגעשפּאַרט מיט די שטיוול אין די אייזערנע קראַטעס פון בעט־ווענטל, און געזוכט אין זיך די זיכערקייט, מיט וועלכער ער האָט געעפנט אַמאָל אַן אויסגעפּאָלירטע טיר אין איינעם פון די בייע־הייזער־בלאָקן, נעבן קאַשירסקן שאָסיי. דער בראָנפן האָט צעוואַרעמט זיין געדעכעניש און ער האָט פאַרנעפּלט געהאַפּט אַרויסצושעפּן פון דאָרט כאָטש אַ שמץ זיכערקייט, וואָס איז אים נויטיק געווען פאַרן באַזוך ביי דער פּרוי מאַרקין.

— „מאַיאָר גאָלינקין, דער ענין איז פון העכסטער מלוכה־וויכ־טיקייט. איר מוזט אַליין פאַרן דורכפירן דעם אַרעסט. די פּאַרטיי און די רעגירונג האָבן אייך אָנגעטרויט אַ וויכטיקן ענין”... און ער, אַ שטאָלצער אויף דעם צוטרוי, איז געפאָרן אין דער שפּעטער נאַכט איבערן קאַשירסקן שאָסיי מיט אַ קאָנוואָי צו מאַרקינס וווינונג. מאַרקין איז וואַרשיינלעך געזעסן ביי זיין אַרבעט. ער איז געווען אָנגעטאָן. זי, די פּרוי מאַרקין, איז אַרויסגעלאָפן פון אַנדערן צימער, געשפּילט מיט צעציטערטע הענט דעם קאַפּאָט און געמורמלט — איין מינוט... וואַרט... די סאָלדאַטן האָבן פאַרבליפט געקוקט אויף איר ווייסן האַלדז, אויף דעם טיפן שניט צווישן די ברוסטן, ווען די רו״טע זיידענע לאַצן פונעם קאַפּאָט האָבן נאָך שאַרפער אויסגעטיילט. מאַרקין האָט איר אַרויפגעוואָרפן אַ וואָלענעם שאַל אויף די אַקסלען און עטלעכע רגעס זענען זיי געבליבן איינגעקלאַמערט איינער אין אַנדערן ווי צוויי קלעטער־געוויקסן. די זעלנער האָבן זיך פאַרלוירן און ער האָט געמוזט דורך דעם לייטענאַנט, וואָס האָט אים באַגלייט, שטרענג באַפעלן זיי זאָלן טאָן זייער פליכט.

נאָכן ענדיקן די אויספאָרשונגען האָט ער באַקומען אַ צוויי־וואָכן אורלויב אין סאָטשי. ער איז אַרומגעגאַנגען אינעם דאָרטיקן

אָפּיצירן־הויז מיט אַ באַנד פּושקין אונטערן אָרעם, באַוווּנדערט, צו־גלייך מיט אַלעמען, דעם קרימער הימל, געפּירט באַלערנדע שמועסן וועגן אָפּהיטן די גאַנצקייט פונעם פאַטערלאַנד, און געהאַט הנאה פון די צופרידענע פּנימער אויף די פּאַטאַס אין „אָגאָניאָק". איידער גאַלינקין איז אַנדרימלט געוואָרן, האָט ער נאָך באַוויזן אַ שמייכל טאָן מיט אַ האַלב מויל צו זיינע נאָאיווע זכרונות. דערנאָך האָט ער ווידער דערזען דעם שאַל, וואָס מאַרקין האָט אַרויפגעוואָרפן זייַן ווייב אויף די אַקסלען. דער שאַל האָט פאַרצויגן גאַלינקינס האַלב־אָפענע אויגן און ער איז איינגעשלאָפן.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין אינדרויסן געווען טונקל. גאַלינקין האָט זיך אַ הויב געטאָן פון בעט מיט אַזאַ ענערגיע, כאילו דער באַשלוס צו פאָרן צו פרוי מאַרקין איז צייטיק געוואָרן אין שלאָף און נישט געלעגן אַ פאַרטייעטער אין מוח, גרייט אויפצושפּרינגען ביי דער מינדסטער דערמאַנונג וועגן פלעטניעווס באַפעל. ער איז לאַנג געשטאַנען ביים וואַש־טיש, פלייסיק געריבן די באַקן מיטן ראַזיר־פּענדזל און געגנאַרט זיך אַליין, אַז דורך נאָך אַמאָל איבער־ציען די באַקן מיטן גאָל־מעסער, וועט ער קומען צו זיין אַמאָליקער מראה: אַ פאַרעקשנטער אונטערקין און אַ האַרבער, פאַרשערישער בליק. ער האָט זיך געסטאַרעט מיט אַלע כוחות צוצופּאַסן דאָס פּנים צום מונדיר, וואָס ער האָט געקנעפּלט ביזן האַלדז, ווי אַ פּאַנצער קעגן יעטוועדער קווענקלעניש, און זיך געקרעקט מיט די אייגענע איינרעדענישן — פלעטניעוו שיקט אים נישט, די פאַרטיי שיקט אים. ער וועט נישט ברעכן די דיסציפּלין, ער איז איבער צוואַנציק יאָר פאַרטיי־חבר און וועט נישט פאַרווישן כמעט אַ העלפט לעבן זיינס מיט איין שמיר — די פאַרטיי האָט פאַרפירט. אמת, מ'האָט געמאַכט פעלערן... ער אַליין... אָבער מען דאַרף נישט פאַרלירן דעם צוטרוי צו דער פאַרטיי. ער וועט אויפקלערן דער בירגערין מאַרקין וועגן אירע פליכטן מיטצוהעלפן צום ווידער־אויפבוי פון דער נייער מאָראַל. די פאַרטיי וועט עס באַגריסן...

גאַלינקין האָט פאַרצויגן דעם פּאַס, פאַריכט די קאָבורע מיטן

רעוואָלווער אויפֿן זייט, און אַרויס אויפֿן גאַס. נאָך שעהן זיין אינעם פּייכטלעך־קאַלטן צימער האָט ער אינסטינקטיוו געוואַרט אויף אַ וואַרעמען אַפּריל־אָוונט, אָבער אויך דאָ, אינדרויסן, האָט אַ שאַרפער ווינט נאָך אַלץ געטריבן צוריק דעם פרילינג. גאַלינקין האָט אויפגעשוידערט און פאַרשנעלערט זיין טראָט אין דער ריכטונג צום מעטראָ.

* * *

די קוראַנטן אויפֿן קרעמל האָבן געשלאָגן צוועלף. גאַלינקין איז געזעסן אויף אַ באַנק פון סקווער הינטערן קורסקן וואָקזאַל. די שפּעטע נאַכט־שעה האָט אָפּגערוימט פון אַלע איבעריקע בענק די סאַמע אייפעריקסטע ליבע־פּאַרלעך; און אפשר נישט אַזוי די שפּעטע שעה, ווי די ביטערע קעלט, וואָס האָט געיאָגט פּראַנק און פריי פון די ליידיקע פעלדער איבערן באַן־פּלאַנט. גאַלינקין האָט איינגעבוירעט דעם קאָפּ אינעם אויפגעשטעלטן קאָלנער פון שינעל. אינגאַנצן האָט ער געהאַט צוצוגיין צום שטוב אַ פּאָר הונדערט מעטער, ביז צו דער טשערנישעווסקי גאַס, און דאָך איז ער דאָ געזעסן און געפרוירן. ער האָט נישט געוואָלט גיין אַ היים. אינדרויסן האָט זיך אים געדוכט, ווען ער קאָנען בעסער אויפבינדן די געשעענישן, זינט ער איז אַרויס פון שטוב. די פּאָר גלעזלעך, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען נאָכן פאַר־לאָזן דער בירגערין מאַרקינס וווינונג האָט אים געהאָלפן אויסהאַלטן די קעלט. דער גלאָקן־קלאַנג פונעם זייגער אויפֿן קרעמל־טורעם האָט אים טויב געשלאָגן אין די אויערן, ווי ער וואָלט געלעגן אונטער אַ טיף וואַסער. גאַלינקין האָט פאַרלוירן דעם חשבון פון צייט. אים איז אויסגעקומען, אַז ער דאַרף נאָך גיין צו דער בירגערין מאַרקין און רעדן מיט איר. נישט איבערצייגן איר, אַז זי דאַרף אָנטיילנעמען אין דער אויפנאַמע, נאָר דערציילן איר זיינע ספקות און זוכן איר בליק, זי זאָל אויך אין אים דערזען אַ קרבן.

ער איז אין די געדאַנקען צוריקגעגאַנגען צו יענער רגע, ווען ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער מעטראָ־סטאַציע קורסקאַיאַ, און

אַוועקגעפאָרן צום טאַגאַנסקין סקווער. שיטער־צעשטעלטע טונקעלע פאַנאַרן האָבן אים באַלויכטן דעם וועג דורך די געסלעך. דאָס צימער האָט נישט געהאַט קיין פּאַרהויז און גלייך פון די טרעפּ איז ער אַריינגעפאַלן אין אירע ד׳ אמות. זי איז געזעסן נעבן פענצטער ביי אַ טישל. אַ רגע איז ער געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. צו שנעל איז עס פאָרגעקומען, דאָס טרעפן זיך פּנים אל פּנים. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און אים אָנגעקוקט. ער האָט אויסגעמיטן איר בליק און אַראָפּגעלאָזט די אויגן צום טישל. דאָרט האָבן זיך געבערגלט פּעקלעך האַלב־פאַרקלעפּטע קאָנווערטן מיט צעעפנטע פאַלעס — די פּרנסה, וואָס דער שרייבער־פאַרבאַנד האָט איר צוגעטיילט נאָכן מאַנס טויט. דערנאָך האָט ער אָפּגעהוסט. ניין, נישט אמת, פריער האָט ער זיך געמאַכט קוראַזש און געפרעגט צי זי וועט אים דערלויבן זיך זעצן, און ערשט נאָכדעם האָט ער אָפּגעהוסט — אָבער וואָס איז וויכטיק, צו אַלדי רוחות? זי איז געשטאַנען קעגנאיבער אים מיט דעם זעלבן שאַל אויף די אַקסלען און דער דאָזיקער פאַרשאָלטענער שאַל האָט אים צעמישט די רעיונות. ער האָט גערעדט צו איר און נישט געפילט קיין טעם אין די אייגענע רייד, ווי ער וואָלט געטרונקען רעגן־וואַסער: די פאַרטיי, די רעגירונג, זי דאַרף פאַרשטיין, זי דאַרף זיין גליקלעך... זי איז געשטאַנען קעגנאיבער און צומאָל נישט אַ פּינטל געטאָן מיט אַן אויג. באַדיי וואָלט זי פאַרביסן אַ ברעג שאַל און דאָרט שטיל אַריינגעהעשעט; אָבער זי איז געשטאַנען קעגנאיבער און געקוקט אויף אים נישט צומאָל אַ פּינטל טאָן מיט אַן אויג. אַזוי ווי ער פערזענלעך וואָלט שולדיק געווען, וואָס דאָס קינד איז געשטאָרבן ערגעץ אויף פרעמדע הענט, בעת איר אַרעסט, און וואָס דער מאַן איז געפאַלן אין לאַגער. ער האָט דייטלעך געזען ווי איר האַנט, אַן אָנגעשפּאַרטע אין בלאַט פון טישל האָט געציטערט. די בערגלעך נישט פאַרקלעפּטע קאָנווערטן האָבן זיך פונאַנדערגעשאָטן. ער האָט גערעדט און איר בליק איז געוואָרן פון מינוט צו מינוט אַלץ שטאַרער. דאָס גאַנצע פּנים אירס איז ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. ער האָט אָפּ־געווענדט דעם קאָפּ און געוואָרפן די פּראַזן פאַרביי איר, אין ווינקל

דער וועג קיין סדום

צום מיסט־עמער מיטן פרימוס — — — — — — — — — — — — — —

אַ שניידיקער ווינט האָט זיך אָפּגעריסן פון ערגעץ און זיך אַ טראָג געטאָן דורכן סקוועער. די קעלט האָט שוין צופיל דערקוטשעט. גאַלינקין האָט זיך אויפגעהויבן פון באַנק און זיך געלאָזט גיין, באַפּעלנדיק זיך אַליין — גענוג צו טראַכטן וועגן דעם, פּלעטניעוו וואַרט!

ער האָט געטריבן פון זיך די פּרטים פון דער צעשיידונג מיט דער בירגערין מאַרקין, אירע קאַרגע רייד דערביי, און דער ווינט האָט עס אים אַלץ צוריקגעוואָרפן מיט אַ געוואָי.

— „גוט, זאָגט זיי, אַז איך וועל קומען, מיין מאַן איז אויך געגאַנגען... זאָגט זיי, די...

אַ רגע האָט ער געוואָרט צו הערן פון איר, וואָס ער זאָל זיי נאָך זאָגן, זי האָט אָבער איבערגעריסן אין מיטן. ער איז צוגעגאַנגען צו איר נאָענטער און איר אויסגעשטרעקט אַ האַנט. איצט, ווען בלויז איין שפּאַן האָט זיי פונאַנדערגעשיידט, האָט ער געקאָנט דייטלעך אַראָפּלייענען פון איר פּנים די פאַראַכטונג. איר געזיכט האָט זיך צעקרימט פון עקל, ווי אין דער נאָענטקייט פון אַ שרץ.

גאַלינקין האָט זיך איינגעקוטעט אין שינעל און אַ פאַרביסענער געשפּאַנט קעגן ווינט — צום טייוול מיט איר אינגאַנצן; איז דען וויכטיק איר פאַראַכטונג? האָט זי מיר נישט געגעבן די האַנט; דער עיקר, זי וועט קומען צו דער אויפנאַמע און פּלעטניעוו וועט זיין צופרידן פון אים. מען דאַרף צופאָרן אין מיניסטעריום, ס'איז שוין זייער שפּעט.

ער האָט געמאַכט נאָך עטלעכע טריט און זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ צווייטער באַנק. זיין באַלדיקער טרעפן זיך מיט פּלעטניעוון איז אים דורכגעלאָפן פאַרביי די האַלב־פאַרזשמורעטע אויגן און אים געצווונגען זיך אָפּצושטעלן. פּלעטניעוו וועט זיין צופרידן פון אים. ער וועט אים אפשר אַ פּאַטש טאָן אין פּלייצע — מאַלאַדיעץ, גאַלינקין, כ'האָב גלייך געוווסט, אַז איר וועט עס דערליידיקן. יידן רעדן זיך צונויף... דערנאָך וועט ער לאַכן, ער וועט זיך טרייסלען פאַר געלעכטער, יידן רעדן זיך צונויף...

— אָך, פאַרשאָלטענער, — גאַלינקין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן באַנק און מיט פאַרביילטע פויסטן זיך אָנגעהויבן קלאַפּן אין די שלייפן: פלעטניעוו וועט מיך אויך פאַראַכטן... יידן רעדן זיך צונויף...

גאַלינקין האָט זיך מיטאַמאָל ווי אויסגעניכטערט. ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט און רויק געבליבן זיצן מיט אַן אויסגעגלייכטן רוקן צוגע־שפּאַרט צום װענטל פון באַנק. — ניין, מיר האָבן זיך נישט צונויפּ־גערעדט, כ׳וועל עס אים באַווייזן, זאָלן זיי שיקן אַ באַפעל צו איר, נישט קיין איינלאַדונג. צו לייכט קומט זיי אַלץ אָן מיט די יידן. און איך... איך מוז געווינען צוריק איר אַכטונג... ניין, זייער אַכטונג... דאָס אַלץ. נישטאָ וואָס צו זוכן ביי איר קיין פאַרשטענדעניש. גאַלינקין בינדט נישט זיין גורל מיט קיינעם. ער צאָלט אַליין זיינע חשבונות...

איינזאַמע לאַקאָמאָטיוון האָבן מיט נאַיענדיקע פייפערייען מאַ־נעווורירט אויף די באַן־ליניעס. דער ווינט איז געלאָפן מיט אַ געביי־זער צווישן דיביימער, זוכנדיק ווו אָפּצורייסן אַ העזהדיק בלעטל אָדער אַ צו פרי־געעפנטן קנאָספּ. דער רעוואָלווער־שאָס האָט זיך פאַרלוירן צווישן ווינט און די לאַקאָמאָטיוון, זיין עכאָ איז פאַרפלויגן אין חושכדיקן פעלד. גאַלינקין איז אַראָפּגעזונקען אויף דער ערד. דאָס בלוט, וואָס איז אים גערונען פון מויל, האָט זיך געזאַמלט אין אַ גריבל, נעבן פיסל פון באַנק. די ערד האָט עס נישט איינגעזאַפּט, ווייל זי איז נאָך געווען גוט האַרט און פאַרפרוירן צוליבן שפּעטן פרילינג.

פאַרטייטש-צעטל

ספּאַנדזשע — אויפרוימען

פּתיליה — נאַפּט־מאַשינקע

בית־ספר — שול

גברת — מאַדאַם

מורה — לערער

טיול — שפּאַציר

כיתה — קלאַס

משרד — ביוראָ

גלידה — אייז־קרעם

תחנה — סטאַציע

מכלת — שפּייז־קראָם

עמוד — סלופּ

סאַברע — קאַקטוס־פּרוכט

לבניה — זויער־מילך

שעורים — לעקציעס

סרט — פילם

שכונה — קוואַרטאַל

עוגות — קיכלעך

פּועל — אַרבעטער

מזנון — בופעט

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק
זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדע ביכער:

י. זרובבל:	בלעטער פון אַ לעבן (2 בענדער)
מענדל מאַן:	נאַכט איבער גלושינאָ
אברהם סוצקעווער:	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן:	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי:	בילדער און דערציילונגען
פאַפּיערניקאָוו:	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן:	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק:	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין:	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קיבוץ לעבן)
מלך נוי — ניישטאַדט:	דאָס ערשטע און דאָס צענטע יאָר מדינת־ישראל
אפרים שרייער:	קונסט און טעאַטער (העברעיש)
יצחק לעוו:	אין געראַנגל — געקליבענע שריפטן
מרדכי יפה:	צען ישראל־דיכטער
יצחק פאַנער:	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פרץ גראַנאַטשטיין:	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפער:	אַ הויף אויף פּאַקאָרנע (2 בענדער)
נחמן דרוזדוב:	אחד העם
עזרא קאָרמאַן:	צייכנס און צירופים
ה. לייוויק:	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
י. לעשצינסקי:	הדמות הלאומית של יהדות הגולה (דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות־יידנטום) — עברית
יעקב פאַט:	שיחות עם סופרים יהודיים (שמועסן מיט יידישע שרייבער) — עברית
רבקה באַסמאַן:	טויבן ביים ברונעם
י. צ. שאַרגעל:	פון וויי און גלויבן
דוד זאַקאַליק:	געראַנגל